STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00279

A HOYF AF POKORNE

Jechiel Hofer

Permanent preservation of this book was made possible
by Herb & Carol Dreyer
in memory of
Daniel Dreyer

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יחיאל האָפּער * אַ הויף אויף פּאָקאָרנע

(מיינע וואַרשעווער הייף)

יחיאל האָפּער

מײַנע װאַרשעװער הײַף

אַ הױף אױף פּאַקאַרנע

צײַכענונגען — אריה מערזער

יחיאל האָפּער

אַ הויף אויף פּאַקאָרנע

שטייגער ראָמאַן

ערשטער טייל

פארלאג
י.ל. פרץ
ביבליאטעק
תל-אביב, ישראל

1959

JECHIEL HOFER / A HOJF OF POKORNE

יחיאל האָפער / אַ הויף אויף פּאָקאָרנע
פאַרלאַג י. ל. פרץ־ביבליאָטעק
Publishing I. L. Peretz Library
31 *Allenby Str. Tel-Aviv, Israel.*

©

נדפס בישראל
Printed in Israel 1959

דפוס „אורלי", יסוד המעלה 27, תל־אביב. טלפון 32062



יחיאל האָפער

צום לייענער

זאָל קיינער נישט נעמען דאָס אָנגעשריבענע אין דעם בוך, ווי אַ טייל פון אַן אויטאָביאָגראַפיע, — כ׳מיין דאָס, וואָס איך ברענג אין דער ערשטער פּערזאָן, היינו איך שרייב וועגן זיך און מיינע נאָענטע.

פונקט ווי אַ שרייבער קאָן אין אַ ראָמאַן שילדערן דורך דריטע פּערזאָנען זיין אייגן לעבן, אַזוי קאָן ער שטיקער פרעמד לעבן שילדערן ווי זיין אייגנס. דאָס איז זיין אומבאַשטרייטבאַרע רעכט.

ווייל אין דער שרייבערישער קונסט איז נישט פאַראַן קיין מיינס און דיינס. קאָן דער מחבר מאַכן, אַז דיינס זאָל ווערן זיינס און זיינס זאָל ווערן דיינס, האָט ער זיין ציל דערגרייכט; קאָן ער דאָס נישט, דערגרייכט ער דאָס נישט, איז זיין שרייבערישע טירחה אַן אַרויסגעוואָרפענע.

דאָך זענען פאַראַן אינערלעכע גורמים, וואָס פירן די האַנט פון מחבר גראָד אַזוי צו שרייבן, און נישט אַנדערש. עפּעס וועגן די גורמים, וועלכע זענען ערשט אין פּראָצעס פון שרייבן פאַר מיר קלאָר געוואָרן, וועל איך פּרוּוון דערציילן:

כ׳בין נאָך דער אכזריותדיקער מלחמה צוריקגעקומען קיין פּוילן אין יאָר 1946.

ווען כ׳בין דעמאָלט אָנגעקומען קיין וואַרשע, ווען כ׳האָב דערזען דעם רויטן ציגל־שטויב, וואָס האָט צוגעדעקט די יידישע גאַסן, די פריער צעצווייגטע, הויכע און לאַנגע יידישע גאַסן, וואָס איצט האָבן זיי אויסגעזען ווי קליינע, איינגעשרומפּענע, פאַרוואַרלאָזטע קינדער־קברים, איז מיין ערשטע רעאַקציע געווען — אַנטלויפן, אַנטלויפן! נישט וויינען, נישט שרייען, נישט רייסן זיך די האָר פון קאָפּ נאָר אַנטלויפן, נישט־טערן.

אין איינעם פון די דאָזיקע מאַוימדיקע טעג, אין אַ ווינקל פון מיין חרובער היים, איז פאַר מיר פּלוצים אויפגעגאַנגען אַ בלויע פאַרב. איך אָנהויב נישט מער ווי נאָר אַ בלויע פאַרב. ערשט דערנאָך האָט זיך מיר באַוויזן אַ בלויער הויף, דער בלויער הויף פון די פריע קינדער־יאָרן. ס׳איז פאַר מיר אויפגעגאַנגען דאָס בלוי פון אַלע וואַרשעווער הייף, ווו יידישע קינדער האָבן אַמאָל געוווינט.

דאָס בלוי פון די וואַרשעווער הייף פון די פריע קינדער־יאָרן האָט זיך פאַר מיינע אויגן טראַגיש פאַרמאַכט, געשלאָסן, מיטן בלוי פון די פאַרטונקלטע וואַרשעווער גאַסן אין די ערשטע נעכט פון דער מלחמה, וועלכע האָט אָנגעצויגן מיט דייטשישן גרויל און מיט יידישן אומקום.

און צווישן די צוויי בלויען, — דעם בלוי פון אויפקום און בלוי פון אומקום, האָט זיך געטון אַ גרויס וואַרשעווער יידיש לעבן, מיט עליות און ירידות, מיט רייכקייט און אָרעמקייט, מיט ליכט און שאָטן, מיט יידן און פּאָליאַקן, מיט וואַרשעווער און ליטוואַקעס, מיט ליבע און האַס, מיט אחדות און שנאה, מיט גליק און אָנטוישונגען, מיט לעבן און טויט, מיט הימל און מיט ערד, און מיט דעם אַלעם וואָס דאָס לעבן פון יעדן בשר־ודם טראָגט אין זיך.

דעמאָלט, ווען דאָס אַלץ איז ווידעראויפגעגאַנגען אין מיין דמיון, האָב איך עס דערזעען ווי מיינס, ווי מיין אייגנס, ווי איך אַליין וואָלט אָפּגעטון אַלץ, וואָס איז געטון געוואָרן; ווי איך אַליין וואָלט איבערגעלעבט אַלץ, וואָס איז געלעבט געוואָרן. כ׳וואָלט געשווירן, אַז איך בין געווען אומעטום און אַלץ איז מיט מיר אַליין געשען. כ׳וואָלט זיך בשום אופן נישט געלאָזט איינרעדן, אַז עפּעס פון דעם איז נישט געווען מיינס. אַלץ וואָס כ׳האָב אַמאָל געזען, צי אפילו בלויז געהערט, האָב איך דערנענטערט צו מיין האַרץ, אָנגעוואָרעמט מיט מיין אָטעם.

אַזוי אַרום זענען אַנטשטאַנען „מ י י נ ע וואַרשעווער הייף״, אַ סעריע ראָמאַנען פונעם אַמאָליקן וואַרשעווער יידישן לעבן, אָנהייבנדיק פון די אַכציקער יאָרן פונעם פאָרגאַנגענעם יאָרהונדערט, ביז די ערשטע טעג פון סעפּטעמבער 1939, די ערשטע טעג פון אומגליק און אומקום.

דאָס בוך „אַ הויף אויף פּאָקאָרנע״, וועלכעס דער פאַרלאַג פון דער י. ל. פּרץ־ביבליאָטעק אין תל־אביב גיט אייך, חשובע לייענער, איבער אין די הענט, איז דאָס ערשטע בוך פון דער סעריע. דער אייגנטלעכער, לויט די אַלטע כללים, ראָמאַן, (די חלקים: „מאַטהיעי סוליק, אַניאַ סוליק און עזהאַ סוליק״ שפּילט זיך אָפּ אין די יאָרן 1880—1910).

צי האָב איך באַוויזן עפּעס פון דער וועלט, פון דעם גרויסן, אַמאָליקן יידישן וואַרשע מחיה־מתים צו זיין אין דמיון און אין זכרון פון די לייענער פון דעם בוך — וועגן דעם זאָלן די לייענער אַליין מישפּטן.

*

ס׳איז נישט אָנגענומען אַז אַ שרייבער זאָל דערציילן זיינע לייענער וועגן דער גרויס פון זיין יגיעה וואָס ער האָט אַריינגעלייגט אין זיינס אַ ווערק. דער שרייבער שטעלט נישט אויס דעם לייענער קיין חשבון פאַר זיין מי. ער האָט נישט דאָס מינדעסטע רעכט דערצו. דער השבון (אָן אַ חשבון) צווישן שרייבער און לייענער איז לגמרי אַן אַנדערער.

אָבער די מי וואָס אַ זייטיקער (און שוין גאָרנישט קיין זייטיקער) מענטש האָט אין דעם בוך אַריינגעלייגט, דאַרף בפירוש יאָ דערמאָנט ווערן.

מיין פרוי, חנה (האַנקע), פון דער היים דאַבזשינסקי, איז געווען מיין ערשטע און פילמאָליקע לייענערין. זי איז אויך געווען די לעצטע לייענערין פאַרן אַריינגעבן דאָס בוך אין דער דרוק־מאַשין.

אַ דאַנק איר אויסערגעוויינלעכן ליטעראַרישן געשמאַק, איר ליטעראַריש וויסן און קענען, האָב איך אויסגעמיטן אַ סך שטרויכלונגען אין דעם בוך. פאַר די וואָס זענען אין בוך יאָ פאַרבליבן, טראָג איך אַליין און פּערזענלעך די אויסשליסלעכע אַחריות.

אַ חוץ דעם, אָן איר וואָלט איך בכלל, נישט דאָס בוך און נישט עפּעס אַנדערש, נישט געווען אָנגעשריבן.

תל־אביב, סעפּטעמבער 1958.

ד ע ר מ ח ב ר

ליטוואַקעס

די פּאָקאָרנע

די פּאָקאָרנע גאַס איז געווען קורץ און ברייט. די הייזער זענען אויף איר געשטאַנען ווי שיפן צוגעאַנקערט אין פּאָרט, גרויסע און קליינע. פון איין זייט האָט זיך די גאַס צעגאָסן אין אַ רוי, פאַרוואָרלאָזט פעלד און פון דער צווייטער — אין אַ פּלאַץ, געדיכט באַוואַקסן מיט הילצערנע געווועלבער און בוידן, וואָס האָט זיך גערופן „וואָלוווקע". אויפן פעלד פלעגן אין די בלאָע, קילע פאַרטאָגן פאַרפאָרן פויערישע פורן מיט פרישער פּוטער, קעז, אייער און גרינצייג. — און אַנטקעגן אויף דעם פּלאַץ, אויף דער וואָלוווקע, פלעגן יעדן טאָג יידן פון די נאָענטסטע גאַסן — פון ניזקע, אָסטראָווסקע און וואָלינסקע עפענען זייערע בוידן מיט אַלטוואַרג, מיט אַלטע שטיוול, אַלטע פּאַלטאָס און אַלטע קאַפּעליושן.

אויף דער פּאָקאָרנע גאַס האָט זיך געטראָגן אַ געמישטער ריח פון פעלד און האַרטער לעדער. אויף די טירן פון די געווועלבער זענען געהאָנגען בלעכערנע שילדן, אויף וועלכע ס'זענען געווען אויסגעמאָלן מיט רויטע און שוואַרצע פאַרבן צוויי גאַנצע האַרטע לעדערס, ווי די פּאַנצערס. אין די געווועלבער האָבן יידן אין לאַנגע קאַפּאָטעס געשניטן מיט קורצע, שאַרפע מעסערס די האַרטע לעדערס און זיי געוואָרפן אויף דער וואָג. דאַרע גויים, שוסטער, פלעגן אַריינלייגן די אָפּגעשניטענע שטיקלעך לעדער, וואָס די יידן האָבן זיי געגעבן אויף קרעדיט — אין קליינע לייווענטענע, טונקל־בלויע זעקלעך. אַלע נישט־יידישע שוסטער האָבן געהאַט זעקלעך פון דער זעלבער גרויס און פון זעלבן קאָליר. די שוסטער האָבן זיך פאַרהאַלטן מאָדנע שטיל, ווי פאַרבליפט פון די יידנס צוטרוי צו זיי.

אין די זייטן פון די געווועלבער, ביי האַלב־פאַרמאַכטע טירן, זענען געשטאַנען מאַשינען צו שטעפן כאָלעווקעס. יידן מיט גראָע בערדלעך, אין אַלפּאַגענע וועסטלעך — זענען געזעסן ביי די מאַשינען און געשטעפּט.

די שטעפּמאַשין פּלעגט זיך שאָקלען איבער דער כאַלעווקע, ווי אַ קאָפּ פון אַ פערד מיט איך צאָן אין מויל.

*

אויף דער פּאָקאָרנע גאַס איז שטענדיק געווען טומלדיק און געדיכט פון מענטשן. כמעט אַלע האָבן געהאַלטן זעק אונטער די אָרעמס. מיר האָט זיך עפּעס אויסגעדאַכטן, אַז אַלע מענטשן, וואָס האַלטן זעק אונטער די־ אָרעמס — זענען גנבים. די קריסטן מיט די טונקל־בלויע לייוונטענע זעקלעך אונטער די אָרעמס האָבן מיר אויסגעזען צו זיין גאָר פּאַרדעכטיק.

פון צייט צו צייט פּלעג איך נאָך דאַמאָלט הערן פון עלטערע מענטשן וועגן כוליגאַנעס, וואָס זענען אַמאָל געקומען מיט זעק אין שטאָט אַריין גרייט צו ראַבירן; וועגן צלמים, וואָס קריסטן האָבן מיט בלויען קרייד אויסגעמאָלן ביי זיך אויף די טירן; וועגן סאַמאָאָבראָנע; וועגן אַ יידיש דינסט־מיידל וואָס האָט אויף אַ שטעקן פון אַ באַרשט אָנגעהאָקט טשוועקעס און דערמיט דערהרגעט אַ כוליגאַן אויף אַ דאַך. אָפּגעריסענע גרויל־געשיכטן, וועלכע כ׳האָב נישט פאַרשטאַנען, נאָר וועמענס אָנגעלאָדנקייט מיט שרעק כ׳האָב גוט געפילט, האָבן מיך געמאַכט צעטומלט און פאַר־לוירן. דער עכאָ פון די רוסישע פּאָגראָמען האָט נאָך דאַן הויך און טרויעריק אָפּגעקלונגען אין די יידישע הערצער. די פאַרלוירנקייט, וואָס האָט זיך געפילט אין די ווערטער פון די עלטערע מענטשן, איז טיף אַריינגעדרינגען אין דער נשמה פון יידישן קינד און אויפגעוועקט אין אים די שרעק, וואָס ער האָט געטראָגן אין זיך בירושה פון דורות, און געשאַפן אויף לאַנגע יאָרן, און אפשר אויף אייביק, אַ מחיצה צווישן אים און דער נישט־יידישער וועלט.

און די פּאָקאָרנע גאַס האָט גערעשט. ברוינע זעלנערישע וועגעלעך אויף פיר רעדער, אין וועלכע ס׳זענען געווען איינגעשפּאַנט קליינע סי־בירסקע פערדלעך, האָבן פאַמעלעך און הויך, מיט אַ סקריפּ, זיך געוויגט איבער די קיילעכדיקע שטיינער פון דער גאַס. די וועגעלעך זענען געווען אָנגעלאָדן אָדער מיט פירעקיקע ראַזאָווע ברויטן אָדער מיט זעלנערישע שטיוול, צי גאָר מיט שינעלן. דאָס אַלץ פלעגט מען פירן אין ציטאַדעל.

ווי ס׳האָבן סטאַציאָנירט קאָזאַקן, וואָס האָבן געטראָגן בלויע הויזן, מיט רויטע ליאַמפּאַסן און יעדער פון זיי האָט געהאַט ביים לינקן אויער אַ גרויסע, דיקע פּאה. יעדן פאַרנאַכט פלעגן די קאָזאַקן, רייטנדיק אויף פערד מיט לאַנגע נאַהייקעס אין די הענט, אַראָפּיאָגן די יידן און דאָס יונגוואַרג, וואָס זענען געקומען כאַפּן אַביסל פרישע לופט אויף דעם „וואָינעם פּלאַץ״.

נעבן די פאַרנדיקע מיליטערישע וועגעלעך, אויפן עק פון טראָטואַר, פלעגט גיין אַן עלטסטער און היטן דעם טראַנספּאָרט. אויפן וועג האָט ער נישט זעלטן דערוויל אַראָפּפאַרקויפט עטלעכע ראַזאָווע ברויטן און טייל־מאָל אַפילו אויך אַ פּאָר זעלנערישע שטיוול.

*

ביים ראָג פון דער פּאָקאָרנע, נעבן דער „וואָלוווקע״ איז כסדר געווען אַ גרויס געדראַנג. הונדערטער מענטשן זענען געשטאַנען איינער אַנטקעגן דעם אַנדערן און זיך קעגנזייטיק עפּעס אַרויסגענומען פון די הענט צו באַקוקן. ס׳פלעגן אויסברעכן סיכסוכים, ס׳פלעגן זיך מאַכן גראַטשקעס. ס׳האָט זיך אָפּט געהערט דאָס פּאָליצייאישע פייפערל פון דעם „סטאָיקאָווי״ מיט דער לאַנגער געלער באָרד, וואָס איז געשטאַנען אויף „סטאָיקע״ אויף דער וואָלוווקע, האָט געמאַכט אָרדענונג און געהאַלטן אין איין פירן עמעצן אין „צירקל״ אַריין. די יינגלעך האָבן דעם סטאָיקאָווי מיט דער געלער באָרד גערופן „רבי׳לע״ און דערציילט וועגן אים, אַז ער איז אַ געשמדטער ייד.

מיך האָט אַזוי נישט געשראָקן דער סטאָיקאָווי מיט דעם גרויסן היטל, מיט דעם גלאַנציקן דאַשעק און דענקע, מיט די בלויע הויזן און מיט דער שווערד ביי דער לינקער זייט, אָט דער פאַרשטייער פון עפּעס אַ גרויסן כוח, וואָס פירט אַוועק מענטשן פונוואַנען איך בין געווען זיכער, אַז מען קומט שוין קיינמאָל נישט צוריק, ווי ס׳האָט מיך געשראָקן דאָס, וואָס ער איז געשמד׳ט. ווען איך האָב געקוקט אויף אים פונדערווייטנס, (נאָענט בין איך קיינמאָל צו אים נישט צוגעגאַנגען), האָט זיך מיר אויס־געדאַכטן, אַז איך זע אַ מענטש פון יענער וועלט, עפּעס אַ לעבעדיקן מת.

דאָס „רבי׳לע״ האָט געשמעקט טאַביק און געשנייצט די נאָז אין אַ גרויסער, רויטער פאַטשיילע, ווי להבדיל אַ ייד אַ חסיד. מיר איז געווען אַ ווונדער וואָס די יידן פון די געוועלבער און פון די בוידן זענען אַזוי היימיש מיטן „רבי׳לע״ און נעמען אַמאָל ביי אים גוטברודעריש אַ שמעק־טאַביק. אַ ייד זאָל נעמען אַ גויאישן שמעק־טאַביק, דאָס איז געווען גאָר עפּעס אַן אויסטערלישקייט. ס׳ערשטע מאָל אין מיין לעבן האָב איך געזען, אַז אַ גוי זאָל שמעקן טאַביק. דאָס און נישט זיין געלע, לאַנגע באָרד, האָט מיך ענדלעך איבערגעצייגט, אַז דאָס „רבי׳לע״ איז אַ געשמד׳טער.

די יידן, וואָס האָבן געהאַט די געוועלבער אויף דער פּאַקאָרנע האָבן מיר אויך אויסגעזען מאָדנע. עפּעס גאָרנישט ענלעך צו מיין טאַטן, וואָס איז געווען פון מיטלוווקס, מיט אַ קליין, שוואַרץ, שיין פּאַרקעמט בערדל. די פאַרב פון זיין פּנים איז געווען אַן אײדל געמיש פון גרין מיט ראָזאַ. ער האָט געהאַט טונקל־ברוינע אויגן, אַ דין געשניצטע נאָז און קליינע, ווייסע הענט, אין וועלכע ער פלעגט גייענדיק האַלטן אַ זילבערנעם שטעקן. די יידן פון פּאַקאָרנע דאַקעגן זענען געווען הויכע, מיט לאַנגע הענט און גרויסע פיס אין הויכע שטיוול. זיי האָבן געהאַט שוואַרצע אָדער גראָע אויגן און ברוינע פּנימער. זיי זענען געגאַנגען אין לאַנגע צייגענע צי־אַלפּאַגענע כאַלאַטלעך און ס׳האָט זיך געהערט פון זיי אַ ריח פון האַרטער פאָדעשיווע־לעדער.

זיי האָבן גערעדט הויך, די יידן פון די פּאַקאָרנע געוועלבער, אומ־נאַטירלעך הויך און מיט הייזעריקע שטימען, מיט אָנגעשטרענגטע העלדזער, אויף וועלכע ס׳האָט זיך אָנגעזען אָנגעצויגענע און אָנגעלאָפענע אָדערן. זיי האָבן סיי זומער סיי ווינטער געווישט די פאַרשוויצטע שטערנס מיט גרויסע קאָלירטע נאָז־טיכלעך. זיי האָבן זיך האַסטיק באַוועגט אין ברייט זשעסטיקולירט.

*

איבער אַ שטיק וואָלוועקע, וואָס מען האָט געזען פון דער פּאַ־קאָרנע גאַס — האָט זיך געטראָגן אַ גאָלדענער שטויב. ער איז געקומען פון דער גאָלד־מאַטאָווער זון, פון די העל־זעלנערישע שינעלן און פון

דאָס רבי׳לע...

די געלע שטיוול, וואָס מאָסן זעלנער פלעגן זיי צאַרט גלעטן מיט זייערע האַרטע הענט. געלע, זעלנערישע שטיוול — איז געווען איינער פון די הויפּט־מסחרים אויף דער וואָלוווקע. הונדערטער זעלנער און סתם גויים פלעגן האַלטן אין די הענט צו אַ פּאָר געלע שטיוול. צוערשט פלעגן זיי אויסציִען גלייך די כאַלעוועס, ווי אַ האַרמאָניע, דערנאָך איבערדרייען, פּרוּוון איינבייגן די פּאָדעשווע און קלאַפּן אין איר מיט אַ פאַרבויגענעם פינגער, ווי מען קלאַפּט אין אַ פענצטער אַריין.

אין די געוועלבער און אין די בוידן אויף דער וואָלוווקע זענען געשטאַנען יידן מיט זייערע גאַנצע משפחות. מען האָט נישט גערעדט אַזוי פיל הענט ווי אויגן. ס׳פלעגן אָפּט אויסברעכן געשלעגן. פּלוצים האָט אַזאַ שטילער, גאָרנישט רעדנדיקער גוי אַ בליק געטון מיט אַ לאַנג מעסער, וואָס ער פלעגט אַרויסציִען פון שטיוול.

די יידן אין די לאַנגע קאַפּאָטעס און זייערע צעשריגענע ווייבער פלעגן זיך מאָדנע גרינג אָן עצה געבן מיט די צעיושעטע גויים. ווי געניטע פייער־לעשער פלעגן זיי שנעל און געשיקט פאַרלעשן דעם גוי׳ס כעס, וואָס האָט געקאָנט אין געציילטע מינוטן זיך פאַרוואַנדלען אין אַ בלוטיק געשלעג.

די יידן — פאַרקויפער, פלעגן אַ סך רעדן, און די גויים, די קויפער, פלעגן נאָר שווייגן, טאַפּן די שטיוול, קוקן אויף זיי און שווייגן, אַמאָפּטסטן אַוועקגיין מיט גאָרנישט, נישט אַרויסזאָגנדיק קיין וואָרט, פאַרוואָס זיי קויפן נישט.

פאַרנאַכט, ווען סטאַיקאָוועס און סטרוזשעס פלעגן אַראָפּיאָגן מיט געוואַלט דעם עולם הענדלער פון דער וואָלוווקע, פלעגן זומער־צייט ביים ראָג פון דער גאַס בלייבן שטיין בלויז די וועגעלעך מיט סאָדע־וואַסער, און ווינטער־צייט — יידן מיט בלעכן קאָכעדיקע, דיקע קישקעלעך. שפּעטער פלעגן צו זיי צוקומען פרויען און קינדער מיט קוישן פרישע בייגל. די האַלצערנע, ברוינע געביידעס פון דער וואָלוווקע זענען ווי אומעטיקע און מידע צוגעפאַלן צו דער ערד, און די אויסרופן פון די וואַסער־ און בייגל־הענדלער האָבן לאַנג און טרויעריק אָפּגעקלונגען אין דער נאַכט.

אַ קינד אין פּאַרנאַכטן

צוערשט האָבן מיר געוווינט אין פּראָגט פון אַ הויז אויף פּאָקאָרנע. פון דער צייט געדענק איך נאָר דעם רעכטן ווינקל פון הויף, ווו ס'האָט זיך געטוליעט דאָס גרינע פענצטער פון סטרוזש פּאַוועלס שטוב. אין דעם ווינקל זענען געשטאַנען צוויי שטאַרע, פּאַרוויקלטע, ווייס־רויט־בלויע, רוסישע פענער. אויף אַ קיילעכדיקן שטריק, ווי אַ בייגל, זענען געהאָנגען ביי די אויערן קאָלירטע נאָפּט־לעמפּלעך, וועלכע פּאַוועל פלעגט אין אַ „גאַלווקע״ אַרויפציען אויף אַ שטייפן דראָט לענג אויס דעם הויז — און זיי ביינאַכט אָנצינדן. מיט דער פּלייצע צו דער וואַנט איז געשטאַנען אַן אויסגעקראָכענער פּאָטעל, וועלכן מען האָט אַרויסגעוואָרפן פון דער „באַוואַריע״. אויף דעם פּאָטעל פלעגט פּאַוועל אין די נעכט, סיי ווינטער סיי זומער, זיצן אין טויער אין אַ שעפּסענעם פּעלץ און וואַרטן אויף פּאַרשפּעטיקטע לאָקאָטאָרן. אין דעם ווינקל האָט זיך געטראָגן אַ פּאָלי־צייאישער ריח פון צירקל און רעווירוואָוע.

אויפן פענצטער פון סטרוזש פּאַוועלס שטוב זענען געשטאַנען בלומען־טעפּ, וואָס האָבן שטענדיק געבליט מיט רויטע גרעבלעכע בלומען. אינמיטן פענצטער — אַ בלאָע, פּאָרצעלייענע פיגור פון דער הייליקער מאַמען. אין טויער, נעבן דעם סטרוזש'ס טיר איז שטענדיק געשטאַנען אַ נידעריק בענקעלע, אַרום וועלכן ס'זענען געלעגן סטערטעס מיט ריטלעך, וועלכע פּאַוועל האָט כסדר געשניצט און געמאַכט פון זיי בעזעמער. איך האָב קיינמאָל נישט געזען פּאַוולען קערן דעם הויף, איך האָב אים נאָר שטענדיק געזען מאַכן בעזעמער. פון צייט צו־צייט פלעגט ער איבעררייסן די אַרבעט, פּאַמעלעך זיך אויפשטעלן, בנימותדיק אַראָפּנעמען דעם פּאַסיק פון די הויזן און ווי אַן אונטערגעשאָסענער זיך אַ ריס טון, לויפן, יאָגן די קינדער, וואָס האָבן זיך טומלדיק געשפּילט אויפן הויף.

פון יענער צייט געדענק איך נאָר צוויי שכנים, אַ שוואַרצע יידענע,

אַ ליטוואַטשקע, וואָס האָט גערעדט הייזעריק און שטענדיק געהאַט צו טון מיט שילאָוועס. איר מאַן איז געווען אַ העברעאישער לערער. געטראָגן אַ שוואַרצן, האַרטן קאַפּעליוש און אַ צייגן כאַלאַטל. זיי האָבן געהאַט צוויי שוואַרצע, ווי פּאַריסטע, טעכטער און אַ זון אַ טויב־שטומען. ער האָט געהייסן — אַלטער.

איך געדענק ווי אַמאָל, אין אַ שנייאיקער ווינטער־נאַכט, האָט מיך די הייזעריקע ליטוואַטשקע מיטגענומען אין גאַס אַריין, און מיר דאַכט זיך, אַז זי האָט געקויפט שילאָוועס ביי אַ דראָזשקאַזש, וואָס האָט זיי אַרויסגענומען פון אָנגעצינדענעם לאָמטערל ביי דער זייט פון דער דאָראָזשקע. די שילאָוועס זענען געהאָנגען אויף אַ שטרוי, וואָס איז געווען אַדורכגעצויגן דורך זייערע טויטע קעפּלעך.

דעם צווייטן שכן האָט מען גערופן „אַדוואָקאַט", אויך אַ ליטוואַק. ער האָט געהאַט צוויי זין: איגנאַץ און אַראָן, און אַ טאָכטער — אַננאַ. די זין זענען געווען „סטודענטלעך". געטראָגן שוואַרצע מונדירן מיט „גוויאַזד־קעס" און מעשענע קנעפּ („מאַניאַקעס"). דער טאַטע מיט די זין פּלעגן אָפּט זיצןביים טיש אין די גאַטקעס און הויך זופן טיי פון טיי־שעלעכלעך. אויפן טיש האָט געזאָטן אַ מעשענער סאַמאָוואַר. דער „אַדוואָקאַט" פּלעגט זיך מיט אונדז שפּילן אין דער „בלינדער באָבען". ער פּלעגט מיט געוואַלט אַריינשלעפּן די דינסט מאַרטאַ, אַ דייטשקע, אין דער שפּיל. ער פאַר־בינדט זיך דאַמאָלס אַליין די אויגן און ס׳קומט שוין אַלעמאָל אַזוי אויס, אַז ער כאַפּט שטענדיק נאָר די דינסט, מאַרטאַ, און דאָס נאָר ביי די ברוסטן, שרייענדיק מיט הנאה: „מאַם ציע! מאַם ציע"!

*

אין די פאַרנאַכטן פלעג איך טיילמאָל זיצן אויף אַ הויך בענקעלע נעבן פענצטער. אויף דער גאַס לויפט אַ מענטש מיט אַ הויקער. ער לויפט פון איין זייט גאַס צו דער צווייטער, פון איין טראָטואַר צום אַנטקעגנאיי־בערדיקן. ער האַלט אַ לאַנגן שטעקן אָנגעשפּאַרט אויף זיין אויסגעבויגע־נעם, ווי אַ שיסעלע אָרעם. אויפן שפּיץ פון הויכן שטעקן מיניעט זיך



א קינד אין פארנאכטן...

אַ רויט פּייערל. מיט אַ פלינקער באַוועגונג, ווי ער וואָלט געמאַכט כישוף, לייגט ער צו דעם שטעקן צו דער גאַז־לאַמטער און זי צינדט זיך אָן מיט אַ שאָס, ווי פון אַ פריש־געעפנטער פלאַש ביר.

ווינטער פאַרנאַכט. אַ געלער שניי ליגט אויף דער גאַס. עס גייט אַ קריסטלעכע לוויה. איינער אין אַ ווייס העמד טראָגט פאָרויס אַ שוואַרצן צלם. דערנאָך גייט דער גלח מיט אַ קליין שוואַרץ „סידורל" אין דער האַנט. דערנאָך די טרומנע. פיר געזונטע, מיט רויטע נעז גויים טראָגן פיר אָנגעצונדענע לאַמטערנעס אַרום דעם טונקעלן קאַסטן מיטן טויטן. נאָכן קאַראַוואַן אַ גרופּע שווייגנדיקע מענטשן אין די בלויזע קעפּ.

אין דער פאַרנאַכטיקער טונקעלער גרויקייט האָט מיר די גאַס מיט די קיילעכדיקע שטיינער אויסגעזען ווי אַ ריזיקער פיש מיט גרויסע האַרטע שיפּן. דער בין־השמשות האָט וויברירט אין דער דורכזיכטיקער לופט און געמאַכט זי וואָס אַמאָל טונקעלער. מיין שוועסטער העלענע איז געזעסן נעבן פענצטער און געהיטן איך זאָל נישט אַראָפּפאַלן. זי האָט געלייענט אַ בוך אָדער אויסגענייט אַ סערוועטל „רישעליע". אַ קליין, ווייס נאָז־טיכעלע איז געלעגן פאַרקוועטשט אין אירע דינע פינגער. ס'איז מיר געוועזן אומעטיק. כ'האָב אָפט געהאַט דאָס געפיל, אַז די גאַס שווימט און צוזאַמען מיט דער גאַס שווימט מיין גרויסע שוועסטער העלענע און איך. כ'טרעפט, אַז איך פאַרקוק זיך אויף אַ מינוט אין איין פונקט, און אַ שטאַרקע כוואַליע גיט מיך אַ הויב און אַלץ אַרום הייבט אָן ווערן באַוועגלעך, פליסיק. ס'פאַלן זיך צוזאַמען די ווענט אין אַ טונקעלן הויכן באַרג, אויף וועלכן כ'וויל קלעטערן, נאָר פאַל כסדר צוריק אַראָפּ. פלוצים צעשטראַלט זיך אַ ברייטער וועג, אויף וועלכן ס'גייט אַ קליין יידעלע מיט קרומע פיס, ווי אַ בייגל, און דרייט האַסטיק מיטן שטעקעלע, וואָס ער האַלט אין זיין רעכטער האַנט. כ'קריג שטאַרק מורא פאַרן יידל, וואָס דערנענטערט זיך צו מיר. מיר דאַכט זיך, ער איז בלינד און שמייכלט אַזוי אומהיימלעך. כ'ברעך אויס אין אַ שטאַרקן געוויין און כאַפּ זיך אויף אין אַ באַלויכטענער שטוב אין מיין מאַמעס וואַרעמע אָרעמס.

זומער פלעגן די מעשענע טעלער פון סטאַרשי־פעלדשער, וואָס האָט געהאַט אַנטקעגנאיבער אונדז אַ ראַזורע, בלאַנקען מיט זון און

וואַרעמקייט. אויף דער גאַס האָט מען פּאַרקויפט אַ סך באַניקערן און סע־מעטשקעס. זעלנער און קאָזאַקן פון „וואָינעם־פּלאַץ" פלעגן גיין מיט זייערע שיקסעס שפּאַצירן. מיט שנעלע באַוועגונגען נישט איבערייסנדיק דעם שפּאַציר, וואַרפן זיי אַריין אין די קרומע הויזן־קעשענעס צו עטלעכע גלעזער סעמעטשקעס.

דורך די פענצטער פון אונדזער דירה האָט מען אויך געזען אַ קליין הייזל, וואָס איז געשטאַנען אויף דער צווייטער זייט גאַס. דאָס איז געווען אַן אַלטע, אָפּגעלאָזענע געביידע, וואָס האָט זיך מיט איר אויבערשטער טייל ווי אַריבערגעבויגן אין דער גאַס אַרויס, און געהאַט איין פּאַציאַטע־שטיבעלע אונטערן בלעכערנעם דאַך. די פּאַציאַטקע איז געווען אין סאַמע מיטן דאַך און האָט אויסגעזען, ווי אַ של־ראש אויפן קאָפּ פון אַ מידן אַלטן ייד. די צוויי זייטן פון דאַך וואָס זענען זיך צעגאַנגען פון דער פּאַציאַטקע האָבן אויסגעזען ווי צוויי אָפּהענטיקע אַרעמס און האָבן זיך פאַרענדיקט מיט צוויי לאַנגע, אַראָפּהענגנדיקע, אוממעכטיקע, אָפענע הענט פון צוויי בלעכערנע רינעס.

נעבן דעם פענצטער פון דער פּאַציאַטע איז געזעסן ביי אַ מאַשין מאַטעלע די נייטאָרין און געניית ווייסע וועש. זי האָט געניית שנעל, אַז די גאַנצע מאַשין האָט פון אַנשטרענגונג געציטערט. זי האָט האַסטיק באַוועגט מיט די פיס און אויך דער אויבערשטער טייל קערפּער האָט זיך ביי איר געוויגט. מיטן עלנבויגן פון דער רעכטער האַנט האָט זי אָפּגע־שטופּט די געניייטע ווייסע לייוונט וואָס איז כסדר אַנגעשווומען פון אונטער דער פלינקער נאָדל פון דער ניי־־מאַשין, און האָט אויסגעזען ווי אַניוירנ־דיקע מידלינעס אין אַ גרויסער באַליע וועש.

מאַטעלע האָט געוווינט צוזאַמען מיט איר אַלטער מאַמען. זי איז געווען זייער אַן איידעלע, אַ הויכע, אַ דינע, מיט אַ ביסל אַ לענגלעכדיק פּנים, מיט שאַטינע האָר. איך פלעג זי כמעט יעדן טאָג זען דורך אונדזער פענצטער. פון צייט צו צייט פלעגט זי אַרויפקומען צו אונדז. זי פלעגט פאַר אונדז אויך נייען. זי האָט געהאַלטן אין האַנט אַ קליין געלט־בייטעלע, אין וועלכן זי פלעגט אַריינלייגן זילבערנע מטבעות און פּאַפּירן־געלט.

איך האָב באַוווּנדערט איר דרייסטקייט, וואָס זי האָט נישט קיין מורא צו נעמען אַזוי פיל געלט. מיר איז געפעלן איר הויכקייט, איך האָב ליב געהאַט איר קומען צו אונדז. שפּעטער, אַז מיר האָבן זיך איבערגעצויגן אין אַן אַנדערער דירה, האָב איך מאַטעלען געזען נאָר איין מאָל, ווען זי איז געקומען צו אונדז קיין אָטוואָצק אויף עטלעכע טעג עפּעס אויפצונייען. זי איז געווען זייער שטיל און זייער ווייניק געגעסן.

אַ שטאָק נידעריקער אונטער מאַטעלעס פּאַציאַטע־צימערל איז געווען אַ גרויסע דירה געדיכט באַוווינט פון דערוואַקסענע מענטשן. די פענצטער פון דער וווינונג פלעגן אָפט שטיין אָפן, און מען האָט דורך זיי געזען שטובן פול מיט בעטן און פול מיט דערוואַקסענע בחורים אין לאַנגע שוואַרצע קאַפּאָטעס. איך האָב דאָרט געזען אַן אַ שיעור ווייס בעטגעוואַנט און אַן אַ שיעור שוואַרצע קאַפּאָטעס. מען האָט אויסגעטון די קאַפּאָטעס און אָנגעטון די קאַפּאָטעס, געטראָגן דאָס בעטגעוואַנט אַהין, געטראָגן אַהער. דאָס משונה׳דיקע בילד פון אַ צעפּאָרענער שטוב, האָט מיך אויסערגעוויינלעך פאַרכאַפּט. כ׳האָב נישט פאַרשטאַנען וואָס דאָרט קומט אַזעלכעס פאָר. עפּעס איז דאָרט געווען, ווי אַלע רגע וואָלט געשען אַ קאַטאַסטראָפע. איינמאָל אין דער פרי, ווען כ׳האָב זיך צוגערוקט דאָס בענקעלע צום פענצטער און זיך אויף אים אַרויפגעשטעלט, בכדי קאָנען אַרויסקוקן, האָב איך דערזען, אַז אין איינער פון די שטובן פון דער אַנטקעגנאיבערדיקער דירה — שטייען אויף דער פּאָדלאָגע צוויי ברענענדיקע ליכט אין לייכטער און אויף דער פּאָדלאָגע ליגט עפּעס אַ לאַנגע, שוואַרצע זאַך. ס׳זענען געקומען מענטשן און אַוועקגעגאַנגען מענטשן. מען איז געלאָפן אַהין, מען איז געלאָפן אַהער. שפּעטער האָט מען צוגעמאַכט אַלע פענצטער פון אַלע שטובן. דאַמאָלס האָט מען מיך אַוועקגענומען פון דאָרט און איך האָב מער גאָרנישט געזען. צומאָרגנס זענען ווידער געווען אָפן די פענצטער. און איך האָב ווידער געזען בעטגעוואַנט און ווידער שוואַרצע קאַפּאָטעס.

*

מען האָט אויף דער גאָס פאַרלייגט אַ טעלעפאָן־קאַבעל. אין גריבער, וואָס זענען געמאַכט געוואָרן אין מיטן טראָטואַר, זענען געזעסן מענטשן

ביזן האַלבן קערפּער אין דער ערד און געשלעפּט אַ דיקע, צינערנע קישקע. פון דעם וואָס מען האָט מיר דערקלערט האָב איך זיך דערטראַכט, אַז דאָס איז דער טעלעגראַף און אַז די מענטשן אין די גריבער האַלטן כסדר אין איין קלאַפּן טעלעגראַמעס.

דער בלויער הויף

דערנאָך האָבן מיר זיך איבערגעצויגן אין אַ נייער דירה אַריין אין דעם זעלבן הויף. אין אַ הייסן תמוז־טאָג, דעם אַכטן יולי — „יאַהאַנע" האָט מען גערופן די דאַטע, זענען געקומען יידישע טרעגערס אין גרויסע, אויסגעגלאַנצטע וועסטן, פון וועלכע עס האָבן זיך אַרויסגעזען ברייטע אַרבל פון גראָבע, לייוונטענע העמדער — און צענומען און אַריבערגעטראָגן אונדזער מעבל אין דער נייער דירה אַריין.

די גרויסע, שווערע דעמבענע שענק, ווי די מויערן, מיט די שטאָל־צע, געשניצטע קעפּ זענען פּוסטע און צענומענע געשטאַנען אברים־וויז אָנגעשפּאַרט ביי די ווענט. אַלץ, וואָס איז אין שטוב געווען מעכטיק און נישט צוטריטלעך פאַר אונדז, קינדער, האָט זיך אונדז אויסגעזען איצט ווי שפּילזאַכן. די גאַנצע דיסציפּלין און דרך־ארץ פאַר די גרויסע שטובן, שווערע מעבלען און אפילו פאַר די דערוואַקסענע מענטשן — איז ערגעץ אין דעם משונה׳דיקן הו־האַ פאַרשווינדן געוואָרן. מיר האָבן זיך איצט צוגעריכט צו זאַכן, וועלכע זענען פאַר אונדז ביז איצט געווען אומבאַריר־באַר. דאָס, וואָס האָט ביז איצט געהאַנגען אונטערן סאַמען סופיט — האָט זיך געוואַלגערט אויף דער פּאָדלאָגע. זאַכן, וואָס זענען ביז איצט געווען אַ שטענדיקער באַשטאַנד־טייל פון אונדזער דירה — זענען איצט האַלב צעבראָכענע געלעגן אין ווינקל, ווי מיסט. מינוטנווייז האָט דאָס אונדז, קינדער, אינטערעסירט און אפילו געוויילט, דאָך האָבן מיר זיך געפילט ווי פאַרלוירן און נאָך מער הילפלאָז אין די גרויסע, האַלב־ליידיקע שטובן מיט די געפאַלענע גרויסקייטן.

אויפן סאַמע סוף האָבן די טרעגער איבערגעטראָגן דעם גרויסן טיש פון עס־צימער. ביז דער לעצטער רגע זענען אויף אים געשטאַנען געעפנ־טע פלעשער בייעריש־ביר. יעדעס מאָל, נאָכן אַריבערטראָגן אַ גרעסער מעבל־שטיק, פלעגן די טרעגער זיך אָנגיסן אין אַ קופּערנער שעפּ אַריין ביר און אויסטרינקען. אויפן טיש, אַרום די פלעשער, האָבן זיך געמאַכט וואַסערדיקע רעדלעך פון ביר־שוים. די דינסט, האָדעס, איז שוין געווען אין דער נייער דירה און דער טיש איז געבליבן אויף הפקר. ערשט ווען מען האָט אים אַרויפגעבראַכט אין דער נייער דירה אַריין האָט מען באַ־מערקט אונטער זיין איידעלער הויט געשוואָלענע וואַסערדיקע, קיילעכדי־קע בערגלעך פון דעם פאַרגאָסענעם ביר.

מיטאָג האָבן מיר נאָך געגעסן אין דער אַלטער דירה, נאָר דער פאַרנאַכט איז שוין צוגעפאַלן אין דער נייער. ס'איז געווען אַ קליין, אומע־טיק שטיקל פאַרנאַכט, וואָס האָט זיך פון פלוצים טונקל־געוואָרענעם טויער אַריינגעקאַלערט אין הויף־אַריין און אָנגעפילט די איינגענג צו די האַלצערנע, געדרייטע שטיגן. אויפן דאַך איז נאָך געלעגן אַ שטיק העל־אַמאַראַנטאָווע זון און געוואָרעמט אַ מידע קאַץ.

אונדזער דירה האָט זיך געפונען אויפן הויף, אין דער לינקער אָפיצינע, אויפן צווייטן שטאָק. פון אונדזערע פענצטער האָט מען געזען די קעגנאיבערדיקע אָפיצינע מיט פענצטער ווי אונדזערע, פאַרהאָנגען מיט גאַרדינען, פאַרלייגטע אין געדיכטע פאַלדן. מען האָט געזען דעם עק פון שפּיציקן, בלעכערנעם דאַך מיט די קליינע בוידעם־פענצטערלעך, ווי שטיינער פון אַ דאַמינע.

מיין שוועסטער עווא און איך, האָבן כסדר געעפנט די טיר אין דעם סאַלאָן אַריין, וועלכער איז נאָך געווען פּוסט, און אין אים עפּעס אַריינגע־שריגן. מיר האָבן אַ רגע געוואַרט ביז ס'האָט זיך דערהערט אַ ווידער־קול און לאַנג נאָך איינגעהערט זיך, ווען עס איז שוין געווען אינגאַנצן שטיל און פאַרשוווּנדן. אין אָנפאַנג איז עס געווען אַ שטיפעריי, ס'האָט אונדז געוויילט דאָס, וואָס מיר מאַכן אַליין אויף די טיר, וואָס די שטוב איז פּוסט און וואָס מיר הערן נאָך אונדזער קול, כאָטש מיר שרייען שוין נישט. דערנאָך זענען מיר ביידע געוואָרן ערנסט. מיר האָבן זיך פּלוצים

און גערן געלאָזט זיך פון זיי אַ טשעפּע טון...

דערשראָקן פאַרן ווידער־קול וואָס איז מיט אונדז פאַרבונדן, כאָטש מיר ווייסן נישט ווער עס איז און פונוואַנען עס קומט. מיר האָבן געפּרוווט ווייטער שרייען, מיט דער האָפענונג, אַז דאָס ווידער־קול וועט אונדז כאָטש איינמאָל נישט נאָכשרייען. אָבער אומזיסט. ווען מיר האָבן זיך ענד־לעך איבערצייגט, אַז דאָס ווידער־קול לאָזט אונדז נישט אָפּ, האָבן מיר מיט אַ שווער געמיט פאַרמאַכט די טיר צו דעם סאַלאָן און זיך אַוועקגע־זעצט שטילע און אומעטיקע אויף אונדזערע קליינע בענקעלעך אויפן באַלקאָן.

די נייע דירה איז געווען פון פיר צימערן מיט אַ קיך און אַ זייטיקע שטוב פאַר די מיידלעך, מיינע שוועסטערן און זייערע קאָלעזשאַנקעס, צו מאַכן די לעקציעס.

אין דער דאָזיקער זייטיקער שטוב איז געשטאַנען אַ דעמבענער טיש, מיט גאָרנישט נישט באַדעקט. אַרום דעם טיש — טונקל־ברוינע ווינער־שטולן. אויף דער וואַנט איז געהאַנגען אַ מאַפּע, וואָס האָט אַראָפּ־געקוקט מיט צוויי בלויע, נאַאיווע האלב־ערדקיילעכן ווי די אויגן פון אַ קו. אין אַ האָלצערן שוואַרץ־לאַקירט רעמל האָט מיט גאָלדענע אותיות געגלאַנצט אַ פּאָכוואַלני ליסט, וואָס מיין שוועסטער פעלאַ האָט באַקומען אין דער פערטער קלאַס גימנאַזיע. ס׳זענען געהאַנגען אויסגענייטע מיט געלער וולוטשקע אויף ווייסער קאַנווע פאַרשידענע פייגל.

אין דער שטוב האָבן זיך מיינע שוועסטער געלערנט פּויליש ביי דער פרענקלוווּנאַ. זי איז געווען אַן עלטער מיידל פון אַ יידיש אַסימי־לירטער היים. אַ דיקלעכע, אַ נידעריקע, מיט אַ שרינט אינמיטן קאָפּ, די האָר פאַרלייגט אין אַ קאָשיק. די פרענקלווונע האָט געטראָגן בינאָקלען און געשנייצט די נאָז מיט געפילדער אין אַ גרויס שניי־ווייס מענער נאָז־טיכל. זי האָט אַדורכגעמאַכט מיט מיינע שוועסטער אַ פאַרברייטערטן קורס פון פּוילישער געשיכטע און ליטעראַטור.

די בעסטע שילערין ביי דער פרענקלווונע איז געווען מיין שוועסטער פעלאַ. זי האָט שיין דעקלאַמירט און געקאָנט פון אויסנווייניק אַ גרויסע צאָל פּוילישע פּאָעטישע ווערק. מערסטנס פלעגט זי רעציטירן דאָס באַ־קאַנטע ליד פון מיצקעוויטשן „פּאַריס״. מיין שוועסטער עווא און איך

פלעגן זיך דעמאָלט באַהאַלטן אונטער אַ פּאַרטיערע און ווען פעלאַ פלעגט צוקומען צום רעפריין פון ליד, פלעגן מיר מיט אונדזערע קינדישע קוויטשעדיקע קול׳עלעך אויסרופן:

Pędź, latawcze białonogi!

Góry, z drogi! Lasy, z drogi!

אַ רעפריין, וואָס חזרט, זיך מיט געוויסע פאַרענדערונגען איבער אין „פּאַריס״.

*

דעמאָלט, ווען מיר האָבן זיך איבערגעצויגן אין דער נייער דירה אַריין, האָב איך ערשט דערזען דעם גאַנצן הויף. ער איז געווען בלוי. כאָטש די שטיינער זענען געווען גראָע, די ווענט — געלע, דער בייכיקער מיסטקאַסטן — רויט, אָבער דער הויף איז פּאָרט געווען בלוי.

אויפן הויף פלעג איך גאַנץ זעלטן אַראָפּגיין. אַממיינסטן אין די וואַרעמע פרילינג־טעג. דער בלויער הימל האָט צוגעדעקט דעם פירעקיקן חלל פון הויף, ווי מען דעקט צו אַ סוכה. אין די הייסע טעג פלעגט זיך די בלויקייט צעשמעלצן און זיך גיסן אין הויף־אַריין פון צעהיצטן דאַך און דורך די בלעכערנע אָנגעגליטע רינעס. דער הויף האָט דאַמאָלט אויסגעזען ווי אַ בלויע פאַרמאַכטע וועלט.

מיין באַקאַנטשאַפט מיט דער גאַס דורכן פענצטער האָט זיך געהאַט געענדיקט, זייט מיר האָבן זיך איבערגעצויגן אין דער נייער דירה אין הויף. איצט, אַז איך האָב געוואָלט זען די גאַס, האָב איך געמוזט אויף איר טרעטן, גיין אויף איר, מיטגיין מיט די מענטשן וואָס האָבן איר פאַרפולט, און דאָס האָט מיך געהעמט. דער טומל פון דער גאַס, דער רעש פון די מענטשן און פון די פערד און וועגענער, די האַסטיקייט און דער געפילדער פון דעם אַרום האָבן מיך געשראָקן. כ׳האָב זעלטן ווען אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ אויף דער גאַס. כ׳בין זעלטן אַראָפּגעגאַנגען פון דער שטוב. אויב שוין יאָ אַמאָל, בין איך פאַרבליבן אין פירעקיקן פאַרמאַכטן בלויען הויף.

דער בלויער הויף איז אויך געווען פול מיט פאַרבאָרגענע ווינקעלעך און מיט געהיימע, טונקעלע איינגענג. די ערשטע טירן פון די איינגענג האָבן געפירט צו פינצטערע קעלערס, פון וועלכע ס׳איז געגאַנגען אַ פאַר־פוילטער ריח פון שדים און פון פייכטער, קאַלטער ערד, און נעבן וועלכע ס׳איז אפילו בייטאָג אַ שרעק געווען אַדורכצוגיין. אָבער ס׳איז גענוג געווען איין שפרונג צו טון — און אַרויס פון די איינגענג און זיך געפונען אין בלויען הויף. דאָ זענען אַלע שרעקן פון די ווינקעלעך און קעלערס אַוועק און ס׳איז געווען אַזוי מילד, אַזוי בלוי און וואַרעם. דאָ האָבן אויך אויף מיר געוואַרט סיראָטקינס צוויי מיידלעך, וואָס צוליב זייערע חן־גריבעלעך אין זייערע העלע באַקן האָב איך זיך זייער ליב געהאַט מיט זיי צו שפּילן.

די צוויי שענקען:

1. די קריסטלעכע

אויף דער פּאַקאָרנע גאַס זענען געווען צוויי שענקען: אַ קריסטלעכע און אַ יידישע. די קריסטלעכע שענק איז געווען אויפן סאַמע ראָג פון די גאַסן פּאַקאָרנע און עספּלאַנאַדע. די עספּלאַנאַדע האָט נאָר געהאַט איין זייט, ווי איין לאַנגער אָרעם אויסגעשטרעקט ביז צו דעם טראַמוויי־געסל (שיעראַקאָווסקע). פון דער צווייטער זייט גאַס זענען נישט געווען קיין הייזער, בלויז אַ טראָטואַר. דאָ האָט זיך אָנגעהויבן די עספּלאַנאַדע אַליין. דאָס איז געווען אַ באַוואָקסענער, מיט גראָז און מיט געלע פעלד־בלומען, פלאַץ, וואָס האָט זיך פאַרענדיקט קיילעכדיק און געווען אַרומגענומען מיט הויכע פּאָרטן, ווי מיט בערג, פונעם וואַרשעווער ציטאַדעל. אין אַ מאַרק־טאָג איז דאָרט געווען אַזוי געדיכט פון מענטשן, אַז דער רונדיקער גריי־

נער פּלאַץ האָט אויסגעזען ווי אַ רייפע זון־בלום אָנגעפּיקעוועט מיט קערנדלעך.

די טיר און אַ גרויס, ברייט פענצטער פון דער שענק זענען אַרויס־געגאַנגען אויף דער גרינער עספּלאַנאַדע. דאָס צווייטע גרויסע פענצטער האָט אַרויסגעקוקט אויף דער גראָ־שטיינערנער פּאַקאָרנע און אויף דער ברוין־געלער וואָלוווקע. איבער דעם אַלעם איז געווען צעהאָנגען אַ בלויער הימל, וואָס איבער דעם קאָפּ איז ער געווען זייער הויך, און וואָס ווייטער געפאַלן וואָס אַמאָל נידעריקער און דערגרייכט ביז צו דעם ראַנד פון דער ערד.

אויף דער עספּלאַנאַדע, אויף דעם פּלאַץ אַרום דער וואָלוווקע און אויף דער פּאַקאָרנע האָט זיך געראָיעט פון מענטשן, וואָס זענען געגאַנגען מיט אייליקע טריט. זיי האָבן זיך געיאָגט, זיך אַליין אונטערגעיאָגט, צוגע־יאָגט. צווישן זיי האָבן זיך געדרייט מאַסן פאַרמאַטערטע סאָלדאַטן, וואָס האָבן זיך דאָ אויפן פּלאַץ, צווישן די צעיאַכמעטע מענטשן אָפּגערוט. זיי זענען געגאַנגען מיט פאַמעלעכע טריט, פאַרטראַכט, געקוקט אויף אַלץ און אויף אַלע מיט פאַמעלעכע בליקן, גענומען אַלץ אין די הענט מיט פאַוואָלעדיקע באַוועגונגען. גאַרנישט גערעדט, געקוקט און געשוויגן, נאָר פון צייט צו צייט אַ שפּיי־אויס געטון זיך פאַר די פיס אַ צונויפגעקנוילט שטיק שאָלן פון סעמעטשקעס, וואָס זיי האָבן געהאַט אָנגעזאַמלט אין מויל, אויף דער רעכטער זייט, צווישן דער באַק און די ציין.

איבער דער קריסטלעכער שענק און ביי די זייטן זענען געהאָנגען רויטע שילדן באַמאָלענע מיט גאָלדענע רוסישע בוכשטאַבן. אין איין פענצטער איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אויף קאָזלעס אַ פעסעלע ביר מיט מעשענע רייפן און מיט אַ מעשענעם קראַן, אַ רעקלאַמע פון דער פירמע „האַבערבוש און שילע״. אין צווייטן פענצטער איז אויף אַ פּולמיסעק געלעגן אַ קליין געוועגדזלט חזיר׳ל און אויפן אָרט פון ווידל איז ביי אים געווען אַריינגעשטעקט אַ וואָרצל כריין. פון איין זייט חזיר׳ל איז געלעגן אויף אַ פלאַכן טעלער אַן אויפגעשניטענע געוועגדזלטע מעכטיקע שינקע, ווי אַ דורכגעהאַקטער פעלז אין אַן אַרץ־באַרג. פון דער

צווייטער זייט איז אויף אַ טעלער געווען אויפגעשטעלט אַ פּיראַמידע יעגער־ווורשטלעך, וואָס האָבן אונטער זייער איינגעשרומפּענער הויט, ווי ביי זקנים, פאַרבאַהאַלטן די פרישקייט און זאַפטיקייט פון אַ געשמאַקן ביסן, און איבער דעם אַלעם האָבן אַראָפּגעהאָנגען לאַנגע, געלע, פאַפּירע־נע צינגער, צו וועלכע ס׳זענען געווען צוגעקלעפּט אָן אַ שיעור טויטע פליגן, ווי אויף שוואַרץ־פאַרברענטע אַרבעסן.

ווען ס׳זענען נישט געווען קיין סך מענטשן אין דער שענק איז די שענקערקע געשטאַנען פאַר דער טיר. זי איז געווען אַ הויכע, פולע, אַ טונקל בלאָנדע, מיט גרויסע, העלע אויגן, פול מיט צעשמייכלטקייט און זינדיקייט. פון זאַטקייט און פון זיך געניגן טון זענען אירע אויגן שטענדיק געווען פאַרגלייזטע ווי באַגאָסן מיט פערל־מאָסע. אירע ציין, פון צווישן די פולע ליפּן, האָבן אויך געהאַט דעם זעלבן פערלדיקן גלאַנץ וואָס די אויגן, און איר מויל איז אויך געווען צעשמייכלט. איר ראָזאַ פּנים איז געווען שטענדיק אַביסל פאַרפלאַמט, און אינגאַנצן האָט זי אויסגעזען ווי פאַרטראָגן, ווי זי וואָלט געווען אַביסל שיכור. זי איז נאָך געווען אַ יונגע, אין די דרייסיקער יאָרן, געגאַנגען שטענדיק שיין אָנגעטון און געפּריצט מיט געזונטקייט און פרישקייט פון איר שפּע׳דיק לייב.

אין אַ מאַרק־טאָג ווען די שענק איז געווען איבערפולט מיט פויע־רים, וואָס זענען געקומען אויפן פלאַץ, אויף דער עספּלאַנאַדע מיט זייערע וועגענער אייער, הינער, קעז, פּוטער און גרינצייג, האָט די שענקערקע באַדינט די געסט. איר מאַן, אַן עלטערער פאַר איר, אַ נידעריקער מיט אַ גאַנץ גרויסן קיילעכדיקן בויך, ווי ער וואָלט באַהאַלטן אין די הויזן אַ פּעסעלע ביר, איז געשטאַנען אונטערן שינקוואַס, געגאָסן ביר אין קופלעס און געשניטן מיט אַ גרויס, לאַנג מעסער דאָס חזיר־פלייש. יעדעס מאָל פאַרן שניידן דאָס פלייש, פלעגט דער שענקער עטלעכע מאָל אַ פיר טון מיטן גרויסן מעסער איבער אַ שלייף־שטיין, וואָס איז געלעגן לעבן אים אויפן טיש. פון דעם מעסער האָט געבלאַנקט מיט קאַלטער רציחה און פון דער גרויסער שינקע האָבן זיך געשיילט דינע פּליטשן, וועלכע דער שענקער האָט מיטן שפּיץ פון מעסער געוואָרפן אויף דער וואָג. די שענקערין האָט דאָס פלייש צעלייגט אויף טעלער, גענומען אין איין

האָנט צו עטלעכע קופּלעס ביר מיטאַמאָל, און דאָס אַלץ דערלאַנגט צום טיש. ביים בראָנפן איז געשטאַנען אַ יונגע שיקסע, זי האָט געעפנט די פלעשלעך און געגאָסן דעם בראָנפן אין „ליאַמפּקעס״, וואָס זענען געשטאַנען אויף אַ טעלער. די רייכע פּויערים זענען געזעסן ביי טישלעך, געטרונקען בראָנפן אָדער ביר, פאַרביסן מיט קאָלבאָס, מיט „באָטשעק״, אָדער מיט יעגער־ווורשטלעך. זיי האָבן פּאַמעלעך און באַטראַכט געוויקלט טאַבאַק אין דין גילזן־פּאַפּיר, צוגעקלעפּט מיט פעטן שפּייעכץ און פאַרייכערט איינער ביים צווייטן. זיי זענען אַלע געווען דאַרע אויסגעטריקנטע, געגאַנגען אין גראָע סערמיענגעס, געהאַט קליינע בלויע, כיטרע אויגן. די גאָר פאַרמעגלעכע האָבן געגעדט קלוג און ברייט. זיי האָבן געשיט מיט ווערטלעך, מיט חכמות, שאַרף אָפּגעענטפערט די ווייבער, די קומעס, וואָס האָבן מיט זיי געטשעפּעט און געהייסן אָפּט דערלאַנגען עפּעס אַ טרונק צו טון.

די שענקערקע האָט זייער גערן באַדינט די רייכע פּויערים. זי פלעגט כאַפּן מיט זיי גייענדיקערהייט אַ שמועס, הויך געלאַכט פון זייערע פאַרשייטע רייד און גערן געלאָזט זיך פון זיי אַ טשעפּע טון.

די אָרעמע פּויערים זענען געשטאַנען ביים שינקוואַס, געטרונקען דעם בראָנפן שטייענדיקערהייט און פאַרביסן מיט זויערע אוגערקעס. פון דער טיף פון די קעשענעס פון זייערע אָפּגעטראָגענע סערמיענגעס האָבן זיי אַרויסגענומען זילבערנע מטבעות, וואָס זענען געלעגן פאַרוויקלט אין שטיקלעך פאַרגעלטן לייוונט. דאָס איז געווען געלט, וואָס זיי האָבן באַקומען פאַר אַ פאַרקויפט חזיר׳ל, פאַר אַ פאַרקויפטן שאָק אייער און איצט איז עס פּאַמעלעך פאַרשוווּנדן אין דעם גרויסן קלינגענדיקן שופלאָד פון דער צעשיכורטער שענק.

ס׳פלעגן אין דער שענק אַריינקומען קריסטן, וואָס האָבן זיך געדרייט אויף דער וואָלוּוקע און שוסטער מיט זייערע טונקל־בלויע זעקלעך אויף לעדער. זיי האָבן גענומען בלויז צו גלעזלעך בראָנפן. טייל האָבן פאַרביסן מיט אַ קליין שטיקעלע ברויט און טייל האָבן נאָכן אויסטרינקען זיך בלויז אָפּגעווישט די וואָנסעס, פריער פון דער לינקער זייט און דערנאָך פון דער

רעכטער. דער סטאַיקאָווי מיט דער לאַנגער, געלער באָרד, וואָס איז געשטאַנען ביי דער וואַלוווקע אויף סטאַיקע און האָט געשמעקט טאַביק און געשנייצט די נאָז אין אַ גרויסער רויטער פאַטשיילע, דער, וואָס מען האָט אים גערופן „רבי׳לע״ און מען האָט געזאָגט אויף אים, אַז ער איז אַ געשמדטער ייד, האָט געטרונקען נאָר אין דער יידישער שענק.

אין אַ ווינקל איבערן שינקוואַס איז געהאָנגען דאָס בילד פון דער הייליקער מאַמען מיטן קינדעלע אויף דער האַנט. אונטער דעם בילד האָט זיך רויט געפלעמלט דאָס אייביקע ליכט. אין דער זייט פון דער גרויסער שענק, דאָרט ווו ס׳זענען געזעסן די גרויסע טרינקערס ביי טישלעך אָנגע־שטעלטע מיט פלעשער בראָנפן און מיט טעלער קאָלבאַס און באָטשעק — איז אויף דער וואַנט געהאָנגען אַ גרויסער אָלעאָדרוק מיטן געקרייציקטן יעזוס. די קריסטן פלעגן פאַרן אויסטרינקען דאָס ערשטע גלעזל זיך איבערצלמען. ביים צווייטן גלעזל האָבן זיי שוין בלויז אַ ווינק געטון צום הייליקן בילד און ביים דריטן האָבן זיי שוין אינגאַנצן אין דעם פאַרגעסן.

זומער־צייט, ווען די טירן פון די שענק זענען געווען אָפן אין דרויסן־אַרויס, האָבן זיך ביי דער שוועל פון דער שענק צונויפגעטראָפן צוויי כוואַליעס מיט ריחות. פונעם פעלד האָט זיך געטראָגן דער פרישער, קאַלטער ריח פון גראָז און דער שאַרפער ריח פון פלאַטשיק און בריט וואַקסנדיקער טשערעמכע, פון דער שענק ווידער האָט זיך אַרויסגעריסן דער שטיקנדיקער ריח פון מאַכאָרקע, פון געקאָכט קרויט, פון חזיר־פלייש, פון בייעריש ביר און ספּירט. אויף דעם מענטש וואָס פלעגט אדורכגיין נעבן דער שענק פלעגן אַ שלאָג טון פוןביידע זייטן מיט דעם דאָזיקן משונהדיקן געקנויל ריחות, אַז ס׳האָט אים אַזש אַ מיש געטון אין קאָפּ, נאָר אומצופאַלן. ווען ס׳פלעגט אויסברעכן אין דער שענק אַ קריגערייַ צווישן די שיכורים און מעסערס האָבן אַ בליץ געטון אין זייערע הענט האָט די שיינע שענקערקע אָנגענומען צו צוויי שיכורע אין יעדער האַנט, ווי די קופּליעס ביר, און זיי אַרויסגעפירט פון דער שענק, אַריבערגע־פירט איבער דער גאַס און זיי אַוועקגעלייגט איינעם נעבן אַנדערן אין טיפן גראָז זיך אויסניכטערן. די גרויסע, הויכע, געזונטע שיכורע גוים האָבן זיך געלאָזט פירן פון דער שיינער שענקערקע ווי קינדער, און בעבלענדיק

עפּעס אומפאַרשטענדלעכע, אונטערטעניקע ווערטער איר געקושט אין די הענט.

אין דער שענק איז געווען כמעט פינצטער פון דעם רויך פון מאַ־כאָרקע און טאַבאַק, ס׳איז געווען געדיכט פון די פּעטע און געווירצטע ריחות, ס׳איז געווען רעשיק פון די אָנגעזויפענע מיט ביר און בראָנפן. בלויז איבערן שינקוואַס האָט אַדורכגעשפּיזט די אָנגערויכערטע, גע־דעמפּטע טונקלקייט דאָס רויטע פלעמל פונעם אייביקן ליכט איבער דעם הייליקן בילד, ווי אַ בייז, שטראָפנדיק אויג. עס האָט אַדורכגעזילבערט דאָס אָפּגעפּוצטע בלעך, מיט וועלכן עס איז געווען באַשלאָגן דער שינקוואַס, עס האָבן זיך אָנגעזען ווי שאָטנס די הענט פון שענקער, וואָס האָבן זיך שנעל באַוועגט צווישן די קופלעס ביר און דעם שופלאָד מיט געלט. און איבער דעם גרויסן צונויפגעקנוילטן חלל פון דער שענק האָט אויף שטאַר־קע און לייכטע פיס אַרומגעשוועבט די שענקערקע און איז אַזוי ווי גע־שווומען מיט אירע גרויסע, העלע, ברייט־צעעפנטע אויגן צווישן שיכרות און ניכטערקייט.

*

יעדן טאָג אין דער זעלבער צייט האָט די פּאָקאַרנע גאַס אָנגעהויבן ציטערן. די הייזער האָבן זיך געשאָקלט און די שויבן אין די פענצטער האָבן געקלאַפּט אַ צאָן אין אַ צאָן. אַלץ האָט אַזוי געציטערט אַז עס פלעגט ממש ווערן אומהיימלעך. כאָטש מען האָט גוט געוווּסט פונוואַנען דאָס ציטערניש און דער רעש נעמט זיך, פונדעסטוועגן פלעגט מען יעדעס מאָל צולויפן צום פענצטער בכדי אַרויסצוקוקן און זיך איבערצייגן וואָס אַזוינס איז געשען.

פון דעם מוראַנאָווער פלאַץ איז אָנגעפאָרן אַ לאַנגער און שמאָלער פורגאָן אויף אייזערנע רעדער, געשפּאַנט אין צוויי מעקלענבורגער פערד. די פערד זענען געווען הויכע, גרויסע, ברוינע. זיי זענען געגאַנגען זייטיק, מיט די קעפּ צו זיך און מיט די אונטערשטע טיילן פון זיך. די כאָמונטן און דאָס גאַנצע געשפּאַן איז געווען פון שטאַרק, גוט דורכגעפּעצט לעדער און באַשלאָגן מיט אַ סך אויסגעפּוצט מעש. די פערד זענען געלאָפן מיט

פּאַריסענע קעפּ און פון די רעדער פון דעם פורגאָן און פון די קאַפּיטעס פון די פערד וואָס האָבן געקנאַלט אין די קיילעכדיקע שטיינער זענען געפלויגן פונקען פייער.

דער פורגאָן איז געווען געמאַכט אַזוי ווי פון דריי לייטערס. פון ביידע זייטן זענען געלעגן אָנגעשפּאַרט פעסלעך ביר און זיי צופוסנס, אין מיטן פורגאָן, זענען פעסלעך געלעגן אין דער לענג. אונטן פון ביידע זייטן זענען אויף ספּעציעלע האָקעס געהאָנגען די ליידיקע פעסלך, וואָס דער קאָלעקטאָר האָט אָפּגענומען אין די שענקען. די ליידיקע פעסלעך האָבן ביים פאָרן זיך אָנגעקלאַפּט מיט די בייכער איינס אין צווייטן און זיי זענען געשפּרונגען און זיך געוואָרפן אויף די האָקעס ווי באַנומענע. דאָס האָט געוואַלטיק פאַרשטאַרקט דעם רעש וואָס דער פורגאָן און די פערד האָבן געמאַכט.

דער פורגאָן מיט די פעסלעך ביר איז געווען פון דער וואַרשעווער ברויערײַ: „האַבערבוש און שילע”. ווי נאָר דער פורגאָן האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי דער שענק אויפן ראָג פון דער פּאָקאָרנע, איז פון דער קעלניע אַראָפּגעשפּרונגען אַ נידריקער, קיילעכדיקער קריסט, מיט אַ רויט, פעט פּנים, מיט לאַנגע ברוינע וואָנסעס און מיט קורצע, מעכטיקע הענט. ער איז געווען אָנגעטון אין אַ בלוי פאַרטוך און ביי דער לינקער זייט האָט ער אויף אַ פּאַסיק געטראָגן אַ גרויסן לעדערנעם בייטל. דאָס איז געווען דער פורמאַן און איינצייטיק דער קאָלעקטאָר פון דער ברויערײַ. מיט זיינע צוויי שטאַרקע הענט האָט ער אַראָפּגענומען פון פורגאָן צו פעסלעך ביר און האַלטנדיק אויפן בויך זיי אַריינגעטראָגן איינציקווייז אין דער שענק. דאָרט האָט ער מיט אַ גרויסן האַמער אַריינגעהאַקט אַ צווייט העמערל מיט אַ לאַנגן שאַרפן שפּיץ גלייך אין שפּונט אַריין און געעפנט דאָס פעסל. דאָס אויפגעעפנטע פעסל האָט ער אַרונטערגעשטעלט אונטער דעם שינקוואָס, ווו עס האָט געוואַרט אויף זיין ריי מען זאָל עס אָנהויבן צו פּלומפּן. דער שענקער האָט דעם קאָלעקטאָר מכבד געווען מיט אַ גרויסן טרינק בראָנפן און מיט אַ שפּאָר שטיק קאָלבאַס. ער האָט אויסגעטרונקען, איבערגעוווּנקען זיך מיט דער שיינער שענקערקע. נאָך קייענדיק דעם פעטן קאָלבאַס, וואָס האָט זיך געקלעפּט אין די ציין ווי זיך גֶעוועוט פון

צו ווערן צו שנעל אַראָפּגעשלונגען, האָט ער געציילט דאָס באַקומענע געלט. דערנאָך האָט ער גענומען די ליידיקע פּעסלעך ביי די אָפענע נאָפּ־לען, אַ שאָקל געטון מיט די לאַנגע וואָנסעס, אַ פינטל געטון מיט די פאַר־פּעצטע אויגן און אַרויס פון דער שענק.

אינדרויסן האָט ער אויפגעהאָנגען די ליידיקע פּעסלעך אויף די האָקעס, וואָס זענען געווען צוגעהעקלט צו ביידע זייטן פורגאָן, אַ גלעט געטון מיט אַ שיכורער פאַרטראַכטקייט די פערד איבער די מאָרדעס, שווער אַרויפגעקראָכן אויף דער הויכער קעלניע, אָפּגעוויקלט די לייצן פון דער מעשענער האַנט פון דער ברעמזע, אַ צמאָקע געטון צו די פערד און אויסגעדרייט פאַמעלעך און פאַרזיכטיק דעם פורגאָן. די פּאָקאָרנע האָט ווידער אַ ציטער געטון. די הייזער האָבן זיך צעשאָקלט, די שויבן אין די פענצטער געקלאַפּט אַ צאָן אין אַ צאָן, אָבער שוין נישט מיט דער פריע־ריקער האַסטיקייט. דאָס ביר אין די פעסלעך האָט זיך געוויגט, אין קאָפּ ביים פורמאַן האָט זיך צעשפּילט דער אויסגעטרונקענער בראָנפן. די גאַס האָט ברייט אַ שווים געטון אונטער די פערד און וואָגן, און פון דערווייטנס פון דער שענק האָט זיך געטראָגן אַ צעריסענער געזאַנג פון שיכורע גויים.

די צוויי שענקען

2. די יידישע

די יידישע שענק אויף פּאָקאָרנע האָט זיך געפונען אין דעם הויז, וווּ מיר האָבן געוווינט. דאָס איז געווען אַ גרויס געוועלב פון פראָנט, וואָס האָט געהאַט אַ שמאָלע טיר און אַ גאַנץ ברייט וויסטאַווע־פענצטער. די שענק האָט מען גערופן: באַוואַריע. אין די שטובן אונטער דער באַוואַריע, וואָס זענען אַרויסגעגאַנגען אינדערנידער אויפן הויף, האָט געוווינט דער באַוואַרניק מיט זיין משפחה. איבער דער טיר און פענצטער פון דער שענק, איז געהאָנגען אַ לאַנגע ווייסע שילד באַמאָלן מיט בלויע רוסישע

בוכשטאַבן, און ביי די זייטן שילדן מיט יידישע אותיות, מיט אַן אויס־געמאָלענער קופלע שוימענדיק ביר און מיט אַ הויך שמאָל גלעזל „סינאַל־קאָ" (אַזאַ גלעזל האָט מען גערופן „פּאַצעטקע"). אין דעם גרויסן שוי־פענצטער זענען געשטאַנען: אַ פאַן מיט געפּרוירענע פיס, אַ גרויסער, פלאַטשיקער טעלער מיט קעפּ פון קאַרפּן, וואָס האָבן אין זייערע אויפגע־ריסענע מיילער געהאַלטן גרויסע, געלע רענדלעך געקאָכטע מייערן, און אויף אַ פּולמיסעק איז געלעגן פונאַנדערגעלייגט מיט אַ פלאַש אין אָפּע־נעם בויך — אַ געבראָטענע קאַטשקע.

אין דער באַוואַריע האָט איבערן שינקוואַס געקיניגט די מעשענע פּלומפּ אויף ביר. פּלומפּן דאָס ביר פון פעסל, וואָס איז געשטאַנען אונטערן שינקוואַס און מען האָט עס נישט אַרויסגעזען, האָט מען געמוזט זייער פּאַמעלעך, אויב נישט, פלעגט אָנשטאָט ביר אָנלויפן אין קופעל בלויז שוים. ווען איך בין געווען נאָך גאָר אַ קינד, האָט זיך מיר געדאַכטן, אַז דאָס ביר גייט אַרויס דירעקט פונעם שינקוואַס און מיר איז דאָס געווען אַ שטאַרקער חידוש. איך האָב שטענדיק געקוקט דערויף מיט גרויס פאַר־וווּנדערונג. אָבער לאַנג שטיין און קוקן האָט מיר די דינסט, וועלכע פלעגט מיך אַמאָל מיטנעמען אין דער באַוואַריע, ווען מען האָט זי גע־שיקט אַרויפנעמען ביר אָדער „סינאַלקאָ", נישט געלאָזט.

אַביסל ווייטער פונעם פּלומפּ און פון די הויכע, ברייטע גלעזער און קופלעס — איז געשטאַנען אונטער גלאָז אַ סלאָי מיט געקאָכטע, האַרטע אייער. עס זענען געשטאַנען לאַנגע פּולמיסקעס מיט הערינג און ציבעלעס באַגאָסן מיט בוימל, אַ סלאָי מיט מאַרינירטע הערינג, אַ שטיק האַרטער פינטשעווער קעז, אַ שיסעלע געזאָטענע אַרבעס, אַ שטויס אייער־קיכלעך און אַ געפלאָכטן קיישל מיט וואַסער־פּלעצלעך.

די באַוואַריע איז געווען ביז אין דער העלפט באַמאָלן מיט גרינער אייל־פאַרב. ביי דער וואַנט, אַנטקעגן דעם שינקוואַס, זענען געשטאַנען עטלעכע טישלעך מיט בענקלעך. אָבער נאָר זעלטן האָט מען געזען דאָרט אימעצן זיצן און טרינקען. ווען ס׳פלעגט אַריינקומען אַ ייד נעמען אַ טרונק בראָנפן האָט ער זיך אָוועקגעשטעלט נעבן דעם שינקוואַס, געמאַכט אַ „שהכל", אויסגעטרונקען די ליאַמפּקע בראָנפן, וואָס דער באַוואַרניק

געמאַכט אַ „שהכל"...

האָט אים אָנגעגאָסן, פאַרביסן מיט אַ שטיקל פינטשעווער קעז, באַצאָלט, אויסגעשאָקלט זיך די באָרד — און אַוועקגעגאַנגען.

טיילמאָל פלעגט זיך אויך אַריינכאַפּן אין דער יידישער שענק אַ פּויער. ער האָט זיך דאָ אויסבאַהאַלטן פאַר זיינע שכנים און קומעס, וועלכע זענען צוזאַמען מיט אים געקומען אויפן מאַרק־טאָג. ער האָט נישט געוואָלט, אַז זיי זאָלן וויסן, אַז ער טרונקט, ווייל ער האָט מורא געהאַט טאָמער וועלן זיי דערציילן זיין ווייב, פון וועלכער ער האָט שוין נישט איינמאָל פאַר אַזעלכע זאַכן אַריינגעכאַפּט געזונטע קלעפּ. דער פּויער פלעגט נעמען אַ גרויסן טרינק בראָנפן און זוכן אויפן בופעט עפּעס צו פאַרבייסן. מיט חוזק און מיט ביטול האָט ער געקוקט אויף די יידישע פאַרבייסעכצער: אויף די שטיקעלעך הערינג מיט בוימל, אויף די אייער און אויפן פינטשעווער קעז. ער האָט געוואָלט אַ שטיק קישקע אָדער אַ שטיק „באָטשעק". פון כעס פלעגט דער פּויער אויסטרינקען נאָך אַ גלעזל בראָנפן, אַ שפּיי טון מיט אַ „פּשיאַ קרעוו פאַרסיווע זידי", אַני־דערוואַרפן דאָס געלט אויפן שינקוואַס און אַוועקגיין. ס'האָט זיך געטראָפן, אַז אַזאַ פּויער האָט פון כעס, פאַרוואָס ער האָט נישט וואָס צו פאַרבייסן, זיך אָנגעהויבן אַוואַנטורעווען און נישט געוואָלט באַצאָלן פאַרן בראָנפן. דאַמאָלט האָט דער שענקער קודם־כל פאַרמאַכט די טיר פון דער שענק און אין אָנהויב גערעדט צו דעם פּויער איידל, אַפּעלירט צו זיין מענטשלעכקייט.

— פּאַניע דזשעדזשיצו, — האָט זיך געוואָנדן צו אים דער שענקער פונאַנדערפירנדיק די הענט, — יאַק פּאַנו ניע ווסטיד, טאַקי וויעלקי פּאַן אַ ניע כצע זאַפּלאַטשיטש (הער פּריץ, ווי שעמט איר זיך נישט, אַזאַ גרויסער הער און וויל נישט באַצאָלן).

דער פּויער אין דער צעריסענער סערמיענגע, הערנדיק אַז מען זאָגט אויף אים „פּאַניע דזשעדזשיצו", האָט שנעל אַרויסגעכאַפּט פון דער קעשע־נע אַ זעקעלע, אויפגעבנייט פון היימישן לייוונט אין וועלכן עס איז געלעגן באַהאַלטן זיין ביסל אָרעם זילבערגעלט און ברייט און גרויסמוטיק באַצאָלט.

ס'זענען אָבער געווען פּויערים, וואָס האָבן זיך אויף דעם „שפּיצל" נישט געלאָזט נעמען.

— העי, טי כיטרי זידקו, — האָט דער פּויער געזאָגט, — יאַקי יאַ טאָם דזשעדזשיק, בידני יאַ כלאָפּ, יעלע נאַ כליב סטאַרצי אַ טי סאָביע קאַזשעס זאַ ווודקע פּלאַציטש. (אוי, דו כיטרע יידעלע, וואָספּאַראַ פּריץ בין איך, איך בין אַן אָרעמער פּויער, קוים וואָס כ׳האָב אויף ברויט און דו הייסט זיך באַצאָלן פאַרן בראָנפן). דאַמאָלט האָט דער שענקער אַ געשריי געטון צום ווייב: שרה, רוף נאָר שנעל אַריין דעם סטאָיקאָווע! גערערט דאָס וואָרט „סטאָיקאָווע” — האָט דער פּויער איינס צוויי באַצאָלט און נעלם געוואָרן.

ס׳פלעגן אַריינקומען אין דער באַוואַריע קריסטלעכע שוסטער מיט יידישע לעדער־קרעמער אָון קאַמאַשן־שטעפּער פון דער פּאָקאָרנע גאַס. פאָרויס זענען אויפגערוימטע און באַרעדעווודיקע געגאַנגען די יידן און נאָך זיי פאַרטראַכט און שעמעוודיק די שוסטער. די קריסטלעכע שוסטער האָבן געטראָגן אין די הענט בלויע זעקעלעך מיט שטיקלעך האַרטער לעדער וואָס זיי האָבן געהאַט איינגעקויפט ביי די יידן. די שוסטער זענען געווען דאַרע, מיט געלע פּנימער און מיט פאַרשפּיצטע נעז ווי ביי סוכאָטניקעס. זיי האָבן אויסגעטרונקען די גלעזלעך בראָנפן, צי די קופלעס ביר, וואָס די יידישע קרעמער האָבן זיי געשטעלט, אויפגעגעסן דאָס שטיקל הערינג מיטן פּלעצעלע, מיט וועלכע דער ייד האָט זיי מכבד געווען, זיך פאַרהאַלטן זייער שטיל, אינגאַנצן נישט גערעדט, באַדאַנקט זיך מיט אַ שאָקל מיטן קאָפּ און אַרויס.

ס׳פלעגט טרעפן, אַז אַ באַנדע שיכורע גויים, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען פון דער קריסטלעכער שענק האָט אָפּגעטרעטן אין דער יידישער באַוואַריע סתם מאַכן אַן אַוואַנטורע. דאַמאָלט האָט מען שוין געמוזט אָנקומען צום סטאָיקאָווע „רבי׳לע”, וואָס איז געשטאַנען אויפן ראָג פּאָקאָרנע און וואָלווקע אויף סטאָיקע. דעם באַוואַרניקס ווייב, אָדער גאָר פּאַוועל דער סטרוזש, וועלכער פלעגט אַמאָל אַ טרינק־טון בחינם אין דער באַוואַריע, איז אים געלאָפן רופן. אין אַזאַ מאָמענט איז דאָס „רבי׳לע” מיט דער געבויגענער פּלייצע און מיט דער לאַנגער געלער באָרד זיך געגאַנגען רויק און פּאַמעלעך, מיט גרויס כבוד צו זיך אַליין, האַלטנדיק אָנגעשפּאַרט ביידע הענט אין ווייסע הענטשקעס אויפן קאָפּ פון דער שווערד.

צוקומענדיק נאָענט צו דער באַוואַריע האָט ער זיך צעפּייפּט אויפן פּייפּערל, וואָס איז געהאָנגען אויף העל־בלויע געפלאָכטענע שנורן אויף דער לינקער זייט פון זיין גראַנאַטענעם מונדיר. געוויינטלעך פלעגן זיך די שיכורים אָפּטראָגן, ווען זיי האָבן דערהערט דעם ציקנדיקן פייף פון סטאַיקאָווע. ס'האָט זיך אָבער געטראָפן, אַז די שיכורים האָבן זיך שוין געהאַט אַזוי צעהוליעט, אַז זיי האָבן שוין נישט געקאָנט אָפּטרעטן. דאַמאָלט האָט דאָס „רבי'לע", פּאַוועל און וולאַדעק זיין געהילף, זיך גענומען צו דער אַרבעט. דאָס „רבי'לע" האָט אַרויסגעצויגן פון דער אונטערשטער קעשענע פון זיין דריי־פּערטלדיקן מונדיר קייטעלעך און מיט אַ זייער געשיקטער באַוועגונג, איידער די שיכורים האָבן זיך אַרומגעזען, פאַרלייגט די קייטעלעך אויף זייערע האַלב־פאַרשטייפטע הענט. דערנאָך האָט שוין פּאַוועל מיט וולאַדעקן זיי פאַרלאָדן איינציקווייז אויף אַ דראָשקע און אַוועקגעפירט אין „צירקל" אַריין.

אין אַזאַ טאָג, נאָכן אַראָפּגיין פון דער „סטאַיקע" האָט דאָס „רבי'לע" אָפּגעטרעטן אין דער באַוואַריע. ער איז אַריינגעקומען צעשמייכלט און היימיש. ער האָט זיך געפילט ווי אַ באַשיצער פון די יידן און געהאַלטן זיך באַרעכטיקט צו עסן יידישע מאכלים. דער באַוואַרניק האָט דערלאַנגט דעם „רבי'לע" דאָ אַ שטיקל פיס, דאָ אַ פּאַרציע גענדזנס און נאָך אַ טרונק בראָנפן און ווידער אַ טרונק בראָנפן. דאָס „רבי'לע" האָט געגעסן מיט גרויס הנאה, מיט האַזאַרד, געטרונקען לחיים, — און די יידן פון דער פּאָקאָרנע זענען געשטאַנען אַרום אים, צוגעשמייכלט, אים צוגעוווּנקן און די דרייסטערע האָבן אים אפילו גוט־ברודעריש געקלאַפּט אין דער פּלייצע. מיטן „רבי'לע" האָבן זיך די יידן פון די פּאָקאָרנע געוועלבער, פון די ויאָלוּווקער סטראַגאַנעס געפילט זיכער און באַשיצט.

אַזוי איז דאָס „רבי'לע" געזעסן און געגעסן און געטרונקען ביז וואַנען ער האָט זיך פּלוצים געגעבן אַ רוף אַן:

— דאָוואָלנאָ, רעביאַטאַ, נאַדאַ טשעסט זנאַט, אַ טאָ נאַדזיראַטעל פּאַ־סאַדיט (גענוג חברה, מ'דאַרף זיך האַלטן מיט כבוד, דער אויפזעער קאָן נאָך איינזעצן), — דאַביי האָט ער זיך געגעבן האַסטיק אַ שטעל אויף און גענומען זיך רייניקן די באָרד פון די קרישקעס.

פּלוצים האָבן זיך די יידן דערמאָנט, אַז דאָס „רבי׳לע״ איז נישט די העכסטע מאַכט. פון דער דאָזיקער אומעטיקער אַנטדעקונג איז זיי געוואָרן קאַלעמוטנע אויפן האַרץ. זייער פריילעכקייט און זיכערקייט איז מיט איין־מאָל צערונען. אויב מען קאָן דאָס „רבי׳לע״ אויך איינזעצן, טאָ וואָספאַראַ מערײנע איז ער? זיי האָט אָנגעהויבן פאַרדריסן אויף דעם גוי, וואָס זיצט זיך אַזוי ברייט און פרעסט אויפן יידס חשבון. דאָס „רבי׳לע״ אַליין האָט אויך דערפילט, אַז ער האָט אָפּגעטון אַ נאַרישקייט. מאַכט ער זייער אַ שטרענג פּנים, גלייכט־אויס די איינגעפאַלענע ברוסט, ציט אָפּ שטייף דעם מונדיר, גיט אַ טאָפּ דעם נאַגאַן פון דער רעכטער זייט, גיט אַ הויב די שווערד פון דער לינקער זייט און טוט אַ געשריי צום באַוואַרניק:

— סלושאַי, ס׳טשיסטאָטאַי טשטאָ טאָ או טעביאַ ניע וו׳פּאַריאַדקע, פּרידיאָטסאַ סאָסטאַוויט פּראָטאָקאָל! (הער נאָר, מיט דער ריינקייט איז ביי דיר עפּעס נישט אין אָרדנונג, כ׳וועל מוזן מאַכן אַ פּראָטאָקאָל).

דער באַוואַרניק האָט גוטמוטיק געשמייכלט, געקוקט מיט אַ רחמנות בליק אויף דעם אָרעמען „גאָראָדאָוואָי״ וואָס האָט זיך נעבעך באַנאַרישט און פּרובירט איצט סטראַשען מיט זיין גדלות, און געענטפערט:

— ווסיאָ סדיעלאַיעם, ווסיאָ אולאַדים, גאָספּאָדין נאַטשאַלניק (מיר וועלן אַלץ טון, אַלץ ברענגען אין אָרדנונג, הער נאַטשאַלניק).

דאָס „רבי׳לע״ האָט געדראָט מיט אַ פינגער.

— סמאָטרי! (זיי פאָרזיכטיק), — האָט ער פאַרענדיקט מיט אַן איסגעשריי, צוגעלייגט די רעכטע האַנט צום לעדערנעם דאַשיק פון היטל און אַרויס פון דער באַוואַריע.

פרייטיק פלעגט קומען אין דער באַוואַריע עסן יידישע געפילטע פיש (ריבי פאָ זשידאָווסקו) דער אינקאַסענט פון דעם גאַז־אַנשטאַלט מיטן גרויסן בייטל זילבערנע פערציקערס, וועלכע ער פלעגט אַרויסנעמען פון די אויטאָמאַטישע גאַזאָמעטערס. דעם הויכן עלעגאַנטן קריסט האָט מען ספּעציעל סערווירט ביי אַ באַזונדער טישל. דעם באַוואַרניקס פרוי האָט פאַר אים אַריינגעבראַכט אַ שיינעם טעלער און פּראַזשעטס אַ פלאַטירטן גאָפּל. דער אינקאַסענט, וועלכער האָט ערשט נישט לאַנג אָנגעהויבן קומען

עין יידישע שטובן און אַלץ וואָס ער האָט דאָרט געזען איז פאַר אים געווען ניי און אומבאַקאַנט. האָט געגעסן די פרישע בילקע און דאָס שטיק יידישע פיש מיט שטאַרקן ערנסט, מיט אַ געוואַלדיקער איבערגענומענ־קייט, ווי ער וואָלט אין די פיש געוואָלט דערגיין אַ גרויסן סוד. דער באַ־וואַרניק, זיין ווייב און אפילו די קינדער האָבן זיך באַצויגן מיט גרויס דרך־ארץ צו דעם הויכן, שמאָלן קריסט מיט די שיין פאַרשווירענע בלאָנדע וואָנסעס, מיט דעם קליינעם, לענגלעכן קאָפּ און הויך פאַרקעמטע בלאָנדע האָר. ווען ער איז דאָרט געזעסן זענען זיי געגאַנגען זייער שטיל. ווען דער קריסט האָט געגעסן די יידישע פיש אין דער יידישער באַוואַריע האָט דאָרט געהערשט עפּעס אַ מאָדנע שטימונג, גאָרנישט ווי געוויינלעך אין אַ באַוואַריע.

*

דער עיקר פּרנסה האָט דער באַוואַרניק געצויגן פון דעם וואָס די איינוווינער (די גאָספּאָדעס) פון דער פּאָקאָרנע פלעגן ביי אים קויפן אויף צו טרינקען ביי זיך אינדערהיים, ביר, בייעריש, אָדער שוואַרץ, ריגער פּאָרטער, אָדער ענגלישן פּאָרטער, סינאַלקאָ, קוואַס און אַנד. געטראַנקען. דאָס אַלץ האָט מען גענומען „אויפן בוך".

איינמאָל אין חודש פלעגט קומען דער באַוואַרניק מיטן בוך זיך אָפּרעכענען און באַקומען באַצאָלט. אמיינסטן האָט מען גענומען ביי אים פאַרשידענע משקאות אין שבת. שבת האָט מען נישט פאַרשריבן, וואָס יעדער איינער נעמט, נאָר דער באַוואַרניק האָט געהאַט אַ ספּעציעל בוך, וווּ יעדער בלאַט האָט געהאַט אַ סך איינגעשניטענע קליינע דריי־עקן. יעדער קונה האָט זיך געהאַט אינעם בוך זיין בלאַט. האָט ער גענומען אַ פלאַש ביר — האָט מען איינגעקנייטשט איין דריי־עק, פאַר אַ פלאַש פּאָרטער צוויי דריי־עקן א.א.וו.

יעדן טאָג פלעגט פאַר דער באַוואַריע פאַרפאָרן אַ קליינער פורגאָן איינגעשפּאַנט אין איין דאַר פערד. דאָרט זענען געשטאַנען פולע און ליידיקע פעסלעך ביר און אין קאַסטנס „גניאַזדעס" דורכגעלייגט מיט קליינע פּזשעגרודקעס, ווי אַ שאַך־ברעט, זענען געשטאַנען פלעשער ביר. דער

קליינער פורגאָן איז געווען פון דער ידישער ברויערײַ: י. נעסט. דער פורגאָן פלעגט פאַרפאָרן פאַר דער באַוואַריע פאַמעלעך און שטיל. אויף דער קעלניע איז נעבן פורמאַן געזעסן דער קאָלעקטאָר, אַן עלטערער ייד מיט אַ קליין גראָ בערדל און מיט ברילן אויף דער נאָז. ווען דער פורמאַן האָט אַריינגעטראָגן אין דער באַוואַריע דאָס ביר איז מיטגעגאַנגען מיט אים דער קאָלעקטאָר. ער האָט זיך נישט פאַרהאַלטן אין דער באַוואַריע גופא, נאָר אַריינגעגאַנגען אין דער פריוואַטער שטוב פון דעם באַוואַרניק. דאָרט האָט ער באַקומען דאָס געלט, אַ קוש געטון די מזוזה און אַוועקגעגאַנגען.

דער באַוואַרניק איז געווען אַ נידריקער, אַ טונקעלער, מיט אַ קליין שוואַרץ געשוירן בערדל. ער האָט געטראָגן אַ ידיש היטל און אַ קורצע מאַרינאַרקע. זיין ווייב איז געווען נישט קיין הויכע, געגאַנגען אין אַ העל־בלאָנד שייטל. זיי האָבן געהאַט זעקס קינדער, פיר יינגלעך און צוויי מיידלעך. דאָס עלטסטע יינגל, משהלע, איז געווען אַ גאַנצער מאַכער ביי די שפּילן אויפן הויף. ער איז אויך געווען אַ גרויסער ספּעציאַליסט ביים אויפקלייבן די ראָזשינקעס, ווען ס׳פלעגט אַמאָל פּלאַצן איינס פון די זעקלעך, וועלכע די טרעגער האָבן געטראָגן צו דאָרפמאַנען אין וויין־קעלער אַריין ביי אונדז אויפן הויף.

אָפטע געסט אין דער באַוואַריע זענען געווען די ידישע טרעגער, וואָס פלעגן טראָגן די זעקלעך ראָזשינקעס און די פעסער וויין. די ידישע פּלייצע־טרעגער האָבן מער געגעסן ווי געטרונקען. זיי זענען געווען אויפגערוימט, פריילעך, אָבער זעלטן שיכור. אמייסטן האָבן זיי געטרונקען ביר. ווען איינער פון זיי האָט זיך אפילו אָנגעשיכורט, האָט ער זיך לייכט געלאָזט אַהיימפירן דורך די חברים, אָדער דורכן ווייב, וועלכער מען פלעגט צווויסן געבן זי זאָל אים קומען אַהיימנעמען. אַזאַ ידישער שיכור האָט זעלטן געמאַכט אַן אַוואַנטורע און קיינמאָל נישט געזונגען שיכורעהייט אויף דער גאַס.

פרייטיק־צונאַכטס פלעגן אין דער באַוואַריע אַריינקומען חסידישע יידן, דער עיקר יונגעלייט. זיי זענען געזעסן אין באַוואַרניקס פריוואַטער

שטוב ביים טיש מיט די שבתדיקע ליכט. זיי האָבן געטרונקען בייעריש ביר, צוגעגעסן געזאַלצענע וואַסער־פּלעצלעך און געפּעפּערטע אַרבעס.

אַ געצוימטער ווילן צו אויסגעלאַסנקייט, צו הפקרות האָט זיך געטראָגן פון זייערע צעהיצטע לייבער. זיי זענען געזעסן און זיך דערציילט חסידישע מעשיות. זיי האָבן זיך געריסן פון דער ערד, נאָר שלעכטע, זינדיקע מחשבות פלעגן זיי יעדעס מאָל פאַרכאַפּן, אָנגיסן און פול מאַכן זייערע גלידער. זייער התפעלות איז דערגאַנגען ביז עקסטאַז. זיי האָבן זיך געריסן די הייליקע ווערטער פונעם מויל און אַ נאָגנדיקער צוזאָג האָט זיי כסדר צוריקגעשלעפּט צו דער ערד. די ליידיקע פלעשער ביר האָבן זיך דערוויל געמערט אונטערן טיש. דער שענקער איז געשטאַנען אָנגעלענט איבערן בוך און געמאַכט קנייטשן, און אַ שטילער, איינגעהאַלטענער געזאַנג: יה רבון עלם ועלמיא — האָט זיך געטראָגן פון באַוואַרניקס שטוב און זיך אַריינגעגאָסן אין די אַרומיקע פענצטער אין וועלכע די שבת־ליכט האָבן געצאַנקט און זיך פּאַמעלעך געלאָשן...

א שמועס מיט וולאדעקן וועגן גאָט

אויף אונדזער הויף אויף פּאָקאָרנע איז אין אַ גרויסן קעלער געווען אַ וויין־פאַבריק. אין דער זייט, נעבן די פענצטערלעך פון קעלער, זענען געלעגן לאַנגע, האָלצערנע שטאַנגען, פאַרענדיקט ביי די עקן מיט אייזערנע אויערן. די שטאַנגען פלעגט מען פאַרטשעפּן ביי די אויערן אין אייזערנע האַנטאַבעס, וואָס זענען געווען צוגעקאָוועט צו די זייטיקע ברעטער פון גרויסע פלאַטשיקע פלאַטפאָרמעס. אויף די שטאַנגען פלעגט מען אַרויפקאָלערן פעסער וויין און זיי פאַרלאָדן אויף די פלאַטפאָרמעס אַרויף, נאָכדעם, ווי מען האָט געהאַט די פעסער מיט ברעטער און שטריק אַרויסגעצויגן פון דעם קעלער־אַרויס.

אויף די שטאַנגען פלעג איך אָפט זיצן איינער אַליין. אַמאָל פלעג

איך זיך אויך שפּילן אין מיטן הויף אין „קלאַס" אָדער אין „סערסאָ" מיט מײַן שוועסטער עווא, מיטן שכן סיראַטקינס צוויי מיידעלעך מיט חן־גרי־בעלעך אין די באַקן, און מיט אַ ייִנגעלע וואָס האָט נאָך געטראָגן לאַנגע האָר און האָט שפּעטער, געדענק איך, צעבראָכן אַ פוס. מיר האָבן צווישן זיך גערעדט פּויליש. בראַודעס קינדער, וואָס האָבן געוווינט אונטער אונדז, דעם שמוקלערס און דעם באַוואַרניקס קינדער, פּאַוועל דער סטרוזש, זײַן ייִנגל סטאַשיעק און זײַן געהילף וולאַדעק, האָבן גערעדט ייִדיש.

אָפטמאָל פלעגט סטאַשיעק אַרײַנפאַלן אין הויף־אַרײַן פון גאַס מיט אַ געוויין.

— וואָס האָט מען דאָ געטיען, סטאַשיעק? — האָבן אים די קינ־דער געפרעגט אין ייִדיש.

— מאָט מאָ געשלאָגן, — האָט סטאַשיעק וויינענדיק געענטפערט.

— ווער האָט דאָ געשלאָגן, ייִנגלעך, צי שקצים? — האָבן אים די קינדער נײַגעריק געפרעגט.,

— שקצים, — האָט סטאַשיעק זיך געקלאָגט פאַר די ייִדישע קינדער, און די ייִדישע קינדער האָבן געהאַט אויף אים רחמנות.

פאַרנאַכט, ווען ס׳איז געוואָרן טיף טונקל, האָט וולאַדעק, פּאַוועלס געהילף, צעטראָגן אויף די געדרייטע, האָלצערנע שטיגן, וואָס האָבן אויס־געזען, ווי אַ צעשפּרייטע, אין שפּילן, האַרמאָניע, קעסטלעך מיט אָנגע־צונדענע נאַפט־לעמפּלעך. די לעמפּלעך פלעגט ער צוגרייטן אויף אַ קאַסטן אין ווינקל, וווּ ס׳זענען געשטאַנען די אײַנגעוויקלטע פענער. ער פלעגט אויספּוצן די גלעזלעך מיט אַ שמאַטע אַן אַרומגעדרייטע אויף אַ שטיק האָלץ, פאַרקלעפּן די געפּלאַצטע לאָמפּן־גלעזלעך מיט שטיקלעך פּאַפּיר באַשמירטע מיט שוסטער־קלעי, איבערפּוצן די קנויטלעך מיט אַ האַרט, שוואַרץ בערשטעלע, צוגיסן נאַפט, און מיט אַ טרוקענער שמאַטע אַרום־ווישן די לעמפּלעך גופא. ער פלעגט דאָס אַלץ מאַכן מיט גרויס פאַרטוען־קייט און פאַרזיכטיקייט. ס׳איז נישט געווען פון די פשוטע זאַכן דאָס פּוצן די גלעזלעך, ווייל לפּחות אַ העלפט פון זיי איז געווען געשפּאָלטן און פאַרקלעפּט. שפּעטער, ווען ער האָט שוין אַלע הכנות געהאַט געמאַכט, האָט ער אַרויסגעבערנגט פון פּאַוועלס שטיבל אַ לאַנג אָנגעצונדן שטיק־

פּאַפּיר און זייער לייכט דערמיט באַרירט די אַרויסגעדרייטע קנויטן, וואָס האָבן זיך אָנגעצונדן מיט רויט־בלוי פייער און מיט אַ קאָפּעטש. די קינ־דער האָבן זיך מיט גרויס נייגעריקייט צוגעקוקט צו וולאַדעקס קונציק באַגיין זיך מיט די לעמפּלעך. ס׳איז געלעגן אַ סך פלינקייט אין דעם אופן, ווי אַזוי ער האָט זייטיק אַרויפגעזעצט דאָס צעפלאַצטע און באַ־קלעפּטע גלעזל אויפן לעמפּל אַרויף — און ס׳איז זיך נישט צעפאַלן.

בעת דער דאָזיקער זייער וויכטיקער אַרבעט פלעגן די גרעסערע יינגלעך פון הויף פירן שמועסן מיט וולאַדעקן. ספּעציעל האָבן זיך דערין אויסגעצייכנט בראָודעס יינגלעך. שעהען־לאַנג זענען זיי געשטאַנען נעבן וולאַדעקן און מיט אים עפּעס זייער ערנסט איינגעטענה׳עט. פון זייערע געהיימע שמועסן האָב איך גאָרנישט פאַרשטאַנען. דערווייל האָבן זיך די שאָטנס אויפן הויף אָנגעהויבן צו מערן און פון די הויז־טרעפּן האָט שוין אָנגעהויבן אַרויסצוקוקן אַ געדיכטע פינצטערניש. דאַמאָלט האָט וולאַדעק גענומען ביים אויער דאָס קעסטל מיט אָנגעצונדענע לעמפּלעך און אָנ־געהויבן גיין איבער די שטאָקן.

די טונקלקייט פון הויף איז ווי אַרויסגעוואַקסן פון דער ערד, פון צווישן די גראָע, קיילעכדיקע שטיינער אַרויס, מיט וועלכע ס׳איז געווען ברוקירט דער הויף. די טונקלקייט האָט אַרומגענומען פריער דעם פּאַר־טער און די נידעריקע שטאָקן און זיך אויפגעהויבן פּאַמעלעך צו די העכע־רע, ביז זי איז דערגאַנגען צום הימל. איך בין געווען זיכער, אַז די נאַכט וואַקסט אַרויס פון דער ערד און גרייכט וואָס אַמאָל העכער ביז זי פאַר־לעשט דעם טאָג און די זון.

אין די דאָזיקע פאַרנאַכטיקע, פאַרכטיקע, שעהען, האָב איך זיך זעלטן געפונען אויפן הויף. נאָר אויב דאָס האָט זיך אַמאָל יאָ געטראָפן, ווען די עלטערן זענען נישט געווען אין שטוב און די דינסט האָט אין מיר פאַרגעסן — פלעג איך שטיין צונויפגעדריקט צווישן די יינגלעך און זיך צוהערן צו די געהיימע שמועסן פון בראָודעס קינדער מיט וולאַדעקן. די שרעק פון דער אָנקומענדיקער פינצטערניש און דער פּחד פון די משונה־דיקע, נישט פאַרשטענדלעכע פאַר מיר געשפּרעכן, האָט מיך ווי פּאַראַ־ליזירט און צוגעשמידט צום אָרט. כ׳פלעג אויפציטערן ביי יעדער דערמאָ־

נונג, אַז מען מוז אַדורכגיין דעם גאַנצן הויף און צוויי שטאָק שטיגן, בכדי ערשט צו זיין אין דער היים. דאַמאָלט פלעגט זיך גראָד דאָס געשפּרעך איבערייסן און וולאַדעק האָט זיך צו מיר אָנגערופן: „כילעק, כאָדזש, זאַפּראָוואַדזען ציע דאָ דאָמו״ (כילעק, קום, איך וועל דיך אַהיימפירן) — און מיטן קאַסטן לעמפּלעך אין דער האַנט, האָט ער מיך צוגעפירט ביז צו דער סאַמע טיר פון אונדזער דירה.

איינמאָל בעת אַזאַ ערנסט געשפּרעך מיט בראָודעס קינדער, האָט זיך וולאַדעק פּלוצים אויסגעדרייט צו פּאַוולען דעם סטרוזש און אַ געשריי געטון צו אים מיט חוזק:

— „הערט נאָר, זיי זאָגן, אַז זייער גאָט איז אַ גאָט״. פּאַוועל האָט אָוועקגעלייגט די בעזעמער און צעלאַכט זיך מיט אַ הויך, פעט געלעכטער. בראָודעס יינגלעך זענען געבליבן טויט דערשראָקן. זיי זענען געווען זי־כער, אַז באַלד וועט מיט פּאַוולען געשען עפּעס אַ שרעקלעכע זאַך, ער וועט זיכער איינגעזונקען ווערן, אָדער אַ דונער וועט אין אים אַריין, עפּעס מוז מיט אים געשען... ווען די שרעק איז אביסל פאַרבייגעגאַנגען, ווען זיי האָבן געזען, אַז מיט פּאַוולען איז גאָרנישט געשען, האָבן זיי זיך אַוועקגעשאַרט פאַמעלעך און מיט שווייגנדיקע, אומעטיקע טריט גע־גאַנגען אַהיים...

*

די פּאָקאָרנע גאַס איז געווען זייער נאָענט פון דער נאַדוויסליאַנסקער באַן. בלויז דאָס קורצע געסל וואָס האָט געהייסן „עספּלאַנאַדאַ״, דער שטומער, אָפּגעשיילטער בנין פון אַמאָליקן הקדש, דאָס שטיקל פּליכעוואַ־טע פעלד פון נעבן „וואָינע״־פּלאַץ, ווו יידן פון דער געגנט פלעגן אין די פאַרנאַכטן כאַפּן אַביסל פרישע לופט, אויב די קאָזאַקן פון ציטאַדעל האָבן נישט געיאָגט, בלויז דאָס האָט אָפּגעטיילט די פּאָקאָרנע גאַס פון דער נאַדוויסליאַנסקער באַן.

דער קליינער וואָקזאַל־בנין, ווי יעדער וואָקזאַל, האָט געהאַט צוויי פּנימער, איינס געווענדט צו די אָנקומענדיקע באַנען, און דאָס צווייטע צו דער זיך אויסשפּרייטנדיקער שטאָט. נעבן וואָקזאַל־בנין, אויף דער לינקער זייט, מיטן פּנים צו די שינעס, איז געהאָנגען דער אייביקער,

אומעטיקער, רוסישער גלאָק. נעבן דעם גלאָק איז דאָ אין וואַרשע, ווי אין גאַנץ רוסלאַנד, ווי אין ליטע און לעטלאַנד, ווי אין עסטאָניע און פינלאַנד, געשטאַנען אַ רוס מיט אַ פלאַקסענער באָרד, מיט אַ פּאַפּאַכע אויפן קאָפּ און מיט אַ שטים פון אַ דיאַק אויסגערופן: „פּיערווי זוואָנאָק, ווטאָראָי זוואָנאָק, טרעטי זוואָנאָק״!

אין יענע צאַרישע צייטן האָט יעדע באַן געבראַכט קיין וואַרשע אָרויסגעשטויסענע, אַרויסגעטריבענע יידן, „ליטוואַקעס״ פון גאַנץ רוס־לאַנד. זיי זענען נישט געגאַנגען אויף טוואַרדע אָדער גראַניטשנע, אין כאַמע געדיכטעניש פון יידישן וואַרשע, נאָר דאָ אויף פּאָקאָרנע, באַלד נעבן דער באַן, האָבן זיי געדונגען ליידיקע דירות און אויף קאַלטע פּאָדלאָגעס אַוועקגעלייגט זייערע האַרטע טשעמאָדאַנעס, פון וועלכע ס׳האָט זיך געטראָגן אַ ריח פון רויער לעדער.

*

אונדזער הויף אויף פּאָקאָרנע איז טאַקע געווען באַוווינט אמייסטן פון אַזעלכע „ליטוואַקעס״. זיי זענען כמעט אַלע געווען קאָמיסיאָנערן. קיין אַרבעטער האָבן אויף אונדזער הויף נישט געוווינט. בלויז אין דער אָפיצינע אַנטקעגן דעם טויער, דאָרט ווו ס׳זענען געווען עטלעכע דירות פון איינצלנע שטובן מיט קוכן, האָט געוווינט אַ רוס, אַן אַרבעטער. ער איז געגאַנגען אָנגעטון אין אַ בלויען כאַלאַט, אַ ראָזא העמד, אַן אַ קראַ־וואַט, און אויפן קאָפּ אַ קיילעכדיק היטל מיט אַ לעדערנעם דאַשיק ווי אַ סישטשיק. ער האָט געהאַט צוויי יינגלעך, וואַניאַ און סאשאַ. זיין זייער דיק ווייב האָט קיינמאָל נישט גערופן די קינדער אָן אַ קאַנטשיק אין דער האַנט. ער, דער הויכער, ברייטבייניקער רוס, פלעגט כמעט יעדן טאָג ברענגען אין אַ קראַטענער נאָז־פּאַטשיילע שפּיל־זאַכן פאַר די קינדער. די שכנים אויפן הויף האָבן געזאָגט, אַז דער רוס אַרבעט אויף דער באַן און, אַז די אַלע זאַכן געפינט ער.

*

אין פונקט אַזאַ דירה ווי דער רוס, האָט געוווינט אַ קאַפּעליוש־מאַכער. ער פלעגט איבעראַרבעטן אַלטע, האַרטע קאַפּעליושן און זיי פאַר־

קויפן אין זיין אייגענעם סטראַגאַן אויף דער וואָלוווקע. אין שטוב ביים קאַפּעליוש־מאַכער האָט אויסגעזען ווי אין אַ פּראָספּעקטאָריום, פול מיט טויטע, האָלצערנע קאָפּ־שיידלעך, אויף וועלכע מען פלעגט פּרעסן די איבערגעניצעוועטע קאַפּעליושן. די „קעפּ" פלעגט מען בעתן פּרעסן, אַרויפשטעלן אויף אַ טיש, אָבער ווען מען האָט זיי נישט גענוצט, האָבן זיי זיך געוואַלגערט אויף דער ערד. אויף שבת, ווען מען האָט אויפגעראַמט די שטוב, האָט מען אַלע טויטע־קעפּ אַרונטערגעוואָרפן אונטער די בעטן. בראָודעס יינגלעך, וועלכע זענען געווען גרויסע לאָבוזעס, פלעגן אָפט אַרויסגנבענען ביים קאַפּעליוש־מאַכער אַ קאָפּ, אָנקלאַפּן דעם קאָפּ אויף אַ שטעקן, אָנטון דעם שטעקן אַ ווייס ליילעך, אויסלעשן די לעמפּלעך אויף די שטיגן — און סטראַשען די אַרויפגייענדיקע, ביינאַכט, לאָקאַטאָרן.

פלוצים פלעגט זיך הערן אויף די שטיגן אַ ווילד, היסטעריש געשריי. ס׳האָבן אויפגעפּראַלט טיר און פענצטער. די קולות האָבן זיך געטראָגן פון הויז־איינגאַנג. נישט זעלטן פלעגט מען געפינען אויף די שטיגן אַ פאַרחלש׳טע פון שרעק פרוי. מען האָט שוין געוווּסט, אַז דאָס האָבן בראָודעס חברה אָפּגעטון אַ שטיקל אַרבעט. פּאַוועל דער סטרוזש און דער „מעלדונקאָווע זשאַנדצע" האָבן געפירט אַן אייביקע מלחמה מיט בראָודעס יינגען. אָבער ס׳איז זייער שווער געווען ביי זיי די מלחמה צו געווינען.

דעם קאַפּעליוש־מאַכערס יונגסטע טעכטערל, געלע, האָט געהאַט אַ „געוועלבל" פאַר זיך. אין אַ קליין קעסטעלע, וואָס איז געשטאַנען אונטערן בעט, האָט זי געהאַט אַביסל צוקערלעך מיט ביליקע שאָקאָלאַדקעס, וועלכע זי פלעגט פאַרקויפן די רייכערע קינדער פון הויף. זי פלעגט אָרויפרופן די קינדער צו זיך אין שטוב אַריין און צאַרט און איידל, מיט אימיטירטער סוחרישער פיינקייט האָט זי גערעדט צו זיי, באַוויזנדיק די סחורה. די קינדער האָבן געקרימט מיט די נעז, אָפּגעחוזקט פון די „וואַזשנע" שאָקאָלאַדקעס. זיי פלעגן אָפּבייסן שטיקלעך פון די קאַרמעלקעס און די רעשט צוריקוואָרפן מיט ביטול. געלע האָט הכנעה׳דיק גערעדט צו זיי: „דוס איז גיט, נאָ, פאַרזיך דוס, פין דעם וועסטי האָבן הנאה". לאַנגע דורות פון אָרעמקייט האָבן אַריינגעלייגט דער קליינער

געלע׳ן אין מויל אַריין זיסע, אונטערטעניקע רייד, מיט וועלכע זי האָט גערעדט צו די קליינע פאַרשאַרטע פּריצימלעך, וועלכע האָבן געהאַט אַ זילבערנע פינף־קאָפּיקע מטבע אין דער קעשענע. זי פלעגט דערביי מרוזשען מיט די אויגן, מאַכן אַ פּנימל פול מיט רחמנות, וואָס זי קאָן דערוויל נישט פאַרשאַפן די רייכערע קינדער קיין גרעסערע פאַרגעניגנס.

אין אַזאַ דירה האָט אויך געוווינט אַ שמוקלער. ער האָט אויסגעאַר־בעט שלייפלעך צו דאַמען־לאַטשן און פון לאַנגע בענדער געמאַכט שנוראָ־וואַדלעס. אַלע פּרייטיק־צונאַכטס, ווען די ניי־מאַשין איז געשטאַנען אין אַ זייט איבערגעדעקט מיט אַ פאַרגעלט ליילעך און אויפן טיש האָט מען דערלאַנגט יויך מיט באָבעלעך און פערפל, פלעגט דעם שמוקלערס ייִנגל מאַכן אַ געוואַלד, אַז אַלע שכנים פלעגן זיך צוזאַמענלויפן. ער האָט שטענדיק געשריגן דאָס זעלבע: אַז מען גיט אים צו ווייניק באָבעלעך, אַז ער האָט שוין געגוג די שטוב, אַז מען זאָל אים געבן אַ ווייב מיט אַ קינד מיט דרייסיק רובל, גייט ער וווינען פאַר זיך.

לאָטע דער „בראָנזאָווניק" האָט געוווינט אין אַ גרעסערער דירה אין דער זעלבער אָפּיצינע וואָס מיר. זיין בראָנזאָווניע האָט ער געהאַט אין אַ קליין קרום שטיבעלע, ווי אַ סטרושקע, אַנטקעגנאיבער פּאַוועלס שטיבל. דאָרט, אין דער בראָנזאָווניע, האָט זיין לערן־ייִנגל, אַ פּראָווינצער יונגער בחור, וואָס האָט געטראָגן אַ מאַרינאַרקע און אַ ייִדיש היטל, נאָכן איבערלייענען אַ טרויעריק ביכל, — זיך גענומען דאָס לעבן.

לאָטע האָט געהאַט עטלעכע דערוואקסענע טעכטער. איינע פון זיי איז געווען אַ שטומע. זי איז קיינמאָל נישט אַרויסגעגאַנגען אין גאַס. שעהען לאַנג, פלעגט זי זיצן ביים פענצטער, אַ פאַרטראַכטע און אַרויסקוקן אויפן הויף. זייט דער יונגער בחור האָט זיך גענומען דאָס לעבן, האָט מען זי מער ביים פענצטער נישט געזען. מען האָט נאָר פון צייט צו צייט געהערט איר משונה׳דיק געוויין. דאָס איז נישט געווען קיין געוויין, נאָר אַ געיאָמער פון אַ פאַרווונדעטער חיה. איר געיאָמער האָט אָנגעוואָרפן אַ שרעק אויף די קינדער פון הויף, אַזוי אַז מען האָט אָנגעהויבן אויסצו־מיידן לאָטעס פענצטער, ווען ס׳איז אויסגעקומען נעבן זיי אַדורכצוגיין.

מענטשן האָבן געזאָגט, אַז די שטומע איז „אַראָפּ פון זינען״. שפּעטער, אין אַ צייט אַרום, האָב איך זי ווידער געזען ביים פענצטער, אָבער שוין זייער זעלטן.

פּעיסין און גרוזענבערג

אַנטקעגנאיבער אונדזער דירה, אויפן צווייטן שטאָק, האָט געוווינט אַ ליטוואַק, זיין פאַמיליע־נאָמען איז געווען פּעיסין. מיין טאַטע האָט דער־ציילט, אַז דער ליטוואַק האַנדלט מיט גאַנצע פּעסער קעלבערנע מעגענער. מיר איז געווען אַ גרויסער חידוש צו וואָס מען דאַרף אַזוי פיל קעלבערנע מעגענער. אָבער מיין טאַטע האָט דאָס דערציילט ערנסט און צוגעגעבן, אַז דאָס איז זייער אַ גוט געשעפט.

צי פּעיסין האָט געהאַט אַ ווייב — געדענק איך נישט. איך געדענק נאָר, אַז ער האָט געהאַט צוויי טעכטער. צו דער עלטערער טאָכטער איז יעדן טאָג געקומען דער חתן. זיי פלעגן זיך אָנשפּאַרן אויפן פּאַראַפּעט און שהען לאַנג אַרויסקוקן דורכן פענצטער אין הויף אַריין, נישט אַרויסרעדנ־דיק צו זיך קיין וואָרט. שפּעטער האָבן זיי חתונה געהאַט. זעלטן געקומען צו גאַסט. די צווייטע טאָכטער פּעיסינס איז געווען אַ דאַרע און אינגאַנצן אַ גרינע. מיר האָט זיך אויסגעדאַכטן אַז זי עסט בלויז משוגענע שוואָמען. פּעיסין אַליין איז געווען אַ דאַרער, אַ הויכער, אַ ברוינער, שוין דאַמאָלט געהאַט גאָלדענע ציין און שטענדיק געגאַנגען אין בלויזן קאָפּ.

פּעיסין האָט געהאַט אַ גראַמאָפאָן מיט אַ גרויסער, רויטער טובע, פאַרענדיקט מיט אַ גאָלד־געמאָלענעם ראַנד. פאַרנאַכט, בעתן טרינקען טיי, פלעגן זיי אָנשטעלן דעם גראַמאָפאָן מיט דער פּליטע: „אוי, גע־וואַלד, אַ גנב!״

די פּעיסינס זענען געווען שטילע מענטשן. זיי האָבן זיך נישט גע־מישט אין די ענינים פון הויף, זיך קיינמאָל נישט געקריגט מיט קיין שכן. זיי האָבן אויך נישט אונטערגעהאַלטן מיט די שכנים קיין פריינט־

שאַפּטלעכע באַציאונגען. זיי האָבן זיך אויסגעלעבט אין קרייז פון זייער משפּחה און זייערע אייגענע אינטערעסן. בייסיקע שכנים, וועלכע עס האָט פאַרדראָסן אויף די פּיעסינס פאַר זייער אָפּגעזונדערטקייט, פאַר זייער האַלטן זיך פון דער ווייטן, האָבן זיי גערופן „די נישט מיר און נישט דיר".

אַממיינסטן זענען אין כעס געווען אויף די פּעיסינס עטלעכע „פּוילי־שע" ווייבער פון הויף, וועלכע זענען געווען גרויסע ספּעציאַליסטינס אין טרייבן רכילות. פאַר זיי איז די פאַרמאַכטע שטוב פּעיסינס געווען נישט צום פאַרטראָגן. וואָס ווייניקער זיי האָבן געוווסט וואָס דאָרט קומט פאָר, אַלץ מער האָט דאָס גערייצט זייער הונגעריקע פאַנטאַזיע. אָבער נישט פּעיסינען און נישט זיינע טעכטער האָט דאָס געאַרט, כאָטש זיי האָבן דערפון מן־הסתם גוט געוווסט. זיי פלעגן אַדורכגיין דעם הויף שמייכלענדיק און, נישט פאַרהאַלטנדיק זיך מיט קיינעם און אין ערגעץ, גיין גלייך אין דער ריכטונג פון זייער היים.

צי איז דאָס געווען צוליב שנאה צו די „פּעילישע", וואָס האָבן אויך געוווינט אויף דעם הויף, צי זענען די פּעיסינס סתם געווען „אָדלודקעס", איז מיר שווער צו זאָגן. כ׳געדענק נאָר, אַז מיין טאַטע פלעגט יאָ אַמאָל אויסטוישן, אַדורכגייענדיק, אַ פּאָר ווערטער מיט פּעיסינען. מיר האָט אויסגעזען מאָדנע אַט דאָס, וואָס מיין טאַטע רעדט גראָד מיט אים. פאַר־שידן, אינגאַנצן פאַרשידן זענען זיי געווען שוין ריין אויסערלעך, און אויך אַלץ וואָס האָט זיך געטאָן אין אונדזערע שטובן איז געווען אַזוי אַנדערש. מיין טאַטע איז געווען אַן עלעגאַנטער, אָבער חסידישער ייד, שטרענג און אָפּגעהיטן אין יעדן פּרט, און פּעיסין האָט מחלל שבת געווען בפרהסיה, רויכערנדיק פּאַפּיראָסן ביי אַן אָפן פענצטער און אפילו אין דער גאַס. ביי אונדז איז שבת געווען — שבת, לויט אַלע דינים און מנהגים, און ביי פּעיסינען האָט אין שבת אויסגעזען, לויט דעם, וואָס איך האָב צופעליק געזען דורכן פענצטער, ווי אין אַ פּראָסטן מיטוואָך. מיין טאַטע האָט גע־טראָגן אַ שיינע, געהאַקטע קאַפּאָטע מיט אַ יידיש היטל, און פּעיסין איז געגאַנגען אָנגעטון „דאַטש" מיט אַ האַרטן קאַפּעליוש אויפן קאָפּ. מיין טאַטע האָט געהאַט אַ קליין, אָבער צומאָל נישט געשוירן בערדל און פּעיסין איז געווען אַ גלוח, מיט אַ פּאָר שוואַרצע צוגעשוירענע פראַנצוי־

זישע וואָנסעלעך. פּאַר מיר איז פּעיסין מיט זיין גאַנצער שטוב, מיט זיין גאַנץ פּירעכץ, געווען עפּעס אַזוי ווי פון אַן אַנדערער וועלט. מיר איז אויסגעקומען זייער מאָדנע צו זען מיין טאַטן מיט אים רעדן. איך האָב עפּעס אָנגעהויבן אויף מיין טאַטן קוקן גאָר אַנדערש, ווי עפּעס אויף אַ מיסטעריעזער פּערזאָן, ווי אויף אַ מענטש מיט דרייסטקייט, וואָס האָט אינגאַנצן קיין מורא נישט. איינמאָל ביי אַ מיטאָג האָט מיין טאַטע געזאָגט צו מיין פעטער חנא, וואָס איז ביי אונדז גראָד געווען צו גאַסט, אַז פּעיסין האָט אַ שטאַרקע ידיעה אין רוסישע „פּאַפּירן", און געזאָגט האָט ער דאָס ערנסט און מיט אָנערקענונג. פון דאַמאָלט אָן, כאָטש איך האָב נישט געוווסט וואָס מען מיינט דאָס „פּאַפּירן", האָב איך אויך „אַנדערש" אָנגעהויבן צו קוקן אויף פּעיסינען.

אין וואָס איז באַשטאַנען מיין אַנדערש קוקן אויף פּעיסינען ווייס איך נישט. איך געדענק נאָר, אַז ווען בראודעס אַ יינגל האָט אַמאָל נאָכגעשריגן פּעיסינען:

„ליטוואַק חזיר, טשיו, טשיו, טשיו, ליג אין דר׳ערד, ליו, ליו ליו". האָב איך אים געזאָגט פאַרטרוילעך:

— מיט פּעיסינען טשעפּע נישט, ער האָט אַ שטאַרקע ידיעה אין „פּאַפּירן".

בראודעס יינגל איז אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער. שפּעטער האָט ער דאָס דערציילט זיינע ברידער. אַ לאַנגע צייט דערנאָך האָבן מיך די יינגלעך אויפן הויף גערופן: „פּאַפּירן". (פּאַפּירן קום, פּאַפּירן גיי, א.א.וו.)

פרייטיק־צונאַכטס פלעגן צו די פּעיסינס קומען געסט, באַקאַנטע צי משפּחה. מען פלעגט אָנצונדן אַלע גאַז־לאָמפּן אין די שטובן. אין דעם מיטעלן צימער האָט מען אויפן טיש אַוועקגעשטעלט דעם מעשענעם סאַמאָוואַר. נעבן דעם סאַמאָוואַר האָט מען אַוועקגעלייגט צוויי טאַליעס קאָרטן — און ווען אַלץ איז געווען גרייט האָט מען אַראָפּגעלאָזט די ראָ־לעטן ביי אַלע פענצטער. דאַמאָלט ערשט האָבן זיך אָנגעהויבן זאַמלען די געסט.

איינמאָל האָט מען אויף דער פּאָקאָרנע געמאַכט אַן „אָבלאַווע". פּאָליציי האָט אָפּגעשלאָסן אַלע הייזער און אַדורכגעפירט אַ גענויע קאָנ־

טראָל פון אַלע מענטשן, וואָס האָבן זיך דאָרט געפונען. ביי אונדז אויפן הויף האָט מיט דער „אָבלאַווע” אָנגעפירט דער אַלטער רעוויראָווע, זאַיטשיק, וואָס האָט געהאַט אַ באָרד אַ לאַ גענעראַל סקאָביעלעוו. ביי פּעיסינען זענען גראָד אַלע געסט געזעסןביים טיש פאַרטון אין אַ געשמאַק קערטל, ווען זאַיטשיק מיט עטלעכע סטאָיקאָוועס האָבן אָנגעקלאַפּט אין דער טיר. עס האָבן נישט געהאָלפן אַלע טענות און די בקשות וואָס פּעיסין מיט זיינע געסט האָבן פאַרלייגט פאַרן רעוויראָווע, און ער האָט זיי אַלע אָפּגעפירט אין צירקל אַריין.

*

אויפן ערשטן שטאָק, אונטער פּעיסינען, האָבן אויך געוווינט ליט־וואַקעס, די משפחה גרוזנבערג.

די גרוזנבערגס זענען אָבער געווען אינגאַנצן אַנדערש פון די פּעיסינס. זיי זענען געווען צוגעלאָזטע, אויסגעקאָכט מיט אַלע לאָקאַטאָרן, סיי ליטוואַקעס, סיי פּוילישע. ביי זיי זענען שטענדיק געווען פולע שטיבן מיט מענטשן. זיי זענען אַלע — דער פאָטער, די מוטער, די שוועסטער, ברידער, געווען זייער הויכע, אויסערגעווייינלעך הויכע. זיי פלעגן זיך אַזש איינבייגן פון הויכקייט. זיי האָבן געהאַנדלט אין שטוב מיט שיך צי מיט כאַלעווקעס, איך געדענק נישט גענוי. ביי זיי איז געווען אַזאַ מאַשינקע מיט וועלכער מען פלעגט אויסקלאַפּן אין די כאַלעווקעס לעכלעך און פאַר־זעצן קיילעכדיקע, מעשענע רעדעלעך, דורך וועלכע מען זאָל קאָנען אַדורכציען די שנוראָוואַדלעס.

גרוזנבערגס עלטסטער זון האָט צוגעהאָלפן דעם פאָטער אין גע־שעפט. אַ חוץ אים האָבן זיך אַלע קינדער געבילדעט. די עלטסטע טאָכטער האָט זיך געלערנט אויף אַן אַקושערקע. די זין זענען אַלע געגאַנגען אָנגע־טון אין גימנאַזיסטישע מונדירן. ביי די גרוזנבערגס זענען געווען אָפט געסט יונגעלייט, סטודענטן און שילער פון העכערע קלאַסן גימנאַזיע. אַן אָפטער גאַסט איז דאָרט אויך געווען דער אַלטער רעוויראָווע, זאַיטשיק. דער אַלטער גרוזנבערג פלעגט זיך מיט אים אַמפּערן, באַווייזן אים פאַר־שידענע פּאַפּירן, בייזערן זיך אויף אַ ראַציקן רוסיש — און דער אַלטער רעוויראָווע פלעגט שטענדיק פון דאָרט אימעצן אַרויספירן.

ביי די פּעיסינס איז אַלעמאָל געווען אויפגערוימט, יעדע זאַך איז זיך געשטאַנען אויף איר אָרט, אַלץ ריין און אויסגעפּוצט. מען האָט ביי זיי קיינמאָל נישט געזען רוימען און עס איז שטענדיק געווען אויפגערוימט. דאַקעגן ביי די גרוזנבערגס איז קיינמאָל נישט געווען קיין אָרדנונג. אומע־טום, אויפן טיש, אויף דער פּאָדלאָגע, ביי די ווענט און סתם אין מיטן שטוב זענען געשטאַנען אָנגעשטעלט פּודלעס מיט שיך. דער עלטסטער זון, אַ הויכער, מיט אַ קיילעכדיק פּנים און אַ קיילעכדיקער ליסינע אויפן גלאַנצנדיקן קאָפּ, האָט כסדר געטראָגן די פּודלעס פון איין אָרט אויפן צווייטן. אַרויסגענומען די שיך פון איין פּודלע און אַריינגעלייגט אין אַ צווייטער. אַרויסגענומען און אַריינגעלייגט. אַהערגעטראָגן און צוריק־געטראָגן. ווען ער פלעגט זיך קלויבן אַוועקצוגיין און שוין אַרויפגעלייגט דעם האַרטן קאַפּעליוש אויפן גאָלן קאָפּ, האָט ער זיך מיישב געווען, צוריק אויסגעטון דעם קאַפּעליוש, אים אַרויפגעוואָרפן אויפן בעט, און זיך צוריק גענומען איבערצוטראָגן די פּודלעס.

דער פּאָטער, אַ הויכער, אויך מיט אַ קיילעכדיקן קאָפּ און מיט אַ קיילעכדיקער ליסינע, נאָר ביי די זייטן באַוואַקסן מיט אינגאַנצן ווייסע האָר, האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן דעם זונס אַרומפּאָרן זיך מיט די פּודלעס. ער פלעגט זיך בייזערן אויף אים, אים אַריינזאָגן. אָבער ער האָט דאָס געטון אויף אַ גוטמוטיקן אופן, ווייל ער איז געווען בטבע זייער א גוטער מענטש.

זעט אויס, אַז דער טאַטע, דער אַלטער גרוזנבערג, האָט געזען אַז זיין זון איז נישט קיין גרויסער סוחר, אַז שטאַרק פאַרלאָזן אויף אים קאָן מען זיך נישט. און אפשר האָט דער זון זיינער געהאַט אין דער שטיל טענות צום טאַטן, פאַרוואָס ער האָט אים אויך נישט געלאָזט בילדן? אפשר איז ער מקנא געווען זיינע ברידער, וואָס האָבן זיך געלערנט אין גימנאַזיעס און זיך געקליבן שטודירן? אפשר האָט ער זיך געפילט דערפון געטראָפן, וואָס ער מוז זיך פאַרנעמען מיט שיך, אין דער צייט ווען זיינע שוועסטער און ברידער זיצן איבער ביכער? אפשר, קאָן זיין.

אין די ווינקלען פון די שטובן זענען געזעסן יונגעלייט אין שוואַרצע מונדירן, געריכערט פּאַפּיראָסן און אומאויפהערלעך דיסקוטירט. ווינטער־

צייט פלעגן זיך די גרופּקעס ביי גרוזנבערגן האַלטן נאָנט פון אויווּן. טייל־מאָל פלעגט גרוזנבערגס טאָכטער אַריינדערלאַנגען אויף אַ גרויסן טעלער אָנגעשניטן ברויט באַשמירט מיט געגדזן־שמאַלץ און אויך אַוועקשטעלן ביי יעדן פון די יונגעלייט צו אַ גלאָז טיי.

איך פלעג זיך פון צייט־צו־צייט אַרויפכאַפּן צו זיי. דער עלטסטער זון האָט שוין געהאַט פאַר מיר אָנגעגרייט אַ גאַנצן פּאַק מיט אייזערנע רעדעלעך, וואָס זענען קאַליע געוואָרן בעת אַריינקלאַפּן זיי אין די כאָ־לעוועס. ווען ער האָט שוין געהאַט אָנגעגרייט אַ שפּאָרע פּאָרציע אַזעלכע רעדעלעך פלעגט ער מיר געבן אַ צייכן דורכן פענצטער, אַז איך זאָל אַרויפקומען.

מיך האָט אינטערעסירט ביי די גרוזנבערגס נישט נאָר די מאַשינקע אַריינצוקלאַפּן די רעדעלעך. נאָר אויך די יונגעלייט, מיט די גרויסע, שוואַרצע טשופּרינעס, מיט די הויכע, שטייפע קראַגנס פון זייערע מונדירן. ספּעציעל האָט צוגעצויגן מיין אויפמערקזאַמקייט איינער, וואָס האָט אויף זיין גרינלעכן מונדיר געטראָגן גאָלדענע עפּאָלעטן, ווי אַ גענעראַל. ער איז געווען אַ שלאַנקער, אַ בלאָנדער און געהאַט קליינע גאָלדענע וואָנסע־לעך און געטראָגן בינאָקלען. ער פלעגט טיילמאָל זיך שפּילן מיט מיין קינדיש הענטל, ווען ער האָט גערעדט צו די חברים. זיי האָבן גערעדט צו זיך רוסיש. איך האָב רוסיש נישט פאַרשטאַנען. ביי אונדז האָבן די קינדער גערעדט צווישן זיך פּויליש, בלויז צו טאַטע־מאַמע האָבן מיר גערעדט יידיש.

אַממייסטן און אמאָפּטסטן האָט גערעדט דער סטודענט מיט די עפּאָלעטן, ווי אַ גענעראַל. ווינטער פלעגט ער שטיין ביים ווייסן הויכן אויוון און די רעשט חברה זענען געזעסן אַרום אים און געהערט. אָבער נישט בלויז איין גרופּע אַזאַ פלעגט מען זען ביי די גרוזנבערס. עס פלעגן זיצן צו עטלעכע גרופּעס יונגעלייט. אין יעדער שטוב אַ גרופּע, און אפילו אין איין שטוב זענען געזעסן צו עטלעכע. ווען דער סטודענט מיט די עפּאָלעטן פלעגט אָנהויבן רעדן, פלעגן זיך געוויינטלעך צונויפקומען אַלע יונגעלייט פון אַלע גרופּעס און פון אַלע שטובן.

די יונגעלייט זענען געווען אַזוי ווי אַ טייל פון גרוזנבערגס שטוב.

זייער אָנוועזנהייט האָט קיינעם נישט געשטערט און זיי האָט נישט געאַרט, ווי איז נישט אָנגעגאַנגען וואָס עס האָט זיך געטון אין שטוב. זיי פלעגן קומען און אַוועקגיין אַזוי ווי צו זיך. זיי האָט מען געקאָנט זען בייטאָג און מען האָט זיי געקאָנט זען ביינאַכט. צי עס זענען געווען קונים, צי מען האָט ביי די גרוזנבערגס געמאַכט אַ גרויסע וועש, צי מען האָט גע־רוימט — איז דאָס זיי נישט אָנגעגאַנגען. בעתן רוימען פלעגן זיי איבער־גיין אין שטוב פון איין אָרט אויפן צווייטן. זיי האָבן נישט נאָר גערעדט. זיי האָבן זיך אויך געלערנט און געלייענט ביכער צוזאַמען.

ווען דער אַלטער רעוויראָווע זאַיטשיק מיט דער באָרד אַ לאַ גענע־ראַל סקאָביעלעוו האָט אָנגעהויבן צו ווערן אַ צי אָפטער גאַסט ביי די גרוזנבערגס, האָבן די יונגעלייט ביסלעכווייז אויפגעהערט אַרויפצוקומען. עס האָט קיינער ביי זיי אין שטוב אַזוי שווער נישט איבערגעטראָגן דאָס. וואָס די יונגעלייט האָבן אויפגעהערט צו קומען, ווי דער אַלטער גרוזנ־בערג. ער איז מיט אַמאָל ווי איינגעפאַלן, די הענט האָבן ביי אים אַנגעהויבן ציטערן. ער האָט אָנגעהויבן זיך פּאַמעלעך באַוועגן, ער האָט געשטעלט עפּעס אַזעלכע נישט זיכערע טריט. מען האָט אָנגעהויבן מיט אים גיין צו דאָקטוירים. נישט זעלטן איז אַ קאָטש, איינגעשפּאַנט אין איין פערד פאַרפאָרן פאַר אונדזער הויז. פון דער קאָטש איז אַרויסגעשטיגן אַ גרויער מאַן, מיט גאָלדענעברילן און מיט אַ שטעקן אין דער האַנט. די קינדער האָבן געזאָגט, אַז דאָס איז דאָקטאָר הערץ — און אַז ער איז געקומען צו דעם אַלטן גרוזנבערג.

דער אַלטער גרוזנבערג איז געווען פאַרליבט אין די יונגעלייט, וואָס פלעגן קומען צו אים אין שטוב. ער פלעגט קיינמאָל נישט אָנטייל נעמען אין זייערע געשפּרעכן, ער האָט זיך קיינמאָל אַפילו מיט קיין איין וואָרט נישט אָנגערופן. עס האָט זיך געקאָנט אויסדאַכטן, אַז ער הערט זיי נישט און באַמערקט זיי נישט. ער איז שטענדיק געווען אַזוי פאַרטון אין זיינע ענינים, אַז קיינעם איז נישט איינגעפאַלן, עס האָט קיינעם גאָר־נישט געקאָנט קומען אויפן געדאַנק, אַז ער האָט עפּעס מיט זיי אַ שייכות, אַז ער פילט עפּעס צו זיי, צי כאָטש אַז זיי אינטערעסירן אים. אָבער ווי אַ פרומער עם־הארץ, וואָס זיצט שעהען לאַנג אין בית־המדרש, אין אַ זי־

סער, פאַרליבטער איינהערעניש אין קול פון די גמרא־לערנער, אַזוי פלעגט דער אַלטער גרוזנבערג, אַ פאַרנומענער און אַ פאַריאָגטער מיט פולע הענט אַרבעט, נאָר מיט אָפענע אויערן, און מיט אַן אָפן האַרץ זיך צוהערן צו די רייד פון די יונגעלייט, צו זייערע הויך קלינגענדיקע שטי־מען, צו זייער ענטוזיאַסטישן פאַרגיין זיך אין ענינים, וועגן וועלכע ער האָט אַזוי גוט געאַנט, כאָטש אַזוי ווייניק פאַרשטאַנען.

ראָזשינקעס אָן מאַנדלען

אונטער גרוזנבערגן, אויפן פאַרטער, האָט געוווינט אַ ליטווישער ייד, ערגעץ פון בריסקער געגנט. זיין פאַמיליע־נאָמען איז געווען דאָרפמאַן. ער איז געווען דער אינהאַבער פון דער וויין־פאַבריק, וועלכע האָט זיך געפונען ביי אונדז אויפן הויף אין אַ גרויסן, הויכן קעלער. צו אים האָבן דאָס געהערט די לאַנגע שטאַנגען, וואָס זענען געלעגן ביים פענצטער פון קעלער און אויף וועלכע איך פלעג פון צייט־צו־צייט זיצן איינער אַליין. דאָרפמאַן איז נישט געווען ענלעך צו די אַלע רוסישע „ליטוואַקעס", וואָס האָבן געטראָגן האַרטע קאַפּעליושן און געגאָלט די בערד. ער איז געווען אינגאַנצן אַנדערש פון זיי. געווען אַ יידישער מענטש, געטראָגן אַ גע־האַקטע קאַפּאָטע, כאָטש נישט קיין גאַנץ לאַנגע. ער האָט געהאַט אַ קליין, בלאָנד בערדל און אויף דער נאָז — אַ פּאָר גאָלדענע ברילן. אויפן קאָפּ ביי אים פלעג איך אָפט זען אַ שוואַרץ זיידן קאַפּל, אַזוינס, ווי ס'האָבן געטראָגן די סאַרווערס.

דאָס קאַפּל פלעגט ער טראָגן ווען ער איז געווען באַשעפטיקט אין וויין־קעלער. ווען ער איז געגאַנגען אין גאַס, האָט ער שטענדיק אָנגעטון אַ ווייכן, שוואַרצן קאַפּעליוש.

דאָרפמאַנען פלעג איך זען, ווען ער איז פון זיין שטוב געגאַנגען אין וויין־קעלער אַריין מיט אַ געלן אַרשין אין דער האַנט. דעם אַרשין

האָט ער געהאַלטן גלייך און אים געטראָגן מיט גרויס פּאַרטראַכטקייט, ווי די פרומע יידן טראָגן אין סוכות מיט גרויס כוונה די לולבים אין די הענט, ווען זיי גייען אין די שטיבלעך אַריין דאַווענען.

מיט דער פאַבריק גופא האָט ער זיך ווייניק פאַרנומען, ער איז געווען אַממייסטן באַשעפטיקט אין גאַס. ער האָט געפירט די מסחרים. די פאַבריק האָט אָנגעפירט זיינס אַן אָנגעשטעלטער, אַ מענטש אין די מיטעלע יאָרן, מיט אַ לאַנגער ברוינער, האַרטער באָרד, מיט אַ זויער־געל פּנים. דער אָנגעשטעלטער האָט געטראָגן אַ יידיש היטל און שטענדיק געגאַנגען אָנגעטון אין אַ שאַרע, צייגן כאַלאַטל. צו דעם כאַלאַטל זענען געווען צוגעקלעפּט דיניטשקע, אויסגעקוועטשטע ראָזשינקעס, וואָס האָבן אויסגעזען ווי קיילעכדיקע, ברוינע שטיקלעך פּאַפּיר.

דאָרפמאַן פלעגט אַראָפּגיין אין ווײַן־קעלער נאָר בכדי אויסצומעסטן דעם ווײַן אין די פעסער. דער ספּעציאַליסט, דער ווײַן־קיפער איז געווען זיין אָנגעשטעלטער. ווען אַ פּאַרטיע ווײַן איז געשטאַנען פּאַרטיק איבערצושיקן אין דער „ראָזלעוויניע״, פלעגט דער אָנגעשטעלטער קומען רופן דאָרפמאַנען. זיי זענען דאַמאָלט פּייערלעך געגאַנגען איבערן הויף, דאָרפמאַן מיטן געלן אַרשין אַביסל פאָרויס און אַ טריט נאָך אים זיין אָנגעשטעלטער. זיי פלעגן דאַמאָלט שטענדיק מיט זיך עפּעס רעדן און ס׳איז פון זיי ביידע געגאַנגען אַ זויערלעכער ריח פון ווײַן.

אין ווײַן־קעלער האָט דער אָנגעשטעלטער אַרויסגענומען די שפּונטן פון די פעסער און דאָרפמאַן פלעגט אַריינשטעלן דעם אַרשין און מעסטן אין זיי די הויך פון ווײַן. ער פלעגט דאַביי יעדעס מאָל עפּעס פאַרצייכענען. ווען זיי האָבן שוין געהאַט אַלץ אויסגעמאָסטן, אפילו די הויכע באַליעס, וואָס האָבן אויסגעזען ווי אין מיטן בויך דורכגעזעגטע פעסער, פלעגן זיי ווידער אַריינגיין צו דאָרפמאַנען אין שטוב און ביי אַ קליין טישל, וואָס איז געשטאַנען ביים פענצטער, לאַנג און פאַרטראָגן חשבונען.

*

פון צייט־צו־צייט זענען דורך דעם ברייטן, צעפּראַלטן, אייזערנעם טויער פאַרפאָרן אין הויף ריזיקע פלאַטפאָרמעס. יעדע פון זיי איז געווען געשפּאַנט אין אַ פּאָר גרויסע ברוין־גלאַנצנדיקע פערד און הויך באַלאָדן

מיט קליינע, האַרטע זעקלעך ראָזשינקעס. ביי די זייטן פון יעדער פּלאַט־כּאָרמע זענען געגאַנגען צו עטלעכע פּלייצע־טרעגער, האַלטנדיק צו איין האַנט אַרויפגעלייגט אויף די זעק. מיט דעם האָבן זיי געגעבן צו וויסן, אַז דאָס איז זייערס, אַז צו די זעק טאָר זיך קיינער אַ חוץ זיי נישט צורירן. די פּלייצע־טרעגער זענען געווען ברייטע יידן, קרעפּטיקע, מיט גרויסע הענט, ווי די לאָפּעטעס, און מיט גרויסע פיס אין הויכע שטיוול. זיי זענען סיי זומער, סיי ווינטער, געגאַנגען אָנגעטון אין וואַטענע שפּענצערס באַניי־טע מיט גרינעם לייוונט און אין ברייטע, גאַליפע־הויזן, וואָס דאָס האָט נאָך מער אונטערגעשטראָכן זייער ברייטקייט. זייערע פּנימער זענען געווען פריילעכע, מיט פעסט איינגעפּאַסטע, פליישיקע נעז און מיט פולע ליפּן. אויף די קעפּ האָבן זיי געטראָגן קיילעכדיקע, פּלאַטשיקע היטלעך מיט לעדערנע דאַשקעס. ווען זיי האָבן זיך גענומען אויסלאָדענען די פּלאַט־כּאָרמעס, האָבן זיי זיך פון זעק געמאַכט עפּעס אַזוינס, ווי קאַפּישאָנען און פאַרדעקט דערמיט דעם קאָפּ און איין אָרעם. די קליינע זעקעלעך מיט די ראָזשינקעס האָבן זיי נישט גענומען אויף די פּלייצעס. אויף זייערע ברייטע פּלייצעס פלעגן די קליינע זעקלעך ווי פאַרלוירן גיין און זיך אַראָפּגליטשן. זיי האָבן זיי גענומען אויפן אַקסל, ווי מען נעמט אַמאָל אַ קינד, און פלינק און פריילעך מיט זיי געלאָפן איבער דעם הויף און איבער די שטיגן גלייך אין וויין־קעלער אַריין. ווען מען איז געשטאַנען נאָנט נעבן די טרעגער, האָט מען געהערט אין זיי עפּעס שפּילן, ווי אין אַ שפּיל־קעסטעלע. דאָס האָט אַזוי אין זיי געשפּילט זייער אָטעם — רייך, הויך און רעגלמעסיק.

און אַז ס׳האָט אַמאָל נישט געסטייעט קיין אָרט אין קעלער פאַר אַלע ראָזשינקעס, האָט מען אַ טייל פון זיי אויסגעלאָדן אויפן הויף, פאַר די פענצטערלעך פון וויין־קעלער. ווי נאָר די פּלאַטפאָרמעס זענען אַוועק־געפאָרן האָבן זיך אַלע קינדער אין הויף אויסגעזעצט אויף די זעקלעך, וועלכע זענען געווען האַרט און קלעפּיק און עס איז פון זיי געגאַנגען אַ זיס־זויערלעכער ריח פון וויין. די קינדער פלעגן „דלוביען״ מיט זייערע פינגערלעך אין די זעקלעך, ביי דער זייט ווו זיי זענען געווען פאַרנייט, און האָבן זיך טיילמאָל „דערדלוביעט״ צו די ראָזשינקעס, וועלכע זיי האָבן זיך פּאַמעלעך, פאַרבאָרגן און פאַרנאַשט געלייגט אין מויל אַריין.



מיט אַ געשריי און געפּילדער...

ס׳פלעגט אויך טרעפן אַז ביים אויסלאָדענען האָט אַ זעקל געפּלאַצט. די צונויפגעקלעפּטע פון פּעטקייט גרודעס ראָזשינקעס זענען ביים פאַלן אויף די שטיינער פון הויף צעשפּרונגען געוואָרן אויף איינצעלנע. די קינדער פון הויף, וואָס האָבן זיך שטענדיק פאַרזאַמלט אַרום די פּלאַטפּאָר־מעס, האָבן מיט אַ געשריי און געפּילדער זיך געוואָרפן אויף דער ערד זיי אויפצוקלויבן. זיי זענען אַרונטערגעקראָכן אונטער די פּלאַטפּאָרמעס, זיי זענען געקראָכן צווישן די פיס פון די פערד, וואָס זענען געשטאַנען און געקייט דעם האָבער פון האָלצערנע קאָריטעס, וואָס זענען געווען אָנגע־האָנגען ביי די אָקסן. די קאָריטעס זענען געווען אַזוי גרויס, אַז די מעכ־טיקע פערדישע מאָרדעס האָבן געהאַט גענוג אָרט אין זיי זיך איינצונורען, ווען זיי האָבן מיט נאַסע פּיסקעס און ריזיקע ציינגער אויסגעלעקט דאָס לעצטע ביסל האָבער פון דנאָ. טיילמאָל האָט זיך אין דער קאָריטע אַריינ־געגנבעט אַ קליין, גראָ שוועלבעלע און האַרט נעבן דער ריזיקער פערדי־שער מאָרדע אַ פּיק־געטון אַ קערנדל האָבער און גיך אַוועקגעפלויגן.

די קינדער האָבן זיך געדרייט צווישן די פערד, וואָס כאָטש זיי זענען געווען פאַרנומען מיטן עסן האָבן זיי דאָך נישט געקאָנט איינשטיין רויק. מחנות פליגן האָבן זיך געראַיעט אויף די פּלאַטפּאָרמעס, אויף די זיסע זעקלעך און אויף איין וועגס באַזעצט די פערדישע שווייסיקע, וואַרעמע בייכער. די פערד האָבן געיאָגט פון זיך די פליגן. זיי האָבן פאַמעלעך אויפגעהויבן אַ פוס און פּלוצלונג אַ קנאַק געטון מיט דער אייזערנער פּאָדקאָ־ווע אין די שטיינער, אַז פונקען זענען געפלויגן. ס׳האָט אויסגעזען, ווי די פערד וואָלטן דאָס געטון רעגלמעסיק און ספּעציעל, בכדי מיט די פּאָדקאָ־ווע אויפצוקנאַקן די קיילעכדיקע שטיינער פון אונטער זייערע פיס, פונקט ווי די יינגלעך פלעגן סוכות־צייט מיט באַקאָוועטע שטיוועלעך אויפקנאַקן אויפן הויף גרויסע, וועלשענע ניס.

די פערד האָבן אויך געיאָגט פון זיך די פליגן דורכן שמייסן זיך אין די זייטן און אין בויך מיט זייערע לאַנגע, ברוינע ווידלען. פון בלויז איין אַזאַ שמיץ זענען צענדליקער פליגן געפאַלן טויט און זיך צונויפגעמישט מיט די צעשיטע ראָזשינקעס. נישט איינמאָל האָט געטראָפן, אַז אין אַ האַנט

ראַזשינקעס, וואָס אַ קינד האָט צונויפגעקליבן, האָט זיך געפונען אַ שפּאָר ביסל טויטע פליגן.

ס'פלעגט אויך טרעפן, אַז אַ קינד וואָס האָט זיך געדרייט צו נאָענט ביי די פערד, האָט געקריגן אַ שמיץ אין פּנים־אַריין מיטן סאַמע דינטשיק־סטן סוף פון פערדישן ווידל. דאָס האָט שרעקלעך וויי־געטון און דאָס קינד פלעגט מיט אַ יאָמערלעך געוויין אַרויפלויפן אין שטוב אַריין.

אַממייסטן האָבן זיך געוואָרפן זוכן די ראַזשינקעס די אָרעמע קינ־דער פון הויף. די רייכערע זענען געשטאַנען פונדערווייטנס, אויפגעקליבן נאָר דאָס, וואָס איז געלעגן נעבן זייערע פיס. זיי האָבן זיך נישט צופיל דאַביי אָנגעשטרענגט און נאָך געקוקט מיט אַ חוזק־שמייכעלע אויף די אָרעמע קינדער, וואָס זענען געקראָכן אומעטום, זיך געקאָרטשעט, זיך געטאָזשעט אין שטויב און אין בלאָטע, אַבי אויפצוהייבן אַ ראַזשינקע. אָבער אויפן הויף האָט געהערשט אַזאַ מין „רוונאָשטש" (גלייכהייט). ביי די שפּילן איז נישט געווען קיין חילוק צווישן אָרעם און רייך. אויך איצט, ווען די פּלאַטפאָרמעס זענען שוין געהאַט אַוועקגעפאָרן, ווען אַלע ראַזשינקעס זענען שוין געווען צונויפגעקליבן, האָט מען זיך באַדאַרפן טיילן גלייך אויף גלייך מיט אַלע קינדער. דעם „באַוואַרניקס" יינגעלע משה'לע האָט זיך געבונטעוועט, פאַרוואָס די רייכערע קינדער האָבן גאָר־נישט געקליבן און איצט דאַרף ער זיך מיט זיי טיילן.

— „צאָ טי יעסטעש זאַ וויעלקי פּריץ" (וואָס ביסטו דאָס אַזאַ גרויסער פּריץ), האָט ער געשריגן צו דעם יינגעלע אין די לאַנגע האָר, און ביים וואָרט „פּריץ" אַרויסגעשטופּט פון פאָרנט דאָס בייכל. אָבער געלע, דעם קאַפּעליוש־מאַכערס מיידל, וואָס איז געווען די עלטסטע צווישן די קינ־דער, וואָס האָבן זיך געשפּילט אויפן הויף, אָט די געלע, וואָס האָט געהאַט ביי זיך אין שטוב דאָס „געוועלבל" מיט צוקערלעך און טשעקאָלאַדקעס, האָט געקוקט מיט חניפה די רייכערע קינדער אין די אויגן און געשריגן צו משה'לען: „יאַק רוונאָשטש — טאָ רוונאָשטש"! (אויב גלייכהייט איז גלייכהייט). זי האָט זיך נישט געלאָזט בונטעווען. זי האָט שוין אויך אַזוי געמאַכט, אַז דווקא די רייכערע קינדער האָבן באַקומען די גרויסע, שוואַר־

צע מאַלאַגאַ־ראָזשינקעס און זי האָט זיך אויך פאַר זיי אויסגעסטאַרעט ר׳ינע, ווייסע שטיקלעך פּאַפּיר, ווו די ראָזשינקעס אַריינצולייגן.

די קינדער האָבן זיך לאַנגע טעג אַרומגעטראָגן מיט די פּאַפּירלעך ראָזשינקעס. קיין סך האָט מען זיי נישט געקאָנט עסן, ווייל זיי זענען געוועזן שטאַרק זיס און ס׳האָט פון צופיל זיסקייט געאיבלט. האָט מען גע־פירט מסחר, געטוישט צווישן זיך: צוויי קליינע — פאַר איין גרויסער, דריי ברוינע — פאַר איין שוואַרצער. די רייכערע קינדער האָבן שוין גאָרנ׳ישט געוווסט וואָס צו טון. זיי האָבן מורא געהאַט אַרויפצוגיין אין שטוב אַריין, אַז די עלטערן זאָלן ביי זיי נישט צונעמען די נישט געוואַשענע און צוגויפ־געקליבענע אויפן הויף ראָזשינקעס. זיי האָבן פון דער גאַנצער שמחה קיין גרויס נחת נישט געהאַט. אָבער פאַר די אָרעמערע קינדער פון הויף אויף פּאָקאָרנע איז דאָס צעשיטן זיך פון אַ זאַק ראָזשינקעס געווען אַ גרויסער יום־טוב. פאַר זיי איז דאַמאָלט מקויים געוואָרן כאָטש אַ האַלבער חלום וועגן ראָזשינקעס מיט מאַנדלען...

*

איינמאָל, נאָך מיטאָג, ווען מיר האָבן שוין געהאַלטן ביים טיי־טרינקען, איז די דינסט האָדעס אַריינגעקומען אין עס־צימער און האָט געזאָגט, אַז דער אָנגעשטעלטער פון דאָרפמאַנס ווייַן־קעלער וויל זיך זען מיטן הער, מיט מיין טאַטן. דער טאַטע האָט געהייסן אים תיכף אַריינרופן. ער איז אַריינגעקומען אַ דערשראָקענער. זיין פּנים איז געווען נאָך מער געל ווי אַלעמאָל. ער האָט אַ פאַרלוירענער זיך אַרומגעקוקט, אָנגעקוקט דעם טיש, וואָס איז געווען געדעקט מיט אַ שניי־ווייס טישטעך און נאָך האַלב סערווירט, אַ בליק געטון אויף די קינדער, וואָס זענען געזעסן אויס־געסדר׳ט לויט דער עלטער, געטרונקען טיי פון פיליזשאַנקעס און פאַר־ביסן מיט דער „שפּייזע" פון מיטאָג — און טיף אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. מיין טאַטע איז געווען צו אים זייער העפלעך, אים געבעטן זיך זעצן ביים טיש און פאַרגעלייגט טרינקען צוזאַמען מיט אונדז טיי. פאַר דער טיי האָט דער ייד געדאַנקט, נישט געוואָלט טרינקען. ער האָט גענומען אַ שטול און זיך אַוועקגעזעצט אַ שטיק ווייט פון טיש.

דאָס וואָס ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אַזוי ווייט פון טיש, דאָס האָט געוועקט דעם טאַטנס און דער מאַמעס ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט צו אים. אַזוינס האָט זיך קיינמאָל ביי אים נישט געטראָפן. כאָטש ער איז נישט געווען פון די איינגייערס צו אונדז אין שטוב, פלעגט ער אָבער פון צייט צו צייט צו אונדז קומען און זיך געפילט היימיש. מיין טאַטע האָט שטאַרק פון אים געהאַלטן. ער איז געווען אַ פּוילישער ייד, האָט געקענט גוט לערנען און געווען אַ חסיד, אָבער אַנדערש פון אַלע חסידים וואָס איך האָב געזען. ער האָט נישט געהאַט אין זיך די חסידישע ברייטקייט און פונאַנדערגענומענקייט. ער האָט נישט גערעשט און נישט געפילדערט. ער איז געווען שטיל און צוריקגעהאַלטן. ס׳האָט גענוג לאַנג געדויערט ביז וואַנען ער האָט זיך ביי אונדז אָנגעהויבן פילן היימיש. זיין שטילקייט און פאַרמאַכטקייט אין זיך איז דער עיקר מיין מאַמען שטאַרק געפעלן געוואָרן און זי פלעגט אים שטענדיק זייער שיין אויפנעמען.

איצט האָט זיין זעצן זיך פונדערווייטן זיי שטאַרק איבעראַשט. זיי האָבן אים לאַנג אָנגעקוקט, און דער טאַטע האָט אַ באַאומרויקטער אים געפרעגט:

— ר׳ שלמה, וואָס איז מיט אייך? וואָס זענט איר אַזוי צערודערט?

— ס׳איז מיר געשעיען אַ גרויס אימגליק. — האָט דער ייד שטיל אַרויסגעפּליסטערט.

— וואוס איז? וואוס איז? — האָבן דער טאַטע מיט דער מאַמען גלייכצייטיק אויסגעשריגן.

ר׳ שלמה האָט פּאַמעלעך אויפגעהויבן דעם קאָפּ, אַ טרויעריקן בליק געטון אויף טאַטע־מאַמע, און מיט מוראדיקער פאַרצווייפלונג אין קול אַרויסגעשעפּטשעט:

— ס׳האָט זיך מיר געוויזן בליט.

דער טאַטע מיט דער מאַמען זענען געבליבן זיצן ווי פאַרשטיינערט. די מאַמע האָט זיך באַלד געכאַפּט און מיט אַ שאַרפן בליק שנעל אויסגעמאָסטן דעם שטח צווישן דעם ייד און די קינדער... אין אַ מינוט אַרום האָט דער טאַטע געפרעגט:

— ווי לאַנג זעט איר שוין בליט?

— שוין איבער צוויי וואָכן... אָבער דאָס ערגסטע, אַז עס הערט גאָרנישט אויף.

— און ביי אַ דאָקטער זענט איר שוין געווען?

— געווען שוין צוויי מאָל.

— און וואוס האָט ער גיזוגט?

— אַ דאָקטער ווי אַ דאָקטער. פאַרשריבן רעצעפּטן אין גיהייסן תּיכף זמיד אַרויספאָרן קאַן אָטוואָצק.

— ני? — האָט דער טאַטע געזאָגט, פונאַנדערפירנדיק די הענט.

— וואוס הייסט ני, שטעלט אייך פאָר, אַז איך אַרבעט נישט ערשט צוויי וואָכן, האָבן שוין נישט די קינדער מיינע קיין שטיקל ברויט, — האָט דער ייד אַזוי ווי אין פאַרשעמטקייט אַרויסגעזאָגט.

— ני, אין ווי איז דאָרפמאַן? — האָט דער טאַטע געפרעגט אַ דער־שטוינטער.

— דאָרפמאַן? — האָט דער ייד איבערגעחזרט, ווי פאַרוווּנדערט פון מיין טאַטנס נאַאיווקייט, — ער איז גור נישט אומגליקלעך פון דעם, וואוס איז גישעיען. ער האָט מיר שוין לאַנג געגעבן אָנציגעהערן, אַז די פאַבריק פאַרגרעסערט זיך און איך האָב נישט קיין כוח זי אַליין צו באַאַרבעטן. די פאַבריק ליידט גוער, הייסט עס, פין מיר, צוליב מיר... ווידער צינעמען נאָך אַ מענטש און צולן פאָר צוויי האָט ער גוער נישט בדעה. דאָס האָט ער שוין מיר נישט איין מאָל אָפן געזאָגט.

דער טאַטע איז געבליבן זיצן ווי אַ באַרוישטער פון דעם אַלעם, וואָס ער האָט נאָר וואָס געהערט. פּלוצים האָט ער זיך אומגעקוקט און דערזען זיצן די קינדער אַרום דעם טיש. ער האָט מיט פאַרוווּנדערונג און פאַר־וורף אַ ווונק געטון צו דער מאַמען, און די מאַמע האָט זיך אָנגערופן: — קינדער, גייט אַריין צו זיך אין שטוב.

מיר האָבן זיך אַלע מיט אַמאָל אויפגעשטעלט, טרויעריק אַ בליק געטון אויפן ייד און אַריין צו זיך אין קינדער־צימער.

בראודעס וואָיסק

צווישן די עטלעכע משפחות „פּוילישע״, וואָס האָבן געוווינט אויפן הויף אויף פּאַקאַרנע, האָט זיך אויסגעטיילט די משפחה בראודע, וואָס האָט פאַרנומען פּונקט אַזאַ דירה וואָס מיר, אונטער אונדז. בראודע האָט געהאַט ערגעץ ווו אין שטאָט אַ פאַבריק פון טייערע, שטרויענע קאַפּעליושן, ער האָט אויך געהאַנדלט מיט זיידענע שטאָפן. דאָס שטרוי צו די קאַפּעליושן און די זיידענע שטאָפן האָט מען געבערענגט צו אים פון אויסלאַנד, אָבער עפּעס אויף אַ פאַרהוילענעם אופן. די סחורה האָט מען פון דער באַן נישט אָפּגעפירט צו אים אין דער פאַבריק, נאָר אין שטוב אַריין. ווען ס׳פלעגט פאַרפאָרן צו בראודען אַ פור מיט אַ קאַסטן זייד, צי שטרוי, איז דאָרט שטענדיק נעבן פורמאַן געזעסן איינער אין אַ „קאַזיאָננע״ אָנגעטועכץ, אין אַ היטל מיט אַ ברייטער דענקע און אין הויזן מיט ליאַמפּאַסן אָדער וויפּוסטקעס. זיי פלעגןביידע אַרויפגיין צו בראודען אין שטוב און באַלד האָט מען געזען. ווי פון דאָרטן לויפט דאָס דינסט־מיידל, אָדער איינער פון די זין, און קומט גיך צוריק מיט אַ פלאַש ספּירט און מיט אַ ווייס פּעקעלע, פון וועלכן ס׳האָט זיך פון דערווייטנס געטראָגן אַ ריח פון אויפּשניט. די שכנים פון הויף האָבן געזאָגט, אַז בראודע איז זייער רייך און האַלט מיט יעדן טאָג אין איין רייכער ווערן. ס׳האָט זיך דאָרט געפירט זייער אַ ברייטע שטוב, מיט דינסטן, מיט ספּעציעלע קעכנס, מיט אָפּגעקומענע קרובים, וואָס האָבן דאָרט באַלעבאַטעוועט. אָבער אין דעם אַלעם איז נישט געווען קיין טאַלק. עפּעס איז אַלץ געווען נישט געאָרדנט, צעפאָרן, און אפילו אַ קינד, וואָס פלעגט צו זיי עפּטער אַריינקומען האָט געפילט, אַז ביי זיי קומט פאָר עפּעס נישט נאָרמאַלס...

בראודע און זיין פרוי זענען ביידע געווען העלע שאַטינען, נידעריקע, דיקלעכע. זיי האָבן נישט אויסגעזען ווי מאַן און ווייב, נאָר ווי שוועסטער און ברודער. ער איז געגאַנגען אָנגעטון פאַרשידן: אַמאָל אין אַ קורצער, געהאַקטער קאַפּאָטע, מיט קאַמאַשן אויף שנוראָוואַדלעס, מיט אַ קליין, שוואַרץ, טוכן יידיש היטעלע אויפן שפּיץ קאָפּ, אָנגערוקט אַביסל אין אַ זייט, „נאַ באַקער״, טיילמאָל אין אַ קורצן שוואַרצן ראָק און אין אַ

שוואַרצן האַרטן קאַפּעליוש. וואָס ער איז געגאַנגען אָנגעטון, איז שטענדיק געווען עלעגאַנט, אַלץ איז אויף אים געווען ניי און פון בעסטן סאָרט. זיין פרוי איז געגאַנגען אָדער אין אַ ברייט קיד־פּאַרטעך, אָדער אין די שענסטע און מאָדערנסטע קליידער, אין „שטאָטן״, גענייטע ביי דער קריסטלעכער שניידערין, וואַנדאַ.

די בראודעס זענען געווען האַלב יידישע מענטשן. פון פרומקייט זענען זיי געווען זייער ווייט. דאָך האָבן זיי פּרובירט איינהאַלטן אין שטוב אַביסל יידישקייט, אויף וויפל דאָס האָט זיך זיי געלאָזט. די קיך איז ביי זיי געווען אַ שטרענג כשר׳ע. די ייִנגלעך האָבן זיי אָבער נישט געשיקט אין חדר אַריין, נאָר אין שקאָלעס. אפשר האָבן זיי יאָ געשיקט, נאָר די ייִנגלעך האָבן נישט געוואָלט גיין? און אפשר האָבן זיך די מלמדים נישט געקאָנט מיט זיי קיין עצה געבן? קאָן זיין, ס׳איז גאַנץ מעגלעך, אַז אַזוי איז עס טאַקע געווען.

זיי האָבן געהאַט פיר טעכטער און פינף זין. די עלטסטע טאָכטער, מאַניע האָט זיך געלערנט צוזאַמען מיט מיינע שוועסטער ביי דער פרענקליווע. אָבער אין גימנאַזיע, ווי מיינע שוועסטער, איז זי נישט געגאַנגען. זי איז געווען ווי די מאַמע, צי ווי דער טאַטע — נידעריק און דיקלעך, געהאַט זייער שיינע, טונקל־בלאָנדע האָר פאַרפלאָכטענע אין צוויי לאַנגע, דיקע צעפּ. זי האָט אויך זייער שיין געזונגען. זי איז נישט געווען קיין פעיקע צום לערנען און דערצו שרעקלעך פויל, האָט כמעט קיינמאָל נישט געמאַכט די לעקציעס. זי האָט ליב געהאַט אָפט צו ליגן אין בעט אונטער משונה׳דיקע תירוצים, אויסקלערנדיק פאַרשידענע קראַנקייטן.

נישט די פרענקלווע און נישט מיין טאַטע זענען נישט צופרידן געווען פון דעם, וואָס מאַניע לערנט זיך צוזאַמען מיט מיינע שוועסטער. אָבער בראודע איז געווען אַ גביר און עס איז געווען שווער אים אָפּצוזאָגן. עס איז געווען „פּזשיקרע״ דער געדאַנק, אַז ער קאָן זיך צוליב דעם באַליידיקן.

מאַניע האָט ליב געהאַט אונטערצוהערן שמועסן פון דערוואַקסענע. דער עיקר וועגן אינטימע ענינים און וועגן אויסטערלישע קרענק. ווען זי האָט אויסגעהערט אַזאַ מעשה, פלעגט זי באַלד קומען צו אונדז אַרויפצולויפן,

קנייפּנדיק זיך אין די באַקן פון מכלומרשטער איבערגענומענקייט. אָבער נאָך איידער זי האָט פאַרענדיקט דערציילן, אפילו די שרעקלעכסטע זאַך, פלעגט זי אויסשיסן אין אַ ווילד געלעכטער, ווען אפילו דאָס וואָס זי האָט דערציילט, איז געווען אמת און מוראדיק.

מיינע שוועסטער האָבן איר שוין גוט געקענט און נישט געוואָלט הערן אירע מעשיות, אָבער מאַניע האָט זיך דערמיט נישט איבערגענומען און אריינגעגאַנגען אין קיך דערציילן די מעשה דעם דינסט־מיידל.

די אַנדערע דריי בראודעס טעכטער זענען געווען נאָך גאָר יונגע קינדער, די יונגסטע אין שטוב. דאַקעגן די פינף זין זענען געווען דער־וואקסענע יינגלעך און אַ צוויי־דריי פון זיי שוין אפילו שפּאָרע בחורים. זיי זענען געווען געראָטן נישט אין טאַטן און נישט אין דער מאַמען. אַלע זענען זיי געווען הויך און דאַר. נאָר האָר האָבן זיי אויך געהאַט העל־שאַטינע. זיי זענען געווען מוראדיקע לאָבוזעס. נישט געקוקט אויף דעם חילוק אין דער עלטער צווישן זיי, זענען זיי אַלע געגאַנגען אין איין קלאַס גימנאַזיע. נישט נאָר אין איין קלאַס, נאָר שטענדיק אין דערזעלבער, אין דער ערשטער קלאַס, אָבער דערפאַר יעדעס יאָר אין אַן אַנדערער גימ־נאַזיע. מער ווי אַ יאָר האָט מען זיי אינערגעץ נישט געוואָלט האַלטן, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס בראודע איז געווען אַ גוטער צאָלער.

ביי די בראודעס אין שטוב האָט זיך אויפגעהאַלטן אַן אָפּגעקומענער קרוב, ר׳ חיים, איז ער מיט דער צייט געוואָרן זייער רבי. בראודע האָט אים געבעטן, ער זאָל זיך מיט זיינע זין פאַרנעמען, זיי אויסלערנען אביסל יידישקייט. האָבן זיי אַלע צוזאַמען געלערנט ביי אים. אָבער מער ווי חומש האָבן זיי נישט געלערנט, און אַ קיילעכדיק יאָר האָבן זיי געהאַלטן ביי דער זעלבער סדרה.

זיי פלעגן אָנטון דעם רבין זייערן געברענטע צרות. דאָ האָבן זיי אים אונטערגעשיט ניס־פּראָשיק, אַז דער ייד איז שיער נישט צעריסן געוואָרן פון ניסן. דאָ ווידער האָבן זיי אים אַריינגעגאָסן ברען־ווין אין דער טיי אַריין, דערביי אַריינגעקוועטשט אַ שפּאָר ביסל ציטרין־זאַפט, אַז ר׳ חיים זאָל נישט פילן דעם איבלדיקן טעם. אָבער דערנאָך האָט דער ייד געבראָכן מיט דער גרינער גאַל. ר׳ חיים האָט דאָס אַלץ געמוזט

פאַרשווייגן, ווייל טאָמער האָט ער אַמאָל זיך פאַרקלאָגט פאַרן פאָטער אויף די יונגען, האָבן זיי אים אַריינגעהאַקט אַ משכנתא, אַז ער האָט געהאַט צו געדענקען.

ווען בראָודעס חברה פלעגט אַראָפּקומען אויפן הויף שפּילן אַ פּשוטן פּאַלאַנט, האָט דער גאַנצער הויף געציטערט. אַלע קינדער האָבן איבער־געריסן די שפּילן און זיי אָפּגעטרעטן דעם וועג. זיי זענען געווען געוואַל־דיק אויפטועריש. אַ שפּיל אין מאָניאַקס צי אין קוקסאָ, האָט ביי זיי גאָר אַנדערש אויסגעזען ווי ביי אַנדערע קינדער. ביי זיי איז עס גע־ווען מיט ערנסט, מיט ברען, מיט האַזאַרד.

זיי האָבן אָבער אויך נישט פאַרגעסן אָנצוטון פאַרגעניגנס די יונגערע קינדער פון הויף. אין די איינגענג צו די שטיגן האָבן זיי געמאַכט פאַר די קינדער הושטאַווקעס אויף שטריק, און זיי געהושטעט. אָבער דאָס בעסטע האָבן די קליינע חברה ליב געהאַט, ווען בראָודעס יונגען האָבן געלאָזט אין באַוועגונג „די ווינדע". זיי האָבן גענומען אַ קאַסטן, אַראָפּגענומען פון אים די דעק, אַריינגעזעצט אין ליידיקן קאַסטן עטלעכע קינדער און זיי פאַמעלעך אַראָפּגעלאָזט פון אַ שטאָק שטיגן. יעדעס מאָל איז אַן אַנדערע גרופּע קינדער געפאָרן אין דער ווינדע. נאָך אַ האַלבער שעה פון אַזאַ שפּיל זענען די עקן פון די שטיגן געווען צעריבן און ס'האָט געפעלט פון זיי גאַנצע שטיקער. בראָודעס יונגען פלעגן די אָפּגעריבענע שטיגן באַגיסן מיט פלעשער וואַסער און נישט זעלטן מיט נאַפט, מען זאָל אַזוי נישט אָנזען די פרישע אָפּגעריבנקייט, אָבער ס'האָט זייער ווייניק־וואָס געהאָלפן. פאַר אַזאַ שפּיל מיט אַ ווינדע פלעגן די חברה געזונט אַריינכאַפּן פון פאַוולען דעם סטרוזש און פון מעלדונקאָווע זשאַנדצע. בראָודעס חברה פלעגט דעריבער דעם מין שפּיל איינאָרדנען אויף די הויכע שטאָקן, צווישן פערטן און דריטן, אַז די אָפּגעריבענע שטיגן זאָלן זיך נישט אַזוי שנעל אַרויסזען.

די לאָקאַטאָרן פון הויף האָבן אויך געהאַט צו זינגען און צו זאָגן פון בראָודעס יונגען. דאָ פלעגן זיי סטראַשען מיט די טויטע קעפּ פון קאַפּעליוש־מאַכער; דאָ פלעגן זיי אַזוי קונציק פאַרלייגן נעצן פון שטריק אויף די שטיגן, אַז מען האָט געמוזט איבער זיי פאַלן; דאָ האָבן זיי סתם

צוגענומען די אָנגעצונדענע לעמפּעלעך, און עס איז, דער עיקר אין די לאַנגע ווינטער נעכט, געווען אויף די שטיגן פינצטער, חושך. שטענדיק איז עפּעס מיט זיי געווען.

פּאַוועל דער סטרוזש, און דער מעלדונקאָווע - זשאַנדצע האָבן מלחמה־געהאַלטן מיט בראָודעס „וואַיסק", ווי מען האָט די חברה גערופן אויפן הויף, אָבער זיי האָבן זיך מיט די יונגען נישט געקאָנט קיין עצה געבן. ווען זיי פלעגן אַמאָל כאַפּן איינעם פון די יונגען, האָבן זיי אים אַזוי געדרייט די אויערן און געריסן די האָר פון קאָפּ, אַז די געוואַלדן זענען געגאַנגען ביזן הימל אַרויף. אָבער אין אַ שעה אַרום האָבן זיי שוין נישט געדענקט וואָס ס'איז געווען, און — ווידער דאָס זעלבע. דאָך פאַרקלאָגן זיך פאַרן ווירט אויף די בראָודעס האָט נישט דער זשאַנדצע און נישט דער סטרוזש געוואָלט, ווייל זיי פלעגן באַקומען פון צייט צו צייט פון די בראָודעס שפּאָר אין דער האַנט אַריין.

אָבער אַמשווערסטן איז געווען מיט דער חברה אין שטוב. זיי האָבן קיינעם נישט געפאָלגט, נישט געהערט, נישט דעם טאַטן, נישט דער מאַמען, נישט קיין קרוב, נישט קיין באַקאַנטן. עס האָט נישט געהאָלפן דאָס רעדן צו זיי מיט גוטן, עס האָט נישט געהאָלפן דאָס בייזערן זיך. גאָרנישט האָט אויף זיי נישט געווירקט, נישט דער מאַמעס געוויין און נישט דעם טאַטנס געבעט. זיי זענען געווען ווילד און הפקר, זיך מיט גאָרנישט און פון קיינעם נישט געלאָזט צוימען. זיי האָט צעשפּאַרט אַ ווילן צו פרייקייט, צו טוען נאָר דאָס, וואָס די נישט געצוימטע פאַנטאַזיע האָט זיי אונטערגעזאָגט. נישט איינמאָל פלעגט מען זען דורך דעם אויפגע־כראַלטן פענצטער ווי ס'שטייט דער קליינער טאַטע נעבן די פינף צעיו־שעטע, הויכע יונגען און קלאַפּט אין טיש אַריין מיט די פויסטן און שרייט אין דער גרעסטער פאַרצווייפלונג: דרך־ארץ פאַר אַ טאַטן!

*

די בראָודעס האָבן זיך געפירט זייער ברייט. אויף אַ שבת צי אויף אַ יום־טוב פלעגט מען אָנגרייטן פון כל־טוב. מען האָט געבאַקן שטראָדלען, מיט געפילטע לעקעכער, מיט צוקער־לעקעך, מיט פראַנצוזסקע קיכ־לעך, מיט באַדיאַנקעס, מיט כל מיני אַנדערע געבעקסן. טאָבעלע די

פּרוכטן־הענדלערקע, פון מילע גאַס, פלעגט דאַנערשטיק אויפדערנאַכט ברענגען צוזאַמען מיטן מאַן גאַנצע קוישן פאַרשידענע אויבסטן, פון די טייערסטע אויסלענדישע עפּל, טרויבן, פּאָמעראַנצן, פאַרשידענע נ״ס, אַמעריקאַנער און וועלשענע. ערשט האָט מען איינגעקויפט פאַרשידענע זיסוואַרג: שאָקאָלאַדעס, קאַרמעלקעס, מאַרמאָלאַדקעס און סתם נאַשע־רייען. דאָס אַלץ פלעגט די מוטער, אַריינשטעלן אין דער אונטערשטער טייל פון אַ דעמבאָווען קרעדענס, וואָס איז געשטאַנען ביי זיי אין עס־צימער, און פאַרשליסן אויף אַ שליסל, מיט איינעם פון דעם „פּענק״ שליסלען, וואָס יעדער בעל־הביתטע האָט זיי געטראָגן אָנגעהאָנגען ב״ים פאַרטעך. אַ טייל פון די אַלע גוטע זאַכן זענען געווען באַשטימט פאַר די שטוב־מענטשן און די רעשט — פאַר געסט, וואָס האָבן באַדאַרפן קומען, אויף וועלכע מען האָט זיך געריכט און פאַר אַזעלכע, וואָס פלעגן קומען אימגעריכטערהייט. אַלץ איז געווען זייער גוט באַטראַכט און צוגעגרייט. אָבער אַז עס איז געקומען אַ גאַסט, איז נישט געווען מיט וואָס אים אויפ־צונעמען, איז נישט געווען די מינדעסטע זאַך, וואָס צו דערלאַנגען אויף כיבוד. בראָודעס יונגען האָבן, ווי די היישעריקן, אַלץ אויפגעגעסן, אַז די מינדעסטע שפּור איז פון גאָרנישט פאַרבליבן. זיי האָבן געהאַט נאָכגע־מאַכטע שליסלען צו דעם קרעדענס, און אַפילו אָן דעם פלעגן זיי זיך אויך אַן עצה געבן. זיי האָבן געקענט מיט דינע מעסערלעך אַזוי קונציק אָפּבייגן דעם שלאָס, אַז די טיר פון קרעדענס, פלעגט אַליין זיך עפּענען, ווי פון אַ פאַרכישופטן שפּרוך. שפּעטער האָט מען שוין דאָס אַלץ נישט אַריינגעשטעלט אין קרעדענס, נאָר באַהאַלטן אַלעמאָל אויף אַן אַנדער אָרט. אַמאָל אין וועש־שאַנק, אַמאָל אין קליידער־שאַנק, אַמאָל גאָר אין שלאָף־צימער. אָבער דאָס האָט גאָרנישט געהאָלפן. אַלץ פלעגט פאַרשווונדן ווערן, ווי עס וואָלט גאָר אויף דער וועלט נישט געווען. קיינעם וואָלט נישט געקאָנט איינפאַלן, אַז אַזעלכע דאַרע פאַר יונגען קענען אויפעסן אַזאַ שלל עסנוואַרג. אפילו די מאַרינאַטן און דאָס איינגעמאַכץ, וואָס מען פלעגט זומערצייט אָנגרייטן אויף אַ גאַנצן ווינטער, פלעגן אין משך פון עטלעכע געציילטע וואָכן ווערן אויפגעגעסן און אויסגעלעקט.

די בראָודעס פלעגן זיך שטענדיק פאַרטיידיקן פאַר די געסט, פאַר־

וואָס זיי האָבן זיי נישט מיט וואָס מכבד צו זיין, און די געסט פלעגן זיך אַלעמאָל פילן צוליב דעם פאַרזשעניִרט. אַזוי אַז מיט דער צייט האָט מען צו זיי אויפגעהערט קומען צו גאַסט. מען האָט אויך אויפגעהערט צוליב דעם איינצוקויפן אַזויפיל אויבסט און צו באַקן אַזויפיל געבעקס. אָבער די יונגען האָבן זיך דערמיט נישט איבערגענומען. זיי פלעגן גיין אין די נאָענטע געוועלבער און נעמען אַלץ, וואָס זיי האָבן געוואָלט. די געוועלבניקעס האָבן געוווסט, אַז דער פאָטער זייערער וועט זיך בייזערן און ביי־זערן און לסוף באַצאָלן.

די גרעסטע סקאַנדאַלן פלעגן מיט דער חברה פאָרקומען אין שטוב שבת־צונאַכטס. בראודע מאַכט הבדלה. דער קלענסטער פון די יונגען האַלט די קאָלירטע, געפלאָכטענע, ברענענדיקע הבדלה און דער טאַטע האַלט אין דער האַנט דעם כוס וויין. די רעשט פיר יונגען מאַכן אַרום זיי אַ קינסטלעך געדראַנג. יעדע רגע גיט אַן אַנדערער יונג אַ שטופּ דעם קליי־נעם ברודער, וואָס האַלט די ברענענדיקע הבדלה, דאָס יינגל גיט יעדעס מאָל אַ טרייסל מיט דער הבדלה און גיסט אָפּ דעם טאַטנס הענט מיט הייסן חלב. בראודע גיט יעדע ווײַלע אַרויס פון זיך אַ סיק פון ווייטיק און פון צאָרן. ער האַלט קוים אויס ביזן סוף. ווען ער ענדיקט דאָס מאַכן הבדלה און לייגט צו דעם כוס צו די ליפּן, באַקומט ער אַ שטאָרך פון אונטן און גיסט אָפּ די גאַנצע קאַפּאָטע מיט וויין. עס ווערט די ריכטיקע מהומה. דער קליינער טאַטע וויל דורכאויס שמייסן די הויכע, געזונטע זין זיינע. ער פאַרשליסט גיך די טיר אין הויף אַריין, די יונגען זאָלן נישט אַנטלויפן, גיט אַ וואָרף־אַראָפּ פון זיך די קאַפּאָטע און גייט זיך נעמען צו דער מלאכה... — פלוצים... נישטאָ קיינער, אַלע יונגען זענען מיט איין מאָל נעלם געוואָרן...

ווינטער־צייט זענען ביי די בראודעס אין קאָרידאָר, ווי אין אַלע פאַרמעגלעכע שטובן, געהאָנגען שווערע, פעסטע, וואַרעמע פּאַלטענעס, וועלכע די שטוב־מענטשן פלעגן אין דער צייט טראָגן. די פּאַלטנס זענען געווען גוט, שטאַרק גענייט און געהאָנגען אויף לעדערנע הענגערס. ווען דער טאַטע פלעגט זיך נעמען שמייסן די יונגען פלעגן זיי אויף אַ קונציקן אופן אַריינשפּרינגען אין די הענגענדיקע פּאַלטנס און... הענגען. שעהען

לאַנג האָבן זיי געקאָנט אַזוי אָפּהענגען. מען האָט איבערגעדרייט די שטוב, מען האָט אויסגעזוכט יעדעס ווינקעלע, און מען האָט זיי נישט געפונען. קיינעם האָט נישט געקאָנט איינפאַלן, אַז — זיי הענגען אויף דעם הענגער. די דינערשאַפט און טייל קינדער פון הויף האָבן געוווסט די מעשה מיטן הענגער. אָבער דעם סוד האָט קיינער פאַר בראָודען נישט פאַראַטן, אפילו ווען עמיצער פון די, וואָס האָבן דערפון געוווסט, האָבן זיך מיט דער חברה צעקריגט, צי געוואָרן אויף אַ צייט ברוגז.

זומער־צייט, ווען דער הענגער איז געווען ליידיק, און דער טאַטע האָט זיך גענומען שמייסן די יונגען, פלעגן זיי זיך סתם פאַרבאַריקאַדירן מיט אַ בעט, וואָס זיי האָבן אַרויסגערוקט אין מיטן שטוב. זיי האָבן דעם טאַטן אַזוי אַרום אינגאַנצן נישט צוגעלאָזט צו זיך, געחוזק'ט פון אים און געוויזן פאָנפערס.

בראָודעס יונגען זענען געווען די גרעסטע לאָבוזעס פון הויף. די ווילדסטע שפּילערייען האָבן זיי צוגעטראַכט. פאַר זיי איז דער הויף געווען אַ המשך פון דער הפקרדיקער גאַס. פאַר מיר איז דער הויף געווען אַ המשך פון דער געשלאָסענער שטוב. נישט בלויז פון אונדזער שטוב. נאָר פון שטובן בכלל, פון אַלע שטובן, וואָס האָבן מיט פענצטער פאַרהאָנגענע מיט פאַרהאַנגען דיסקרעט און שטיל אַרויסגעקוקט אויפן הויף.

ווען עס איז מיר דערעסן געוואָרן דאָס סקריפּען פון דער פּאָסאַדסקע־פּאָדלאָגע, די האַרטע ברוינקייט פון דעמבענעם מעבל, בין איך אַראָפּגע־גאַנגען אויפן הויף, אין זיין קיל־בלאָען רוים, מיטן רויטן הייסן פלעק פון מיסטקאַסטן אינדערמיטן. מיר האָט זיך אויסגעדאכטן, אַז דער הויף איז אַ גרויסע שטוב פאַר אַלע איינוווינער. מיר איז געווען באַקאַנט און נאָענט יעדעס פענצטער.

בלויז דאָס פענצטער פון דעם סטרוזש פּאַוועלס שטוב איז מיר גע־בליבן פרעמד און ווייט. כאָטש אין פאַרגלייך מיט די יידישע שטובן איז פּאַוועלס שטוב געווען די קלענסטע, זיין פענצטער — דאָס נידריקסטע, דאָך האָט פון דער בלאָער, פאַרצעלייענער פיגור פון דער „הייליקער מאַמען", פון דעם שווערן, ניקלענעם צלם מיטן געקרייציקטן יעזוס, וואָס זענען געשטאַנען אויפן פענצטער, געשלאָגן מיט אַזאַ זיכערקייט, רויקייט

און מאַכט, אַז דאָס פלעגט מיך, אַ קינד, שרעקן. און ווען איך בין אַרויפ־געגאַנגען אין שטוב, ווען איך בין צוגעקומען צו דער טיר, האָב איך גע־בעטן מיין שוועסטער עוואַ, זי זאָל מיך אונטערהייבן און איך פלעג מיט קינדישע, אויסגעצערטלטע ליפּן צופאַלן און קושן די מזוזה פון מיין יידישער היים...

די ערשטע ליבע און דער ערשטער רבי

איבער אונדז האָט געוווינט אַ ליטווישע משפּחה מאַנדעלברויט. זיי זענען געווען נאָר מאַן און ווייב. קיין קינדער האָבן זיי נישט געהאַט. ער איז געווען אַ טונקעלער אויפן פּנים, אַ שטשופּלער, אַ הויכער און זייער רירעווודיקער. געווען כסדר פאַרהאַוועט און פאַרשמייעט. דער שוואַרצער, האַרטער קאַפּעליוש איז שטענדיק ביי אים געזעסן אַ פּאַרוקטער ביז אין מיטן קאָפּ אַרויף און מען האָט אַרויסגעזען זיין גרויסן, גלאַנצנדיקן שטערן. ער איז געווען זייער באַרעדעוודיק, צעיאָכמערט, פאַרשוויצט און נאָר געהאַלטן אין איין ציילן געלט. אָבער מאָדנע, אויפן הויף האָט מען געזאָגט, אַז דער ליטוואַק פון דריטן שטאָק איז אַ ייד אַן אָרעמאַן.

זיין פרוי איז געווען פון מיטלווווקס, אַ דיקלעכע, אַ ראָזאַ. זי איז שטענדיק אַרומגעגאַנגען אין שלאַפראָק און דעם קאָפּ פאַרבונדן מיט אַ האַנטוך, פון אונטער וועלכן ס'פלעגן זיך אַפּערגליטשן און אַרויספאַלן דינע פלאַסטערס רויע קאַרטאָפל.

מאַנדעלברויט איז געווען זייער צוגעבונדן צו זיין פרוי. ער איז קיינמאָל אינערגעץ אָן איר נישט געגאַנגען. ער האָט איר אויך אין שטוב גאָרנישט געלאָזט טון. אַלץ פלעגט ער טון אַליין, אפילו קאָכן. איינמאָל זענען צו זיי געקומען סטאָליאַרעס, מיט זעגן און הובלעס, מען האָט גע־ברענגט לאַנגע, געלבלעכע ברעטער. מען האָט געזעגט און געהובלעוועט און אין איין טאָג זענען אַלע פיר ווענט אין דער ערשטער שטוב ביי די מאַנדעלברויטס געווען באַשטעלט מיט פּאָליצעס. דערנאָך האָט מען געברענגט צו זיי אַ סך פאַרשידענע פּעק.

מען האָט געזאָגט, אַז מאַנדעלברויט האָט געקריגן אַ „קאָמיסיאָן". ביינאַכט, ווען די יידן פון די האַליעס און אַנדערע פלעצער פלעגן פאַר־מאַכן זייערע געוועלבער און בוידן, זענען זיי געקומען קויפן צו מאַנדעל־ברויטן. צענדליקער מענטשן, מענער און ווייבער, האָבן פאַרפולט די שטוב מיט אַ געפילדער און אַ געשריי. מען האָט זיך געריסן פון די הענט, מען האָט זיך אַריינגעזאָגט, אַמאָל אויך געזידלט. מאַנדעלברויט איז גע־שטאַנען אויף אַ הויכער, ביזן סופיט, לייטער און אַראָפּדערלאַנגט די סחו־רות. מען האָט זיי געמאָסטן מיט אייזערנע אַרשינען. מען פלעגט די סחורות אַרומוויקלען אַרום דעם אייזערנעם אַרשין מיט אַ באַוועגונג, ווי מען וואָלט אַריינגעדרייט אַ שרויף. דערנאָך האָט מען די סחורה אָנגעביסן מיט די ציין אויף דעם אָרט ווו מען האָט זי באַדאָרפן איבעררייסן, אָנ־גענומען דאָס איינגעביסענע אָרט מיט ביידע הענט און אַדורכגעריסן מיט אַ וויזג, ווי פון אַ זייער דינעם ווינט. אין משך פון עטלעכע באַנאַכטיקע שעהען פלעגט די שטוב מיט די סחורות אינגאַנצן אויסגעליידיקט ווערן.

איך און נאָך אַ פּאָר „בעסערע", „איידעלע" קינדער פלעגן מיר אַרויפקומען צו די מאַנדעלברויטס. מען האָט אונדז דאָרט שטענדיק זייער גוט אויפגענומען. מיר האָבן דאָרט צונויפגעקליבן אַ סך מאַליאָוואַנקעס און בלויע בענדלעך, מיט וועלכע ס'זענען געווען אַרומגעבונדן די גלאַנצנ־דיקע, ווייסע שטיקלעך וועב און מאַדעפּאַלאַם. מיר האָבן דאָרט אויך באַקומען גלאַנצנדיקע פּאַפּירלעך פון די פּעקלעך קאַלישער לאַנגעטן, עטיקעטן מיט אויסגעמאָלטע אויף זיי פאַבריקן פון דער „קאַסטראָמסקאיא מאַנופאַקטוראַ" און פון „סאַווי מאָראָזאָווס" בלישטשענדיקע פּאַטשעווקע־סחורות. באַלאָדענע מיט פולע הענט אַזעלכע מתנות פלעגן מיר אַראָפּגיין אויפן הויף זיך באַווייזן פאַר די אַנדערע קינדער.

לאַנג האָבן די מאַנדעלברויטס אויף פּאָקאָרנע נישט געוווינט. זיי זענען עפּעס מיטאַמאָל פאַרשוווּנדן געוואָרן, מען האָט געזאָגט שטילער־הייט, אַז מאַנדעלברויט האָט „באַנקראָטירט". איך האָב זיך פאַרגעשטעלט, אַז ער האָט אָפּגעטון עפּעס אַ שלעכטע זאַך און וועט דערפאַר שטענדיק מוזן זיצן אונטער אַ באַנק... מיר איז געווען אַ גרויס רחמנות אויף אים...

*

דער ליטוואַק סיראָטקין איז אויך געווען אַ קאָמיסיאָנער, נאָר זייער אַ רייכער. ער איז געגאַנגען עלעגאַנט אָנגעטון און געהאַט אין זיך דאָס רחבות פון אַ פּויליש־יידישן גביר. ער האָט פאַרנומען אַ גרויסע דירה פון פראָנט. געהאַט אַ ספּעציעלע שטוב פאַר זיינע סוחרים. ער פלעגט האָבן גאַנצע שטובן מיט סחורות פון איין מין. איינמאָל האָב איך ביי אים געזען אַ פולע שטוב מיט ליאַלקעס.

דאָס איז געווען אין איינעם אַ ביינאַכט, באַלד נאָכדעם ווי די סיראָטקינס האָבן זיך געהאַט אַריינגעצויגן אין דער דירה אויף פּאַקאַרנע. איך האָב זיך נאָר־וואָס געהאַט באַקענט מיט זייערע מיידלעך און דאָס ערשטע מאָל צו זיי אַרויפגעקומען. קיין גאַז־באַלויכטונג האָט מען נאָך צו זיי נישט געהאַט אַריינגעצויגן. די מיידלעך האָבן מיך געפירט איבער די טונקעלע, קוים־באַלויכטענע שטובן. אין איין שטוב, וואָס איז געווען פול מיט מענטשן, האָב איך געזען שטיין אויף דער פּאָדלאָגע געעפנטע קאַסטנס. איבער זיי האָבן עטלעכע מענטשן געהאַלטן אָנגעצונדענע נאַפט־לאָמפּן און אַלע האָבן אַריינגעקוקט אין די קאַסטנס, ווו ס׳זענען געלעגן נאַקעטע ליאַלקעס, און זייערע ראָזאַ לייבער, ווי פון ניי־געבוירענע קינ־דער, האָבן אַרויסגעקוקט פון ווייסע, האַלץ־וויורעס אַרויס.

סיראָטקין האָט געהאַט צוויי מיידלעך: אַנדזיאַ און סאָניאַ. ביידע האָבן געהאַט שאַטינע האָר, פאַרפלאָכטענע אין צוויי דיקע צעפּ, ביידע האָבן געהאַט העלע פּנימער און חן־גריבלעך אין די באַקן. אָבער אַנדזיאַ איז געווען עלטער און דיקער און כסדר געשמייכלט. דערפאַר איז זי מיר בעסער געפעלן געוואָרן ווי סאָניאַ. איך פלעג זיך אָפט מיט איר שפּילן. איך בין געקומען צו איר, און טיילמאָל איז זי אויך געקומען צו מיר. מיר האָבן זיך געשפּילט נאָר אין געסט. איך האָב געגנומען צוויי טשעמאָ־דאַנעס אין די הענט, אָנגעקלאַפּט אין דער טיר, ווו אַנדזיאַ האָט שוין אויף מיר געוואַרט, מיר זענען זיך געפאַלן אויף די העלדזער און זיך געקושט. איינמאָל בין איך צו איר געקומען צו גאַסט, דאָס צווייטע מאָל — זי צו מיר, און אַזוי פלעגן מיר זיך כסדר אָפּשפּילן שעהען לאַנג.

*

ס׳האָט אויך געוווינט אין פּראָנט אַנטקעגנאיבער סיראָטקינען, אַ ליטווישער ייד מיטן פאַמיליע־נאָמען לעווין. ער איז געווען אַן עלטער־רער מענטש, געקליידעט דרייפּערטלדיק, מיט אַ שיינער, לאַנגער גרויער באָרד. שבת און יום־טוב האָט ער געטראָגן אויפן קאָפּ אַ שאַפּאָקלאַק (ציּ־לינדער). ער האָט געדאַוונט אין אַ גרויסער שול און אפילו חסידים האָבן פאַר אים געהאַט דרך־ארץ. ער איז אויך געווען אַ קאָמיסיאָנער, אָבער געהאַט נאָר בלויז ערלעכע סוחרים, וואָס האָבן קיינמאָל נישט באַנקראָ־טירט. אַלע לאָקאַטאָרן פון אונדזער הויף האָבן מיט פאַרגעניגן אים אַנט־קעגנגעטראָגן דעם גוט־מאָרגן און דעם גוט־שבת.

כ׳געדענק, אַז איינמאָל בין איך געווען ביי לעווינען אין שטוב, כ׳געדענק אָבער נישט צוליב וואָס. ס׳זענען מיר נאָר פאַרבליבן אין זכרון די הויכע, גרויסע שטובן מיט דעם טונקעלן גלאַנץ פון די אויף ברוין פּראָטערירטע פּאָדלאָגעס, די הויכע דעמבענע קרעדענסן מיטן געשני־צעכס און דאָס טישל מיטן ניקלנעם סאַמאָוואַר. לעווינס משפּחה געדענק איך נישט.

מיטאַמאָל איז דאָרט געשען עפּעס אַ קאַטאַסטראָפע, אַן איבערקע־ר׳עניש. קיינער האָט זיך נישט געריכט, אַז לעווין וועט זיך אַרויסציִען פון הויף, קיינער האָט וועגן דעם נישט געוווּסט און קיינער האָט וועגן דעם נישט גערעדט. פּלוצים זענען דאָרט געקומען אַזויפיל מענטשן! מען האָט אַרויסגעטראָגן דאָס מעבל, די דיוואַנעס, די כלים. דורכן פענצטער האָט מען געזען, ווי לעווין דרייט זיך אַרום אַ צעטראָגענער אַהין און צוריק איבער דער גרויסער שטוב. גאַנצע נעכט האָבן איצט דאָרט געברענט גאַז־לאָמפּן אין די בראָנזענע זשיראַנדאָלן. גאַנצע נעכט איז מען דאָרט אויפגעזעסן און מ׳האָט גערעדט. מענטשן האָבן דערציילט, אַז לעווין האָט באַקומען אַ ידיעה, אַז זיינס אַ זון איז געשטאָרבן אויף פאַרשיקונג און די אַנדערע זין זיינע זענען אויך ערגעץ־ווו. מען האָט שוין לאַנג אויפן הויף געהאַט גערעדט, אַז דער שיינער און פיינער ייד לעווין האָט נעבעך נישט קיין „ליטישע" זין. מען האָט אים שטאַרק באַדויערט און געשאָקלט מיט די קעפּ פון גרויס מיטגעפיל.

ציִ איז לעווין געפּאָרן זוכן זיינע זין? ציִ איז ער סתם פון צער און ווייטיק ערגעץ אַוועק? דאָס האָט קיינער נישט געוווּסט. אַ לאַנגע צייט איז זיין דירה געשטאַנען ליידיק. וולאַדעק, פּאַוועל דעם סטרוזשס גע־הילף, פלעגט דאָרט טיילמאָל אַרויסגיין אַראָפּצונעמען עפּעס פון די אָפּגע־נוצטע שטוב־ און קיך־זאַכן, וואָס לעווין האָט זיי איבערגעלאָזט און זענען איצט געלעגן צוזאַמענגענומען אין אַ ווינקל אין קיך. איינמאָל בין איך מיטגעגאַנגען מיט וולאַדעקן אין דער דירה אַריין. דאַמאָלט האָב איך זיך אפשר דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן אַזוי שטאַרק און טיף דערשראָקן פאַר ליידיקייט. די שטובן זענען געווען פּוסט און אָפּגעשלאָסן, און דאָך איז געווען אין זיי עפּעס יום־טובדיקס, נאָר דאָס איז געווען ווי אַ פאַר־שעמטע יומטובדיקייט. די דיקע טאַפּעטן, וואָס האָבן פון דערווייטנס אויסגעזען ווי פּליוש, זענען נאָך געווען אינגאַנצן פריש, כמעט ניי, די שטובן האָבן אויסגעזען אַזוי אומעטיק און פאַרלוירן ווי מענטשן וואָס האָבן זיך שיין אָנגעטון ווי צו גיין צו גאַסט, און מיט אַמאָל איז זיי קלאָר געוואָרן, אַז זיי האָבן נישט צו וועמען צו גיין... אָדער ווי די מאַמע, אָדער די פאַננע מאַדזשיא פלעגט אונדז אָנטון צום שפּאַציר און פּלוצים, צוליב איין קינדס עפּעס אַ זינד האָט זי געזאָגט: מען גייט נישט... מיר איז געווען מוראדיק שווער און באַנג אין די ליידיקע שטובן און בין שנעל פון דאָרט אַרויס.

דערנאָך, אַ סך שפּעטער, האָט זיך אין דער דירה אריינגעצויגן אַן אַדוואָקאַט, אַ ליטוואַק, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט אויפקויפן באַן־פּראַכטן. מען האָט אָנגעשטעלט אין אַלע שטובן קליינע טישלעך, נעבן יעדן טישל איז געזעסן אַ דאַר מענטשל אין ברילן, אויף יעדן טישל איז געשטאַנען אַ בלויער טשייניק מיט הייסן טיי, אַ גלאָז און אין אַ טיי־טעלערל זענען געלעגן פּיטשעדיקע שטיקעלעך האַרטער צוקער. פאַר יעדן מענטשן מיט די ברילן איז געלעגן אַ פּאַק פאַרשטויבטע באַן־פּראַכטן און אַביסל רעכטס אַ ציילער מיט ברוינע און שוואַרצע רעדעלעך. די דאַרע מענטשעלעך פלעגן כסדר פירן מיט די רעכטע הענט אַהין און צוריק די רעדעלעך. זיי האָבן זיי נישט געפירט, נאָר לייכט און שפּילעוודיק איבער־געוואָרפן פון איין אָרט אויפן צווייטן. זומער־צייט, ווען ס׳זענען געווען

אָפּן די פֿענצטער, האָט מען פֿון דאָרט גאַנצע טעג געהערט דעם גלאַנצענ־דיקן קלאַנג פֿון די גלאַטיק, פּאָליטירטע רעדלעך פֿון די האָלצערנע ציילערס. זיי האָבן געקלאַפּט, ווי אַ מחנה פֿייגל, האָלץ־פּיקערס, וואָלטן מיט זייערע פֿאַרביסענע שנאָבלען עקשנותדיק געפּיקט טרוקענע ביימער.

*

אין דער צייט האָב איך אָנגעהויבן לערנען עברי ביים רבין ר׳ ניסן. ער איז געווען הויך און זייער דאַר. זיין פּנים איז געווען אינגאַנצן געל, מיט אַ דינער, פֿאַרשפּיצטער נאָז אינדערמיטן. ער האָט געהאַט אַ קליי־גראָ־געל בערדעלע, ווי אַן אויסגעטריקנט און אויסגעוועפּט ביסל היי. סיי ווינטער סיי זומער איז ער געגאַנגען אין אַ ברוינעם באַראַנקאָוון פּאַלטן. איינמאָל, ווען ער איז געקומען מיט מיר אָפּלערנען, האָב איך באַמערקט, אַז צווישן די געדרייטע האָר פֿון באַראַנעק שפּאַצירט זיך גע־מיטלעך אַ לויז. כ׳האָב די גאַנצע צייט פֿון לערנען געקוקט אויף „דעם" מיט שרעק און מיט נייגער. אַלע רגע אַ בליק געטון „דערויף" און אַוועק־געדרייט דעם קאָפּ, אַ בליק געטון — און אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ, און אַזוי כסדר. דאָס איז געווען דאָס איינציקע מאָל ווען דער רבי האָט מיך פֿאַרקלאָגט פֿאַר דער מאַמען, אַז איך האָב געלערנט אינגאַנצן אָן אַ קאָפּ. געוויינטלעך פֿלעגט ער רימען מיין „חריפֿות" אין אלף־בית און איבער־דערציילן מיינע קשיות און חכמות, וועלכע איך פֿלעג זאָגן ביים לערנען. איך האָב אויסגעהערט דער מאַמעס מוסר־רייד מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן, אָבער נישט געזאָגט וואָס איז געווען די סיבה, וואָס כ׳האָב גראָד דעם טאָג אַזוי שלעכט געלערנט.

ר׳ ניסן האָט געגרייכערט גאַנץ קליינטשיקע פּאַפּיראָסעלעך, ווי זיי וואָלטן געווען געמאַכט פֿאַר קינדער. ער האָט אָפּט געשמועסט מיט מיין מאַמען, זיי זענען געווען פֿון איין שטעטל, און זיך געקלאָגט אויף פֿאַר־שידענע מחלאותן. זיין גאַנצע, גרויסע משפּחה האָט ער געהאַט אין דעם קליינעם שטעטל און אַליין האָט ער זיך אַרומגעוואַלגערט אין וואַרשע, ווו ער איז אַרומגעגאַנגען אָפּלערנען אלף־בית און טראָף מיט יינגלעך און מיידלעך. ער האָט אַרומגעטראָגן ביי זיך אַ האַלב־צעריסענעם סידור און אַ שפּיציקן,ביינערנעם טייטל. מער ווי די ערשטע צוויי בלעטלעך פֿון

סידור האָט ער נישט געלערנט. אויף די צוויי בלעטלעך איז געהאָנגען זיין און זיין משפּחה׳ס לעבן. טיפער איז זיין לעבן נישט אַריין, טיפער האָט זיין לעבן זיך נישט איינגעוואָרצלט. זיינע שטענדיק טרוקענע און די עטלעכע קיילעכדיקע, ווי צאָפּנס, געלע ציין — האָבן מיך געשראָקן מיט אָרעמקייט. ר׳ ניסן האָט זייער ווייניק געגעסן. ער האָט נאָר שטענדיק געוואָלט טרינקען הייסע טיי, אפילו אין די גרעסטע היצן, אַזוי ווי ס׳וואָלט אים כסדר געווען קאַלט. ער האָט זיך דערפירט דערצו, אַז ער האָט שוין גאָרנישט באַדאַרפן. ער האָט זיך קיינמאָל מיט גאָרנישט געלאָזט באַשענקען. מיט דער צייט האָט זיך זיין היים, ווי נאָנט זי איז אים נישט געווען, פאַרווישט אין זיין שוואַך געוואָרענעם זכרון. ער האָט שוין אפילו אויפגעהערט בענקען נאָך אַ וואָרעמער היים און נאָך אַן אייגן בעט. איינמאָל זיצנדיק מיט אַ יינגל ביים אלף־בית איז אים אַזוי שטאַרק קאַלט געוואָרן, אַז ער האָט זיך שוין מער קיינמאָל נישט דערוואַרעמט. דער קאַלטער טויט האָט אים גענומען צו זיך.

עולם הבא און עולם הזה

אונטער די בראָודעס, אויפן פּאַרטער, איז געווען אַ שול. דאָרט האָבן געדאַוונט אַמייסטן די ליטווישע איינוווינער פון אונדזער און פון די דערבייאיקע הייף. די שול איז געווען אַן אָרעמע. זי האָט געהאַט איין גרויסע שטוב ביז אינדערהעלפט באַשטעלט מיט שטענדערס און ביי דער מזרח־וואַנט איז געשטאַנען אַ פּשוטער, אָן באַפּוצעכץ, ארון־קודש. קיין ווייבער־שול איז דאָרט נישט געווען. די ווייבער פון די ליטוואַקעס זענען קיינמאָל נישט געגאַנגען אין שול אַריין. נאָר אויף ראש השנה און יום־כיפּור פלעגט מען אָפּטיילן אַ שטיק פון דער גרויסער שטוב, אויפקלאַפּן פון ברעטער פּראָסטע שטענדערס, איבערהענגען די שטוב מיט אַ ליילעך און אונטערן ליילעך מאַכן אַ ווייבער־שול. אָבער אַפילו דאַמאָלט איז זי אויך געווען נאָר פאַר די „פּוילישע" ווייבלעך פון דער פּאָקאָרנע גאַס. די ליטוואַטשקעס זענען מיט קליינע אויסנאַמען, אפילו אין ראש־השנה און יום־כיפּור אויך נישט געגאַנגען דאַווענען.

די גאַר רייכע ליטווישע איינוווינער זענען אין דער שול אַריין נישט געקומען. זיי האָבן געדאַווענט ערגעץ־ווו אין די גרויסע שולן, מיט חזנים, מיט כאָרן, מיט שמשים, מיט גבאים. ווידער, די פוילישע איינוווינער פון הויף זענען אַלע געווען חסידים און האָבן געדאַווענט יעדער אין שטיבל פון זיין רבין.

אַ גאַנצע וואָך איז אין שול נישט געווען קיין מנין. זי איז געווען פאַרמאַכט. בלויז פרייטיק־צונאַכט און שבת, אָדער יום־טוב האָבן דאָרט געדאַווענט קוים עטלעכע צענדליק יידן. דערפאַר ראש השנה און דער עיקר יום־כיפור איז דאָרט געקומען אַ גרויסער עולם. אָבער גרויס איז דער עולם געווען נאָר אין הויף נעבן דער שול, ווו מען איז געשטאַנען אָנגעטון אין קליינע טליתימלעך און געשמועסט. אין דער שול גופא זענען געזעסן נאָר עלטערע יידן און אביסל עלטערע ווייבער.

אונדזערע ליטווישע שכנים פון הויף, וואָס האָבן דאָרט געדאַוונט, האָבן זיך געהאַלטן בייזאַמען. אַ גאַנצן טאָג פון יום כיפור זענען זיי געשטאַנען אין אַ באַזונדערער גרופע אין הויף, נעבן דער שול, און געהאַלטן אין איין שמועסן. פון צייט צו צייט פלעגט זיך אַ פרוי באַווייזן צווישן די שמועסערס. זי האָט זיך מיט איינעם פון זיי איבערגעוואָרפן מיט אַ פלינקן בליק און באַלד איז דער דאָזיקער אויף אַ צייט נעלם געוואָרן פון דער גרופע שמועסערס. יעדעס מאָל האָט זיך באַוויזן אַן אַנדערע פרוי און יעדעס מאָל פלעגט אַן אַנדערער מאַן נעלם ווערן. ווי מען האָט זיך משער געווען האָבן די פרויען געגעבן אַ צייכן זייערע מענער, אַז... עס איז שוין פאַרטיק, און דער מאַן פלעגט זיך קונציק אַרויסדרייען פון די שמועסערס און זיך אַריינגנבענען אין שטוב אַריין אַריינצוכאַפּן צווישן איין תפילה און דער צווייטער, אַ געזונטע סעודה...

*

איינמאָל, אין אַ שבת אינדערפרי, האָט מען געהערט אַ געשריי וואָס האָט זיך געטראָגן פון דער שול. פון דעם טומל האָט זיך אַרויסגעהערט אַ פרויען־שטימע, וואָס האָט זיך געבראָכן צווישן געשריי און געוויין. מען איז צו צו די פענצטער און זיי אויפגעפּראַלט. און דאָ האָט מען דערזען, זוי דאָפמאַן, דער אייגנטימער פון דער וויין־פאַבריק ביי אונדז אויפן

הויף, לויפט אַרויס פון דער שול, דאָס פּנים כמעט אינגאַנצן איבערגע־דעקט מיטן טלית און ער שאַרט זיך שנעל און פּאַרטייעט אין דער ריכ־טונג פון זיין וווינונג.

ווי עס האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן האָט עס משונה׳דיק צעריסן געוויינט דאָס ווייב פון דאַרפמאַנס אַנגעשטעלטן, פון דעם, וואָס האָט „גע־זען בלוט". זי איז געקומען אין שול אַריין אויסגיסן איר ביטער האַרץ אויף דאַרפמאַנען, וועלכער האָט דאָרט טיילמאָל געדאַוונט. שוין פון באַלד אינדערפרי האָט זי זיך פאַרבאַהאַלטן ערגעץ נעבן דער שול און דאָרט געוואַרט ביז נאָך שחרית, ביזן „אויסנעמען". דאַמאָלט איז זי אַריין אין שול, צוגעפאַלן צום ארון־קודש, צוגעהאַלטן מיט פאַרקראַמפּטע הענט די פּירלעך און נישט געלאָזט אַרויסנעמען די ספר־תורה צום לייענען. דער עולם האָט זיך אין אָנהויב נישט געכאַפּט אין וואָס דאָ גייט, זיי זענען ווי אָפּגענומען געוואָרן פון דער פרעמדער פּרויס פאַרצווייפלונג, זיי האָבן זיך אינגאַנצן פאַרלוירן. דאַרפמאַן האָט דאָס אויסגענוצט און איז באַלד נעלם געוואָרן.

עס האָט גענוג לאַנג געדויערט ביז עס איז געלונגען פון דער צע־טרייסלטער און צוזאַמענגעבראָכענער פרוי אַרויסצובאַקומען אַ קלאָר וואָרט. ווען דער עולם איז ענדלעך געוואָר געוואָרן, אַז דאָ גייט אין דעם, וואָס דאַרפמאַן האָט זיך אינגאַנצן אָפּגעזאָגט אַרויסצוהעלפן זיין שווער־קראַנקן אַנגעשטעלטן, וואָס האָט ביי אים אָפּגעאַרבעט איבער צוואַנציק יאָר, זענען אַלע געוואָרן אויפגעבראַכט, אַריינגעפאַלן אין אַ גרויסן צאָרן. מען האָט באַלד אויפן אָרט געמאַכט אַן אסיפה און באַשלאָסן מיט אַלע כוחות נייטן דאַרפמאַנען ער זאָל דעם קראַנקן וואָס גיכער קומען צו הילף.

ווען די פרוי האָט פאַרלאָזט די שול איז זי אַרויפגעקומען צו אונדז. זי איז געווען אינגאַנצן צעטומלט און אַזוי ווי נישט געוווּסט וואָס מיט איר טוט זיך. זי האָט גאָרנישט געקענט אויפהערן וויינען. איר פאַר־צווייפלונג האָט געריסן דאָס האַרץ און מיינע שוועסטערן האָבן יאָמערלעך געוויינט. איך האָב נישט געוווּסט אין וואָס עס גייט, אָבער האָב אויך שרעקלעך געוויינט. די מאַמע אַ צורודערטע האָט זיך באַמיט זי איינצו־

נעמען און גערעדט צו איר: „האָט רחמנות אויף די קינדער, זיי גייען דאָך אָפּ אין טרערן״.

עס זענען געקומען פון שטיבל, פון דאַוונען דער טאַטע מיטן אורח. דער טאַטע האָט אויסגעטון דעם שוואַרצן פּאַלטן, אַראָפּגענומען פון קאָפּ דאָס סאַמעטענע היטל און אָנגעטון קרימלעך, נאַ באַקער דאָס שטריימל. מאָדנע פּייערלעך האָט ער אויסגעזען אין דער אַטלאַסענער קאַפּאָטע מיט טאַמעטענע סטראָקעס און מיט סאַמעטענע מאַנקעטן און מיטן ברוינעם סקונקסענעם שטריימל, פון וועלכן עס האָט זיך אַרויסגעזען דער פּעך־שוואַרצער סאַמעטענער וויעזשך. אין דער אָנוועזנהייט פון טאַטן האָט זיך די פרוי מיט איינמאָל אינגאַנצן באַהערשט, זי האָט נישט נאָר אויפ־געהערט וויינען, נאָר גערעדט אינגאַנצן קלאָר, קורץ און זאַכלעך. דער טאַטע האָט איר אויסגעהערט, נאָך איידער ער האָט געמאַכט קידוש, און צוגעזאָגט תיכף מאָרגן זיך צו זען מיט עטלעכע היימישע מענטשן.

אין אַ צייט אַרום איז ווידער צו אונדז געקומען דער קראַנקער אַליין. ער איז געגאַנגען אָנגעטון אין יום־טובדיקן פּאַלטן און געהאַלטן אַ קליין, האַרט פּעקעלע אונטערן אָרעם. אַ שטרענגע, אַן ערנסטע, ווי אַ יום־כּיפּורדיקע פּייערלעכקייט האָט אויסגעשטראַלט פון זיין אויסגע־צערט פּנים מיט די פאַרויטלטע קינבאַקן. זיינע אויגן האָבן געפינקלט מיטן גלאַנץ פון גוט אויסגעפּוצט גלאָז. ער איז געקומען פון אָטוואָצק. עס איז אים נישט בעסער. ער איז געקומען זיך מיישב זיין מיט מיין טאַטן, וואָס ווייטער צו טון. דער טאַטע האָט זיך גראָד דאָסמאָל געהאַט פאַר־שפּעטיקט צום מיטאָג. די מאַמע האָט דערווייל דערלאַנגט דעם קראַנקן אַ וואַרעם גלאָז מילך. מיר אַלע זענען שוין געזעסן אויסגעזעצט ביים טיש און געוואַרט אויפן טאַטנס קומען. דער טאַטע איז אָנגעקומען מיט אַ רעש. ער האָט געגעבן דעם דינסט־מיידל אָנגעצושטעלן דעם זילבער־נעם שטעקן, וועלכן ער האָט שטענדיק ביים גיין געהאַלטן אין דער האַנט, צוגעגאַנגען צום וואַש־טיש זיך וואַשן די הענט און גיך זיך אַוועקגעזעצט צום פון לאַנג שוין געגרייטן טיש. דער טאַטע האָט געגנוי אויסגעפרעגט דעם ייד וועגן זיין קראַנקהייט און אַ פאַרזאָרגטער שנעל געגעסן די פאַר־שפּייזע. דער טאַטע האָט לאַנג גערעדט מיטן ייד זאַכן, וועלכע איך האָב

ניט פֿאַרשטאַנען און לסוף אים צוגעזאָגט זיך זען מיטן דאָקטאָר בעלמאַנסקי (אַ ברודער פֿון גרויסן פּוילישן מאָלער יוזעף בעלמאָנסקי), מיט וועלכן מיין טאַטע איז געווען באַקאַנט.

דער קראַנקער האָט זיך אויפֿגעשטעלט און אַוועקגעגאַנגען. מאָדנע איז געווען זיין אַוועקגיין. ער האָט זיך זייער פֿאַמעלעך אויפֿגעהויבן און לאַנג, לאַנג נאָך געשטאַנען און מיט איין האַנט אַזוי ווי געגלעט דעם אָנלען פֿון דער שטול. מיט איינמאָל האָט ער זיך געגעבן אַ דריי אויס און... ער איז נישט געווען. מער האָב איך דעם ייד קיינמאָל נישט געזען...

*

כומטשע, דאָרפֿמאַנס יונגערע טאָכטער, האָט זיך געלערנט פּויליש, צוזאַמען מיט מיינע שוועסטער און בראָודעס טאָכטער, ביי דער פֿרענק־לווונע. די לעצטע איז זייער נישט צופֿרידן געווען דערפֿון, ווייל כומטשע האָט זיך געלערנט אין אַ רוסישער גימנאַזיע און בלויז פּויליש, פּוילישע געשיכטע און ליטעראַטור, האָט זי געלערנט צוזאַמען מיט מיינע שוועס־טער. האָט די פֿרענקלווונע געהאַט טענות, אַז כומטשע רעדט פּויליש מיט אַ רוסישן אַקצענט און מאַכט דעריבער קאַליע מיינע שוועסטערס ריינע אויסשפּראַך. די פֿרענקלווונע האָט נישט נאָר געהאַט טענות, נאָר זי איז פּשוט אומגליקלעך געווען דערפֿון. זי פֿלעגט אָפֿט רעדן מיט מיין טאַטן וועגן דעם און אַפּעלירט צו אים, צו זיינע פּוילישע פּאַטריאָטישע געפֿילן. מיין טאַטע האָט קיינמאָל קיין איינע פֿון זיינע טעכטער נישט געשיקט אין קיין רוסישער גימנאַזיע, נאָר שטענדיק אין ריין פּוילישע, פּריוואַטע, כאָטש דאָס האָט געקאָסט אַ סך געלט.

פֿאַר מיינע שוועסטער איז די פֿרענקלווונע געווען מער אַ דערציע־רין, ווי אַ לערערין. נאָך אירע לעקציעס פֿלעגן זיי אַרויסקומען פֿון זייער שטוב מיט צעבליצטע אויגן און פֿאַרפֿלאַמטע באַקן. פֿאַר דער פֿרענקלווונע איז די אָנוועזנהייט פֿון אַ האַלבער־ליטוואַטשקע, ווי כומטשע, אויף די זאַזיקע לעקציעס געווען זייער נישט צום האַרץ.

אָבער פּונקט אַזוי ווי עס איז געווען מיט בראָודען, אַזוי האָט אויך דער טאַטע נישט געקאָנט אָפּזאָגן דאָרפֿמאַנען, אַז זיין טאָכטער זאָל זיך

לערנען צוזאַמען מיט מיינע שוועסטער. כאָטש דאָרפמאַן איז ווייט נישט געווען אַזאַ גביר ווי בראָודע. נאָר דאָ איז געווען עפּעס אַנדערש. מיין טאַטע איז מיט דעם ליטוואַק דאָרפמאַן געווען אַ סך נענטער ווי מיטן פּוילישן בראָודע. אפשר דערפאַר, ווייל דאָרפמאַן איז געווען אַ ייד, וואָס האָט געקאָנט לערנען, אין דער צייט ווען בראָודע איז געווען זייער ווייט דערפון. מיין טאַטע האָט אַמאָל מיט חוזק געזאָגט, אַז בראָודע איז אַ וואַזשנער „יודע פּייפּער״.

איצט נאָך דער געשיכטע מיט דעם אָנגעשטעלטן, איז אויסגעבראָכן אַ קריגערייַ צווישן מיינע שוועסטער און כומטשען. מיינע שוועסטער האָבן איר פאַרגעוואָרפן דאָס, וואָס איר פאָטער באַהאַנדלט אַזוי שלעכט זיינס אַ מענטש, וואָס האָט ביי אים אַזוי לאַנג געאַרבעט און אַזוי שווער קראַנק געוואָרן. כומטשע האָט זיך אָבער געשטעלט האַרט און אַנטשלאָסן אויף איר פאָטערס זייט. זי האָט זיך אָנגערופן: „אַז דער מענטש ווייסט שוין גישט וואָס ער זאָל וועלן. וויפל מען גיט אים איז נאָך אַלץ פאַר אים ווייניק״. פאַר מיינע שוועסטער זענען כומטשעס ווערטער געווען אַן איבער־ראַשונג. זיי זענען געווען זיכער, אַז זי איז אויף דער זייט פון דעם אַרבע־טער. זיי זענען געווען איבערצייגט, אַז זי ליידט דערפון, וואָס איר פאָטער באַהאַנדלט אַזוי שלעכט זיינס אַ מענטש. און דאָ גאָר פאַרקערט. מיט דער גאַנצער יוגנטלעכער פאַרביסנקייט האָט זי זיך געשטעלט אויף איר פאָטערס זייט. אַ וואָרט צו אַ וואָרט, זיי האָבן זיך שטאַרק „פּזשעמוויעט״ און ברוגז געוואָרן.

פון דאַמלט־אָן האָט כומטשע אויפגעהערט קומען צו די לעקציעס פון פּויליש. די פרענקלווינע, וואָס האָט זיך געהאַלטן ווייט פון אַזעלכע סאָציאַלע קאָנפליקטן און נאָר געווען אַריינגעטון אין פּוילישן פּאַטריאָ־טיזם, איז געווען שטאַרק נישט צופרידן, וואָס די מחלוקה צווישן מיינע שוועסטער מיט כומטשען איז אויסגעבראָכן גראָד צוליב אַזאַ מין זאַך. אָבער פון דעם, וואָס כומטשע האָט אויפגעהערט קומען אויף די לעקציעס איז זי געווען גליקלעך, ממש אין זיבעטן הימל.

*

עס האָט אויך געוווינט ביי אונדז אין הויף אויף פּאָקאָרנע אַ ליט־

וואַק, ברייטמאַן. ער האָט געשטאַמט פון אַ באַרימטער גזע רוסישע רביים. ער האָט געקאָנט לערנען און געהאַט אַ שטאַרקע הבנה אין חסידות. מיין טאַטע האָט גערן מיט אים געשמועסט און הנאה געהאַט פון זיינע איינ־פאַלן און ווערטלעך. מיין טאַטע פלעגט שטענדיק שמייכלען ווען ער האָט גערעדט מיט אים און אים גערופן „די קאַליע געמאַכטע נשמה".

ברייטמאַן האָט געטראָגן אַ שפּיציק, פראַנצויזיש בערדל מיט אויף שטייף פאַרדרייטע וואָנסעס. די באַקן זענען ביי אים פון אָפטן און שטאַרקן אויסראַזירן געווען בלאָ און פון אונטער דער בלאָקייט האָט מען אַרויס־געזען אַ גאַנצע נעץ מיט דינע רויטע אָדערלעך, ווי אויף אַ מאַפּע.

ברייטמאַן האָט געטראָגן אַ שוואַרצן, האַרטן קאַפּעליוש און שטענ־דיק אפילו אינדערוואָכנס, געגאַנגען אָנגעטון אין אַ פראַקאָוון אָנצוג. אויגן האָט ער געהאַט העלע, צעשמייכלטע. ער איז שטענדיק געווען לעבעדיק, אויפגעראָמט, עס האָט זיך געפילט אין אים עפּעס אַ חסידישע שמחה.

ברייטמאַנען פלעגן מיר יעדעס יאָר טרעפן ביים מעזשיבעזשער רבין, ביים רבי רב משה'לע (רבי ר' משה מרדכי העשל, אַן אייניקל פון ריזשין און אַפּט), וועמענס קרוב ער איז געווען. יעדן פורים נאָך דער אינדערפריִעדיקער סעודה, פלעגט מיך דער טאַטע מיטנעמען צום רבין ר' משה'לע, וועמען ער פלעגט אייגנהענטיק אַוועקטראָגן שלח־מנות. כאָטש מיין טאַטע איז געווען אַן אַלעקסאַנדערער חסיד, פלעגט ער אַריינ־קומען צום רבין ר' משה'לען, (וועלכער האָט שוין דאַמאָלט געוווינט אין וואַרשע) און אים אָפּגעגעבן גרויס כבוד. דאָרטן פלעגט אויך דער טאַטע אַלע יאָר פאַרבעטן ברייטמאַנען צו דער פורימדיק פאַרנאַכטיקער סעודה.

ביים רבי ר' משה'לע איז געווען אַן אָפן הויז פול מיט אָרעמעלייט און סתם מענטשן, וואָס קיינער האָט אפילו נישט געוווּסט ווער זיי זענען. די שטיבן זענען דאָרט שטענדיק געווען איבערפולט. ברייטמאַן פלעגט יעדעס יאָר ברענגען דעם רבין שלח־מנות אַ גרויסן זילבערנעם קידוש־בעכער, אַ מתנה אויף פּסח. אָבער ביז פּסח פלעגט יעדעס מאָל דער בעכער נעלם ווערן.

אַ גאַנץ יאָר פלעגט מיין טאַטע זיך נישט אָפּגעבן מיט די ליטוואַ־קעס, אפילו נישט מיט די, מיט וועלכע ער האָט זיך געקענט נעענטער. נאָר

פּורים צו דער סעודה פלעגט דער טאַטע פאַרבעטן ברייטמאַנען און דעם ליטוואַק, דעם אַדוואָקאַט, וועלכער פלעגט זיך מיט אונדז שפּילן אין דער „בלינדער באַבען״. אים פלעגט דער טאַטע פאַרבעטן דערפאַר, ווייל ער איז יאָרן לאַנג געווען אונדזער נאָענטסטער שכן, און זייער אַ גוטער שכן. זיי פלעגן קומען פּורים ביינאַכט ווען אַ סך חסידים האָבן זיך געהאַט ביי אונדז פאַרזאַמלט טרינקען ווייַן. ברייטמאַנען האָבן די חסידים נישט געשעפּעט, ווייל ער איז געווען אַ בן־תּורה און געשטאַמט פון גרויס רביי־אישן יחוס. אָבער דעם אַדוואָקאַט, וועלכער איז געווען אַ „גוי גמור״ פלעגן די חסידים ספּעציעל אָנשיכורן, אָנטון אַ טלית־קטן אויפן פראַק, אין וועלכן ער פלעגט קומען, צונעמען ביי אים דעם האַרטן „קאַטיעלאָק״ און אים אַריינשלעפּן אין ראָד ווען זיי האָבן געטאַנצט.

ווען דער אַדוואָקאַט איז ביי אונדז אָפּגעווען עטלעכע שעה, פלעגן נאָך אים אַלעמאָל קומען זיין פרוי און זיין טאָכטער אַננאַ. ווען זיי האָבן דערזען דעם מעמד אין וועלכן ער געפינט זיך, האָבן זיי אים געשלעפּט אַהיים און צו אים געשריגן: „קאַק טעביע ניע סטידנאָ! קאַק טעביע ניע סטידנאָ!״. מיר, קינדער, האָבן שרעקלעך געלאַכט, מיר האָבן זיך געקאַלערט פאַר געלעכטער. מיר האָבן געלאַכט נישט אַזוי פון דעם, וואָס דער אַדוואָקאַט איז געגאַנגען אָנגעטון אין אַ טלית־קטן און אין אַ שטריימל און געווען שיכור, ווי מיר האָבן געלאַכט פון דעם, וואָס דערוואַקסענע מענטשן שעמען זיך נישט צו רעדן אַזעלכע מיאוסע ווערטער.

*

אין אַן איינצל־צימער האָט אויף אונדזער הויף געוווינט דער מעל־דונקאָווע זשאַנדצע, וואָס איז שפּעטער געוואָרן אַדמיניסטראַטאָר. דער זשאַנדצע איז געווען אַן אַלטער בחור. ער איז געקומען קיין וואַרשע פון ערגעץ אַ קליין רוסיש שטעטל און אויך דאָ געלעבט זייער אַ שווער לעבן. אין די יונגע יאָרן האָט ער „געזען בלוט״ און די דאָקטוירים האָבן אים פאַרבאָטן חתונה צו האָבן. דער זשאַנדצע פלעגט אין שבת רייכערן פּאַפּיראָסן בפרהסיה. מיין טאַטע איז געווען אויסער זיך. „מילא פעיסין רייכערט פּאַפּיראָסן אין שבת, פלעגט ער זאָגן, איז ער כאָטש אַ גביר, אָבער אַזאַ דלפּניעץ זאָל זיך פּאָזוואָליען רייכערן פּאַפּיראָסן אין שבת.

דאָס איז שוין גאָרנישט צו פאַרטראָגן״. איך ווייס נישט וואָס האָט אַזוי אַריינגעבראַכט מיין טאַטן אין כעס, צי דאָס רחמנות צום זשאַנדצע, וואָס וועט נעבעך נישט האָבן נישט די וועלט און נישט יענע וועלט, צי די מורא פאַר דער חוצפּה פון די אָרעמעלייט. די מורא, וועלכע מיין טאַטע האָט געטראָגן אין זיך זייט יאָר 1905, ווען פרעמדע מענטשן האָבן איבערגעטרעטן די שוועל פון זיין אויסגעהיטן הויז און געדראָט אין נאָמען פון אַ נישט פאַרשטענדלעכער פאַר אים גערעכטיקייט.

איך ווייס נישט צי האָט מיין טאַטע מורא געהאַט פאַר דער נשמה פון זשאַנדצע, וואָס וועט נישט האָבן קיין תיקון, צי פאַר דער נשמה און זיכערקייט פון זיין הויז, וואָס ער האָט געבויט פאַר זיינע קינדער און קינדס־קינדער.

קינאָ־אילוזיאָן

נעבן אונדז, טיר ביי טיר, אין פונקט אַזאַ וווינונג ווי מיר האָבן פאַרנומען, האָט געוווינט אַ רוסישער „ליטוואַק״, וואָזניאַק, אַ קאָמיוואָ־יאַזשער. ער איז שטענדיק געווען אויף ווייטע רייזעס, זעלטן געקומען אַהיים. ווען ער איז שוין אָבער יאָ געקומען, פלעגט ער אָפּזיצן אַ צוויי־דריי וואָכן נאָכאַנאַנד און דערנאָך ווידער אויף אַ לאַנגער צייט אַוועק־פאָרן. ער איז געווען פון מיטלוווקס, אַ ברייטער, כאָטש נישט קיין דיקער, אַ העל־בלאָנדער מיט אַ לייכטן צומיש פון געל. די דאָזיקע קאָמבינאַציע פון בלאָנד און געל האָט זיך אויך אָפּגעשלאָגן אויף דער הויט פון זיין פּנים און איר צוגעגעבן אַן אויסקוק פון קרענקלעכקייט. ער איז געווען עלע־גאַנט געקליידט. אַלץ איז אויף אים געווען ווי ניי, און אַלץ אויף אים איז געווען שטייף געפרעסט און האָט געפינקלט. זיין הויכע בלאָנד־געלע „שעוועליור״ האָט ער אָפּט גלייכגעקעמט מיט אַ העלן, ביינערנעם קאַם. ס׳האָט זיך פון אים שטענדיק געטראָגן אַ ריח פון גוטן אָדעקאָלאָן.

זײַן פרוי איז געווען אַ דאַרע, שוואַרץ־גרינע ליטוואַטשקע. איר־ע שיטערע, שוואַרצע האָר זענען געווען פֿאַרדרייט אין אַ קעקסל און פֿאַר־נומען מיט עטלעכע האָרנאָדלען ערגעץ אויפֿן קאָפּ בײַ דער פּאַטילניצע. זי איז געווען שטענדיק פֿאַרהאָרעוועט. כאָטש זי האָט געהאַלטן אַ קריסט־לעכע דינסט, האָט זי ליב געהאַט אַלץ טון אַליין. זי איז געווען אַן אויסער־געווײנטלעכע בעל־הבית׳טע. אַלץ אין שטוב בײַ איר האָט געפֿינקלט פֿון ריינקייט, פֿון אַלעם האָט זיך געטראָגן דער גלאַנץ פֿון אַ צוגעלייגטער, אייגענער, בעל־הבית׳ישער האַנט. די קינדער זענען שטענדיק געווען שיין און ריין אָנגעטון, אָבער וועגן זיך אַליין האָט זי קיינמאָל נישט „געדבאַיעט״, קיינמאָל נישט געווען עלעגאַנט אָנגעטון. אפילו ווען דער מאַן פֿלעגט קומען, האָט זי אויך געטראָגן די זעלבע קליידער ווי אַלע טאָג. מען האָט איר אויך קיינמאָל נישט געזען אַרויסגיין ערגעץ־ווּ, צוזאַמען מיטן מאַן. אָדער ער פֿלעגט אַרויסגיין אַליין, אָדער מיט די קינדער. זי האָט אים נאָר שטענדיק געהאַט וואָס נאָכצושרייען אויף די שטיגן. ס׳האָט זיך קיין איין מאָל נישט געטראָפֿן, אַז ער זאָל אַרויסגיין פֿון שטוב און זי זאָל נישט האָבן אים עפּעס פֿאַרגעסן צו זאָגן.

נישט געקוקט וואָס זי איז געווינט געווען צו זײַנע אָפּטע און לאַנג־דויערנדע רייזעס, האָט זי זיך פֿאַרהאַלטן, ווי זי וואָלט כסדר וועגן אים געווען אומרויק. מאָדנע האָט דאָס אויסגעזען ווען וואָזניאַק האָט פֿאַר־מאַכט די טיר פֿון זײַן וווינונג האָבן שוין אַלע געוווּסט אַז אין אַ מינוט אַרום וועט אים זײַן ווײַב צוריקרופֿן. זי פֿלעגט אַרויסשטעקן נאָר דעם קאָפּ פֿון דער אַביסל אָפּגעבויגענער טיר און צו אים אַרויסגערעדט. איר דראָבנער שמאָלער קאָפּ מיט די האַלב צעפּלאָשעטע האָר האָט ביים רעדן זיך געוויגט צווישן די צוויי טיילן טיר און האָט אויסגעזען ווי אַ מאַריאָ־נעטקע, וואָס ווערט באַוועגט אויף אַ דינעם שטעקן דורך עמעצענס אַן אומזעבאַרער האַנט.

ווען זי פֿלעגט אים רופֿן, האָט ער זיך שוין אַלעמאָל געפֿונען אַ שטאָק נידעריקער פֿון זײַן וווינונג. פֿלעגט ער זיך אָפּשטעלן, פֿאַר־האַלטן זיך אויף דעם אָרט, ווו ס׳איז צו אים דערגאַנגען איר קול, און איר

געלאַסן און געדולדיק ענטפערן. יעדעס מאָל האָט אַזאַ שמועס זיך געצויגן לאַנגע מינוטן.

זיי האָבן געהאַט דריי קינדער. דאָס עלטסטע איז געווען אַ יינגל. פּימע האָט ער געהייסן. די צוויי מיידלעך האָבן געהייסן סאָניאַ און וויעראַ. פּימא איז געווען ענלעך צום פאָטער, געהאַט, ווי ער, העל־בלאָנדע האָר מיט אַ לייכטן צומיש פון געל און אויך אַזאַ ביסל קרענקלעכע צערע ווי דער פאָטער. ער איז אָבער געווען אַ דינער, אַ שמאָלער מיט אַביסל אַ שפּיציק ראַסאָווע פּנים פון אַ כאַרט. ער האָט אויך געהאַט אַ שיינע שטימע, וועלכע ער האָט געירשנט פון זיין זיידן, אַ חזן. ווען וואָזניאַק איז געווען אונטערוועגס האָט די מוטער אָפט געבעטן פּימען ער זאָל זינגען. ער האָט זיך געלאָזט לאַנג בעטן, דערנאָך האָט ער זיך אַרומגענומען מיטן פאַרהאַנג, וואָס איז געהאַנגען אויפן פענצטער, זיך פאַרבאַהאַלטן אין די געדיכטע פאַלדן און מיט אַ קוים שפּראָצנדיקן לירישן טענאָר, וואָס איז אָפט אַריינגעפאַלן אין דישקאַנט, העל און זילבערדיק אַרויסגעקלונגען:

פּאַי, לאַסטאָטשקאַ, פּאַי,
סערדצע אוספּאַקאַי.
יאַ אויעזשאַיו,
טיעביא אַסטאַווליאַיו
טשטאָ בודיעט ס׳טאַבאַי?

אָפט, זייער אָפט, האָט מען פון וואָזניאַקס וווינונג געהערט פּימעס שטימע מיטן געזאַנג וועגן דעם שוועלבעלע. זיין מאַמע האָט זייער געוואָלט ער זאָל נאָר זינגען דאָס ליד. זי האָט מיט דעם אַזוי ווי געררייצט און איינצייטיק געשטילט איר אומרויקייט וועגן איר מאַן, וואָס געפינט זיך אַזוי אָפט אין אַזעלכע ווייטע מקומות. פּימעס שטימע און די ערנסטקייט פון זיין געזאַנג האָט געוועקט דרך־ארץ, אַזוי, אַז קיינער פון די קינדער האָט קיינמאָל נישט געוואַגט אים נאָכצושפּעטן.

ער פלעגט אָפט צו אונדז אַריינקומען. אמאָפטסטן איז ער געקומען צו מיין מאַמען. ער פלעגט זיך פאַר איר פאַרנייגן און זייער שטיל איר זאָגן, אַז די מוטער האָט אים געשיקט בעטן באָרגן עפּעס געלט. וואָזניאַק, זעט אויס, איז אָדער נישט געווען קיין גרויסער פאַרדינער, אָדער געווען

אַ גרויסער אויסברענגער. אַ חודש נאָך זיין אָוועקפאָרן האָט זיין פרוי שוין נישט געהאַט קיין געלט און פלעגט שוין שיקן באַרגן. נישט זעלטן פלעגט מיין טאַטע זשירירן פאַר איר אַ וועקסל פאַרן שפייז־געוועלבער, וועלכער האָט שוין סתם אַזוי, אויפן בוך, נישט געוואָלט מער באָרגן.

די דריי־פּערטלדיקע ראָקן צו פאָרן קיין אויסלאַנד און די ספּעציעלע קאַפּאָטעס צו פייערלעכקייטן און אויפנאַמעס, וועלכע מיין טאַטע פלעגט זיך נייען פון ענגלישן טוך, האָט ער זיך געלאָזט מאַכן ביים זעלבן שניידער ווו וואָזניאַק האָט זיך אָנגעטון. כ׳געדענק, אַז דער שניידער האָט געהייסן טאָנדאָווסקי, אָבער גערופן האָט מען אים: „שאַך־פּערסיען". אפשר דער־פאַר ווייל ער האָט אויסגעקוקט ווי אַ פּערסער, געהאַט אַן אָפן, העל, פּנים, שוואַרצע מאַנדל־אויגן, און אַ פּאָר גרויסע שוואַרצע וואָנסעס. קאָן אויך זיין, אַז דערפאַר האָט מען אים גערופן „שאַך־פּערסיען", ווייל ער האָט זייער פיינט געהאַט שפּילן שאַך און דערפאַר שוין גאָר נישט פיינט געהאַט צו שפּילן אין קאָרטן.

ביי דעם „שאַך־פּערסיען" האָט אָפטמאָל מיין טאַטע גוט־געזאָגט פאַר וואָזניאַקן און גאַראַנטירט פאַר זיינע חובות. ווי איך האָב זיך אַ סך שפּעטער משער געווען, האָט מיין טאַטע געהאַט עפּעס געשעפטן מיט וואָזניאַקן. לויט דעם, ווי מיין טאַטע האָט שפּעטער אַרויסגעוויזן אינטע־רעס פאַר וואָזניאַקס גורל, פאַרשטיי איך, אַז ער איז געשטאַנען מיט אים אין געשעפטלעכע פאַרבינדונגען, כאָטש גערעדט וועגן דעם האָט מען קיינמאָל נישט.

סאָניאַ און וויעראַ זענען זעלטן אַריינגעקומען צו אונדז. אויב זיי פלעגן שוין יאָ אַמאָל אַריינקומען איז עס געווען אין ספּעציעלע פאַלן. אָדער זיי זענען געקומען בעטן אונדז אויף „אימיענינעס" פון עמעצן פון זיי, אָדער זיי זענען געקומען אויף „אוראָדזשינעס" צו עמעצן פון אונדזערע קינדער.

כאָטש מיר האָבן געוווינט טיר ביי טיר, פלעגט מיט זיי שטענדיק מיטקומען די דינסט אַגניעשקע, וואָס האָט ביי זיי יאָרן לאַנג געדינט. ס׳פלעגט אויך טרעפן, אַז ווען אַגניעשקע האָט געוווּסט, אַז צוליב אַ סיבה האָב איך גראָד נישט מיט וועמען צו גיין שפּאַצירן, איז זי נאָך מיר אָפּגע־

זרעטן און מיך מיטגענומען צוזאַמען מיט וויערען און מיט סאָניען. דאָס האָט זיך אָבער געטראָפן זייער זעלטן.

סאָניע האָט געהאַט אַן אָוואַל פּנימל, אַ גרינלעך־שניאַדע צערע, שאַרע אויגן, וואָס האָבן טיילמאָל געהאַט אַ גרינעם שימער. ווען מען האָט זיך גוט אײַן איר אײַנגעקוקט האָט מען געזען, אַז זי איז ענלעך צו דער מוטער אירער, און מען האָט זיך ערשט דאַמאָלט געכאַפּט אַז איר מוטער האָט געמוזט זײַן אַמאָל זייער אַ שיינע.

וויעראַ איז געווען יונגער פון סאָניען. זי איז געווען זייער נישט קיין שיינע. געהאַט אַ ברייטע נאָז, אַ שמאָלן שטערן און האָר פון עפּעס אײַנ־גאַנצן נישט קיין באַשטימטער קאָליר. ביי די קין־באַקן און אויפן האַלדז האָט זי געהאַט פול העפּטן נאָך פאַרשידענע אָפּעראַציעס. מען האָט גע־זאָגט, אַז זי האָט געהאַט עפּעס מכות, וועלכע מען האָט געמוזט אויפ־שניידן. נאָר אויגן האָט זי געהאַט גרויסע און ליכטיקע מיט גאָר לאַנגע וויעס, אַזעלכע לאַנגע אַז מען האָט זיי געקאָנט אַזש קעמען.

די קליינע וויערע איז אָפט געווען זייער קאַמיש. מען האָט זי גע־רופן די „שמיעשקע". זי פלעגט אָפט מאַכן לאַכן. ס'האָט איר אינגאַנצן נישט געאַרט, אַז מען לאַכט פון איר. פאַרקערט, ס'האָט אויסגעזען ווי זי וואָלט גאָר צופרידן געווען דערפון. זי האָט אינגאַנצן נישט געהאַט קיין שטימע און נאָר געוואָלט זינגען. אַזוי ווי אַגניעשקע האָט ליב געהאַט צו פאַרברענגען אַביסל מיט סאָלדאַטן, ווען זי פלעגט גיין מיט די קינדער שפּאַצירן, האָט וויערע זיך אויסגעלערנט עטלעכע סאָלדאַטסקע לידלעך. אַמבעסטן האָט זי ליב געהאַט צו זינגען דאָס לידל „סאָלדאַטישקי". ווי נאָר זי פלעגט אַריינקומען צו אונדז האָט זי, אינגאַנצן נישט קיין געבע־טענע, אָנגעהויבן מיט איר גרילציק און כריפּעדיק קול:

„סאָלדאַטישקי,
רעביאַטשקי
גדיע וואַשי מאַטקי?
נאַשי מאַטקי,
ביעלייע פּאַלאַטקי.
וואָט נאַשי מאַטקי".

מיר האָבן אַלע שרעקלעך געלאַכט פון דעם משונה׳דיקן לידל, פון די אויסטערלישע ווערטער, וועלכע קיינער פון אונדזערע קינדער האָט נישט פאַרשטאַנען, נאָר וועמענס קלאַנג איז מיר נאָך פאַרבליבן ביז היינט אין זכרון. וויערען האָט גאָרנישט געאַרט. פאַרקערט, אונדזער לאַכן האָט איר אַריינגעטריבן אין אַ משוגענעם האַזאַרד. זי האָט אָנגעהויבן וואָס שנעלער צו זינגען. זי האָט אַזוי שנעל געמאָלן די ווערטער, אַז ס׳איז אַרויסגעקומען אַ ווילדער געמיש פון אָפגעריסענע קלאַנגען. זי האָט אַזוי האַסטיק געזונגען, אַז ס׳האָט איר אַזש פאַרפעלט אָטעם. פלוצים האָט מען דערזען, אַז זי האָט באַקומען אינגאַנצן בלאָע ליפּן און בלאָע פינגער פון די הענט. אַגניעשקע האָט זי שנעל געכאַפּט אויף די הענט, געוואָרפן אין דער לופטן, געקלאַפּט אין דער פּלייצע, געמאַכט מיט איר עפּעס אַזוי ווי גימנאַסטיק — און זי קוים אָפּגעראַטעוועט...

*

מיט אַגניעשקען און מיט וויערען בין איך דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן געווען אין אילוזיאָן (קינאָ). אַזוי איז עס אויסגעקומען. אין אַן אָנהויב זומערדיקן פאַרנאַכט האָט אַגניעשקע אונדז געפירט אויף דזשיקע גאַס אין אילוזיאָן.

דורך אַ טיר, וואָס איז מיט ביידע העלפטן געשטאַנען אויפגעפּראַלט אין גאַס־אַריין, זענען מיר אַריין אין אַ לאַנגער שטוב, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ גרויס, נאָר כמעט ליידיק געוועלב. ביי דער טיר זענען געשטאַנען צוויי גויאישע שומרים און אַריינגעלאָזט נאָר די, וואָס האָבן געוויזן אַז זיי האָבן געלט. אַגניעשקע איז געגאַנגען אביסל פאָרויס און געהאַלטן יעדן פון אונדז ביי אַ האַנט. מיר האָבן זיך פאַרוווּנדערטע אַרומגעקוקט און געבליבן כסדר הינטערשטעליק.

איך האָב געפילט אַגניעשקעס גרויסע, וואַרעמע האַנט, וואָס האָט מיך געהאַלטן פעסט און כסדר דערמאָנט, אַז מען דאַרף גיין פאָרויס. איר האָט מען נישט געפרעגט צי זי האָט געלט. זי האָט געוועקט דרך־ארץ צו זיך. אַגניעשקע איז נישט געגאַנגען ווי אַלע דינסטן אין אַ וואַלן טוך פאַרוואָרפן אויף די פּלייצעס, נאָר אין אַ לאַנגן, אַביסל איינגענומענעם אין

די זייטן, העלן, טוכענעם זשאַקעט. זי איז געווען אַ הויכע, אַ ברייט־ביינִיקע, מיט אַ העל פּנים. זי איז נישט געווען געשטופּלט ווי כמעט אַלע דאָרפישע שיקסעס, כאָטש זי איז אויך געווען אַ דאָרפישע און נישט גע־קענט נישט לייענען און נישט שרייבן. זי האָט געהאַט אַ גלאַטיק ראָזאַ פּנים, געטראָגן גרויסע גאָלדענע אויערינגלעך און אויסגעזען ווי אַ „פּאַני".

איך האָב ליבער געהאַט מיט איר צו גיין, ווי מיט אונדזער פּאַננע מאַדזשיע. זי איז געווען שענער און נישט געמאַכט אויפן וועג אַזוי פיל „אוואַגעס", געגעבן מער פרייהייט און דערלויבט צו טרינקען סאָדע־וואַסער מיט סאָק.

ביי די אָפענע טירן פון „אילוזיאָן" זענען געשטאַנען און סתם זיך געשטופּט צענדליקער קינדער און דערוואַקסענע יינגלעך. נישט האָבנדיק קיין געלט אויף קיין בילעט און נישט האָבנדיק דעם מינדעסטן שאַנס זיך אַריינצוקריגן אויף „גאַפּע" — זענען זיי פאַרגאַפטע געשטאַנען שעהען לאַנג און מיט אויפגעריסענע אויגן און מיילער ווי פאַרהיפּנאָטיזירטע אַריינגעקוקט אין דער ברייטער עפענונג פון דער טיר, וואָס האָט געפירט אין „אילוזיאָן". אַנדערע ווידער, אפילו שוין דערוואַקסענע מענטשן, זע־נען געשטאַנען פאַרבליפטע און אויך אַריינגעקוקט אין די אויף ווייסע־לאַנגע טאָוולען אויפגעמאָלענע פּנימער אין שוואַרצע מאַסקעס און מיט רויטע רעוואָלווערן אין גרינע הענט. טייל האָבן געלייענט מיט אַ פּאַר־כאַפּטן אָטעם די האַלב־געשריבענע, האַלב־געדרוקטע אויפשריפטן, וואָס האָבן דערציילט אין קורצע אָנדייטונגען וועגן גרויסע אַוואַנטורעס.

די טיר פון „אילוזיאָן" איז געווען געמאָלן אויף גרין און איבער איר האָט געהאָנגען אַ גרויסע גרינע, בלעכערנע שילד מיט אַ ווייסער אויפ־שריפט: „אילוזיאָן". די שויבן אויפן ערשטן שטאָק זענען אויך געווען באַמאָלן מיט גרינער פאַרב און אויף יעדער פון זיי איז געווען מיט ווייסער פאַרב שיין אויסגעמאָלן מיט שילדן־כתב דאָס דאָזיקע מאַגישע וואָרט. אַלע פענצטער מיט די גרינע שויבן פון „אילוזיאָן" זענען געווען פאַר־מאַכט. בלויז אין פענצטער פון וועלכן ס'איז געגאַנגען אַ כסדרדיקער גערויש, ווי אין מיליאָנען זשאַבע־שיסעלעך, איז געווען אָפן.

צענדליקער מענטשן זענען געשטאַנען אויף דער צווייטער זייט גאַס, אויפֿן אַנטקעגנאיבערדיקן טראָטואַר און נישט אַראָפּגענומען קיין אויג פֿון דעם געהיימניספֿולן כאַטש אָפֿענעם פֿענצטער. מען האָט דאָרט געזען זיך דרייען אין דער פֿינצטער צוויי יונגע מענטשן, וואָס האָבן זיך כסדר געווישט די הענט, — און מען האָט געזען ווי פֿון איין אָרט אין דער וואַנט, הויך ביים סופֿיט, אין אַ קליין פֿענצטערל גייט אויף אַ לבֿנה־ליכט און דורך דעם ליכט שפּאַרן זיך אַרויס גאַנצע טאַשמעס מיט פֿיאָלע־טע און גרינע שטראַלן.

ווען מיר זענען מיט אַגניעשקען אַריינגעקומען אין דער גרויסער שטוב, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ גרויס, נאָר כמעט ליידיק געוועלב, איז זי צוגעגאַנגען צו אַ פֿענצטערל און באַצאָלט געלט. דערנאָך זענען מיר מיט געדרייטע האָלצערנע שטיגן אַרויף אויפֿן ערשטן שטאָק. דאָ זענען ווידער געשטאַנען צוויי היטערס און אגניעשקע האָט זיי געוויזן די גע־קויפֿטע בילעטן. זיי האָבן אָפּגעגייגט פֿאַר אונדז אַ שווערע, גרינע פֿאָר־טיערע און מיר זענען אַריין אין אַ גרויסער שטוב מיט אַ שיפֿער פּאָדלאָגע. אויבן איז זי געווען הויך און וואָס אַמאָל נידריקער. אויף איין אָרט האָט זיך די פּאָדלאָגע געגעבן אַ לאָז אַראָפּ, אַז מיר זענען שיער נישט אומגע־פֿאַלן. אַגניעשקע האָט אין דער פֿינצטער אויסגעזוכט דריי ערטער, זי האָט זיך אַוועקגעזעצט צווישן אונדז אין דערמיט. איך האָב געהאַלטן פֿעסט מיט ביידע הענט איר האַנט און זיך געטוליעט צו איר.

אין דער דאָזיקער פֿרעמדער, פֿאַנטאַסטישער וועלט, אין וועלכער די בילדער האָבן זיך אַזוי שנעל געטוישט איז אַגניעשקע געווען דער איינציקער מענטש אויף וועמען כ׳האָב געפֿילט מיט מיין קינדישן אינס־טינקט, אַז איך קאָן זיך פֿאַרלאָזן. אַזוי לאַנג ווי איך האָב געפֿילט איר האַנט, האָב איך אַזוי ווי אין האַלבן חלום געוווּסט, אַז כ׳וועל נאָך זען מיין מאַמען, דעם טאַטן, מיינע שוועסטער און מיין שטוב. טאָמער האָט זי אויף אַ רגע צוגענומען איר האַנט האָב איך זיך געשראָקן און זיך גע־פֿילט אינגאַנצן פֿאַרלוירן. אין אַזאַ צושטאַנד פֿון אַנטציקונג, פֿאַרלוירנ־קייט און שרעק האָב איך אָפּגעפּיבערט דעם אָוונט עטלעכע לאַנג־קורצע שעהען...

מיין ערשטע העלדישקייט

אין פינצטערן לאַנגן זאַל פון „אילוזיאָן" האָט אויף איין וואַנט, אויף דער, צו וועלכער אַלע זענען געזעסן געווענדט מיט די פּנימער, זיך צעוויסגעהעלט אַ ברייט, ווייס לייוונט. ווען אין זאַל האָט זיך דערהערט אַ קלונג — האָט מיטאַמאָל אויפן לייוונט אָנגעהויבן פאַלן מיט אַ רעש אַ געדיכטער רעגן. דער רעגן איז געפאַלן שנעל מיט גרויסע, שוואַרצע טראָפּנס. דאָס לייוונט איז מיטאַמאָל פון ווייס געוואָרן גרין און פון דעם גרינעם פאָן, צווישן די געדיכטע טונקעלע טראָפּנס רעגן — האָבן זיך אָנגעהויבן אַרויסצושניידן מענטשן, גאַסן, הייזער, שטובן. די מענטשן אויפן לייוונט האָבן געעפנט די מיילער, געמאַכט מיט די ליפּן, ווי זיי וואָלטן פאַרצווייפלטע געשלונגען לופט, נאָר קיין קול האָט מען פון זייערע מיילער נישט געהערט. ווען מען האָט זיך אָבער גוט צוגעקוקט צו זייערע פּנימער, ווען מען האָט בלויז געזען ווי זיי באַוועגן זיך, בלויז ווי אַזוי זיי מאַכן מיט די הענט, האָט מען זיי זייער גוט פאַרשטאַנען, האָט מען שוין געוווּסט וואָס זיי ווילן און וואָס זיי מיינען.

די בילדער אויפן לייוונט האָבן זיך שנעל געטוישט. אַ פּאָר רגעס זענען זיי אַביסל וואַקלדיקע געשטאַנען אויף אַן אָרט און דער שוואַרצער רעגן האָט געגאָסן אויף זיי זיינע דיקע טראָפּנס. מיטאַמאָל האָט דאָס בילד מיט אַ האַלברונדער באַוועגונג, ווי מען גיט אַ דריי אַ ראָד, זיך אַ רוק געטון לינקס, אַרויף ערגעץ אין דער הויך אונטערן סופיט און פאַרשוווּנדן.

דאָס מאָל זענען אין „אילוזיאָן" געגאַנגען צוויי בילדער מיט מאַקס לינדער, דעם באַרימטן קאָמיקער, כאָטש פאַרן „אילוזיאָן" האָבן נאָך כסדר געהאָנגען די ווייסע טאָוולען מיט די שוואַרצע מאַסקעס. דער זאַל איז געווען פול מיט קינדער. אין איין בילד האָט לינדער געשפּילט די ראָל פון אַ גנב. ביי אַ מאַרק-הענדלערקע, וואָס איז געשטאַנען מיט צוויי קוישן אויבסט האָט ער אַראָפּגעכאַפּט אַן עפּל צי אַ באַרנע און אַנטלאָפן. די פרוי האָט געמאַכט אַ געוואַלד. מען האָט אָנגעהויבן נאָכיאָגן דעם גנב. דער עולם וואָס האָט אים נאָכגעיאָגט איז געוואָרן וואָס אַמאָל גרעסער. פון

אַלע גאַסן, פון אַלע הייף, פון אַלע געוועלבער זענען אַרויס מענטשן און געיאָגט. מאַקס לינדער האָט געזען אַז עס איז ביטער, ער האַלט ביים אַריינפאַלן. אין דעם האָט ער באַמערקט ביי אַ געוועלב שטיין אַ וועלאָסי־פעד. ער האָט געכאַפּט דעם וועלאָסיפּעד, זיך אויף אים אַרויפגעזעצט און — ער איז אַ געראַטעוועטער. פּלוצים זעט ער, אַז פון אַלע זייטן קומט מען אָן מיט וועלאָסיפּעדן. אַלע מענטשן, וואָס האָבן אים פריער נאָכגעיאָגט צופוס, פאָרן איצט אויף וועלאָסיפּעדן. ער האָט זיך אַרומגעקוקט און געזוכט פאַר זיך אַ רעטונג. אין דעם האָט ער דערזען ווי אַ קינד האַלט אין האַנט אַ פּאַפּירענעם וויאַטראַק. ער איז אַראָפּ פון וועלאָסיפּעד צוגע־לאָפן צום קינד, און אַרויסגעריסן פון אים דעם וויאַטראַק אים אַריינגע־זעצט צווישן די שפּריכן פון פאָדערשטן ראָד און מיטאַמאָל האָט דער וועַ־לאָסיפּעד זיך געגעבן אַ הויב אויף און געפלויגן אין די לופטן.

די קינדער האָבן אַרויסגעלאָזט אַ ווילדן געשריי פון פרייד, וואָס האָט פאַרהילכט דעם גאַנצן זאַל. אָבער די מענטשן אויפן בילד, וואָס האָבן נאָכגעיאָגט לינדערן זענען געבליבן שטיין הילפלאָז און געגלאָצט מיט די אויגן צום פליענדיקן גנב. דערווייל איז אָנגעקומען מיליטער און אָנגעהויבן שיסן פון ביקסן אין פליענדיקן וועלאָסיפּעד. אָבער ס׳האָט גאָרנישט געהאָלפן. דער גנב איז זיך געפלויגן רויק.

מען האָט געזען ווי ער לאַכט פון די שיסערס. ס׳זענען געלאָפן סאָלדאַטן און געברענגט אַ האַרמאַט. דאָ האָבן אלע געמיינט, אַז מען וועט אים שוין זיכער אַראָפּשיסן. אָבער דער האַרמאַט האָט געקנאַלט און מאַקס לינדער איז זיך ווייטער געפלויגן, אַזוי ווי נישט אים מיינט מען. דאָס מיליטער איז געווען פאַרצווייפלט, זיך געשעמט, אָבער זיך נישט געקאָנט קיין עצה געבן. דערווייל איז אַרויס אַ קליין יינגעלע, אין הענטל האָט ער געהאַלטן אַ קליין־קינדיש פּיסטאָלעטל, ער האָט אָפּגעבויגן דאָס צינגל פון בלעכערנעם פּיסטאָלעטל, אַריינגעלייגט דאָרט אַ פּאַפּירענעם קאַפּי־שאָן, זיך גוט אָנגעצילעוועט אין מאַקס לינדערן און... אויסגעשאָסן. און ווונדער איבער ווונדער... דאָס, וואָס דאָס „וואָיסק״ מיטן האַרמאַט האָט נישט געקאָנט, האָט דאָס קליינע יינגעלע באַוויזן!

מאַקס לינדער האָט אָנגעהויבן פּאַמעלעך אַראָפּצופאַלן און אַריינגע־

פֿאַלן גלייך אין די הענט פֿון דעם מיליטער, וואָס האָט אים באַלד געבונדן, און דאָס יינגעלע האָט מען אויפגעהויבן אין דער הויך און עס געטראָגן מיט געזאַנג און אויסגעשרייען איבער די גאַסן.

דאָס צווייטע בילד האָט געוויזן ווי מאַקס לינדער ליגט אין בעט נאָר קאָן נישט שלאָפן. אַ פלוי מאַטערט אים און לאָזט אים נישט איינ־דרימלען. כאַפּן קאָן ער זי נישט, נעמט ער זיין הוט און פעכערט זיך מיט אים. ער טרייבט זי מיטן פעכער פון זיך. אָבער די פלוי האָט זי־אירע געהיימע וועגן ווי אַזוי און דורך וואַנען צוצוקומען צו אים — און ער דערפילט ווידער איר ביס. ווערט ער שוין גאָר אין כעס. שפּרינגט אַרויס פון בעט, נעמט אַרויס פון טיש־שופלאַד אַ רעוואָלווער, לאָדנט אים אָן, גייט צוריק אַריין אין בעט אַריין ...און טשאַטעוועט. פלוצים באַווייזט זיך אויפן איבערבעט די פלוי. ער האַלט איין דעם אָטעם, צילעוועט זיך אין איר און... שיסט אויס. ס'באַווייזט זיך פייער און רויך. דאָס איבערבעט צינד זיך אָן. עס ווערט אַ שריפה. ס'קומען פייער־לעשער און עס געלונגט קוים דאָס פייער איינצושטעלן. דאָס איבערבעט איז פאַרברענט. מאַקס לינדער לייגט זיך ווידער שלאָפן און דעקט זיך איבער מיט אַ פּאַלטאָ, זאָל זיין אָן אַן איבערבעט, אַבי פּטור געוואָרן פון דער פלוי. אַבי צוזאַמען מיטן איבערבעט איז פאַרברענט געוואָרן די פלוי. אָבער פלוצים דערפילט ער אַ פרישן ביס און דערזעט אויפן קישן די פלוי. ער ווערט שיער נישט משוגע פון כעס. אינדעם פאַלט אים איין אַ געדאַנק. ער לויפט אַריין אין קיך און ברענגט אַריין אַ גרויסן, פאַפּירענעם בייטל ער נעצט איין די פינגער פון דער רעכטער האַנט אין וואַסער... און וואַרט, די פלוי איז דאָ. ער וואַרפט זיך זי כאַפּן. אים געלונגט מיט אַ שנעלן מאַנעווער זי צו־צוקלעפּן צו די נאַסע פינגער. זי איז דאָ. ער האַלט זי שוין פעסט. ער נעמט און לייגט זי אַריין אין צוגעגרייטן בייטל, טוט זיך אָן און אינמיטן דער נאַכט גייט ער צו דער באַן־סטאַציע. ער שטייט לאַנג מיט דער פלוי אין בייטל אויף אַ פּראָסט און ווינט און ערשט פאַרטאָג דערוואַרט ער זיך אויף אַ באַן. ווען די באַן דערנענטערט זיך לויפט ער גיך צו צו די שינעס, לייגט אַוועק דעם בייטל און די שווערע רעדער פון דער באַן פאָרן אַריבער איבער דער פלוי. מאַקס לינדער שטייט און קלאַפּט אין די הענט פאַר

שׂמחה, שפּרינגט אין דער הויף, קייקלט זיך אין דרייען פּאַר געלעכטער און צוזאַמען מיט אים פרייען זיך און לאַכן און שרייען און ליאַרעמען הונדערטער קינדער און אפילו דערוואקסענע אין זאַל פון „אילוזיאָן”.

ווען עס האָבן זיך געענדיקט די צוויי בילדער איז אַגניעשקע מיט אונדז נישט אַהיימגעגאַנגען. זי האָט אונדז געקויפט יעדן צו אַ שאָקאָלאַ־דאָווע וואַפלע און מיר זענען געבליבן אויפן צווייטן סעאַנס.

מיר האָבן געזען די זעלבע בילדער מיט מאַקס לינדערן. די זעלבע סצענעס און די זעלבע קונצן. דאָס מאָל האָב איך זיך שוין נישט געפילט אַזוי דערשראָקן און פאַרלוירן. אַלץ איז מיר שוין איצט געווען היימישער און אייגענער. עס איז געווען בלויז פרייד, אַזויפיל אייגענע קינדישע פרייד... אַגניעשקע איז די גאַנצע צייט געזעסן אַ פאַרוווּנדערטע. זי האָט זיך נישט געקאָנט אָפּוווּנדערן פון דעם, וואָס דאָס צווייטע מאָל איז אַלץ געווען אויפן בילד, ווי עס איז געווען דאָס ערשטע מאָל...

עס איז שוין געווען גענוג שפּעט אין אָוונט ווען מיר זענען געגאַנ־גען אַהיים. איך בין געווען זייער געהויבן ביי זיך. איך האָב זיך געפילט ווי איך וואָלט מיט אַמאָל עלטער און רייפער געוואָרן. עס איז אַריין אין מיר עפּעס אַ זעלבסטזיכערקייט, וואָס איך האָב ביז איצט נישט געפילט אין זיך. איך בין געגאַנגען איבער דער גאַס מיט דרייסטקייט און גע־מאַכט אַזעלכע ברייטע, „אילוזיאָנישע” באַוועגונגען.

ווען מיר זענען געקומען אַהיים זענען מיין און וויערעס מאַמע גע־שטאַנען אין פאָדער־הויז, צווישן די טירן פון אונדזערע שכנותדיקע וווינונגען, וועלכע זענען איצט געווען אָפן. זיי זענען געווען זייער באַ־אומרויקט. מיין מאַמע האָט אַגניעשקען גאָרנישט געזאָגט, אָבער וויערעס מאַמע האָט זיך אויף איר געבייזערט, וואָס זי האָט די קינדער אַזוי לאַנג געהאַלטן אין „אילוזיאָן”. אַגניעשקע האָט גאָרנישט געענטפערט. זי האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, האַלב־פאַרמאַכט אירע שיינע, העלע אויגן. פּלוצים האָב איך אין אירע האַלב־פאַרמאַכטע אויגן אויפגעכאַפּט אירס אַ געהיימען ווונק. כ׳האָב זיך באַלד געכאַפּט, אַז עפּעס דאַרף איך נישט דערציילן. ס׳איז פאַר מיר געוואָרן אין איין מינוט קלאָר, אַז איך דאַרף נישט דער־ציילן, אַז מיר זענען געזעסן צוויי מאָל אויף די זעלבע בילדער. מיר איז

געוועזן אַזוי ליב צו האָבן מיט אַגניעשקען אַ בשותפותדיקן סוד. איך האָב צו איר בליק געשמייכלט, איך האָב געשמייכלט מיטן גאַנצן פּנים. דאָס האָט איר אַזוי דייטלעך געזאָגט, אַז עס איז מיר אַזוי גוט, אַזוי שטאַרק גוט...

*

איינמאָל, אין אַ זונטיק, האָט אַגניעשקע מיטגענומען מיך און וויע־רען אויף אַ ווייטן שפּאַציר. מיר זענען אַדורכגעגאַנגען דעם „וואָינעם פּלאַץ", איבערגעגאַנגען איבער אַ בריק נעבן דעם ציטאַדעל. קיין יידן האָט מען שוין דאָרט אינגאַנצן נישט געזען. בלויז זעלנער מיט שיקסעס און איינצלנע גויים זענען געגאַנגען איבערן וועג. ווען מיר זענען שוין געהאַט אָפּגעגאַנגען אַ לאַנגע צייט און זיך דערנענטערט צו אַ וועלדל, איז אונדז אַנטקעגנגעקומען אַ טשערקעס און זיך שטאַרק דערפרייט מיט אַגניעשקען. איך האָב זיך די ערשטע מינוט פאַר אים דערשראָקן. ער איז געוועזן זייער הויך, אַ סך העכער פון דער הויכער אַגניעשקען. ער איז געוועזן שוואַרץ, פאַרברענט פון דער זון און געהאַט אַ פּאָר גרויסע טאָטע־רישע וואָנסעס. נישט געקוקט וואָס דער טאָג איז געווען אַ הייסער, האָט ער געטראָגן אויפן קאָפּ אַ גרויסע, הויכע פּאַפּאַכע און אויף די אַקסלען אַ שוואַרצע, דיקע וולאָכאַטענע פּעלערינע באַהאַנגען מיט מעסערס. ביי זיין לינקער זייט האָט אויף קייטעלעך נאָכגעהאָנגען אַ ניקלענע, בלאַנקע־דיקע שאַשקע (שווערד). ווען די זון האָט געבלענד און מען האָט געקוקט אויפן טשערקעס אַביסל פונדערווייטנס, האָט מען די קייטעלעך ביי דער זייט נישט אָנגעזען, און ס'האָט זיך אויסגעדאַכטן, אַז ווען דער טשערקעס גייט, טוט די שאַשקע פון זיך אַליין שווימען נעבן זיינע פיס.

פון שרעק פאַרן טשערקעס האָב איך אַגניעשקען אָנגעכאַפּט פעסט ביי דער האַנט. איך האָב אָבער געזען אַז וויערע האָט אינגאַנצן פאַר אים קיין מורא נישט און קוקט אויף אים ווי אויף אַן אַלטן באַקאַנטן. איז פון מיר אויך צו ביסלעך אַוועק די שרעק. אַגניעשקע האָט פאַר וויערען און פאַר מיר געקויפט צו קרענצלעך קליינטשיקע בייגעלעך, וואָס זענען גע־וועזן אַרויפגעצויגן אויף שטריקלעך. איך האָב אויך דאָס ערשטע מאָל אין

לעבן געטרונקען קוואַס. עס איז געוואָרן וואָס אַמאָל היימלעכער. מיר זענען אַריין אין וועלדל און זיך אויסגעזעצט אויף דער ערד אונטער אַ בוים.

דער טשערקעס האָט אָפּגעהעקלט די שאַשקע און מיר דערלויבט זי צו נעמען אין די הענט. ביסלעכווייז האָב איך זיך דערנענטערט צו זיין פּעלעריגע און פּאַמעלעך און זייער פּאָרזיכטיק, מיט די שפּיצן פינגער, אָנגעהויבן אָנרירן די גלאַנצנדיקע מעסערס. עס איז געוואָרן וואָס אַמאָל בעסער און היימישער. דער טשערקעס האָט זיך צוגעזעצט נענטער צו אַגניעשקען. ער האָט זי אַרומגענומען מיט זייןברייטן אָרעם. ער האָט זי אָנגעהויבן צו דריקן צו זיך און קושן.

יעדעס מאָל ווען דער טשערקעס האָט געקושט אַגניעשקען האָט וויערע הויך געלאַכט. איך האָב נישט געוווסט, אַז מען דאַרף לאַכן, נאָר געזען אַז וויערע לאַכט, האָב איך אויך געלאַכט. מיר האָבן אָנגעהויבן איבעריאָגן ווער עס לאַכט העכער. איך ווייס נישט צי דערפּאַר וואָס מיר האָבן אַזוי אָפט געלאַכט, האָט דער טשערקעס אַזוי אָפט געקושט אַגניעשקען, צי דערפּאַר ווייל ער, דער טשערקעס, האָט אַזוי אָפט געקושט, האָבן מיר אַזוי אָפט געלאַכט. דאָס קושן איז געוואָרן וואָס אַמאָל עפּטער און האַסטיקער. אַגניעשקע איז געזעסן אין איר העל, ברייט קלייד אינגאַנצן אַ באַנומענע. זי האָט זיך אַזוי האַלב געוויגט אין טשערקס׳ס אָרעם ווי אַ שיכורע. פון דעם דאָזיקן וויגן זיך האָבן מיר אויך מוראדיק געלאַכט. מיר האָבן געזען, אַז די גרויסע אַגניעשקע מאַכט עפּעס אַזעלכע באַוועגונגען ווי אַ קליין קינד. עס איז געווען פריילעך און לוסטיק, און מיטאַמאָל... נישטאָ אַגניעשקע, אויס אַגניעשקע...

פּלוצים האָב איך דערזען אַז איך בין געבליבן אייגער אַליין מיט וויערען און מיט אַ ליגנדיקן טשערקעס. מיר איז געוואָרן שרעקלעך. איך האָב זיך מראדיק דערשראָקן, טויט דערשראָקן. איך האָב נישט געוווסט, וואָס וועט מיט מיר איצט זיין. איך האָב אַרויסגעלאָזט פון זיך אַ פּאַרצווייפלט געשריי. איך האָב געשריגן ביז משוגעת. ווילדע קולות האָבן זיך געריסן פון מיר. מיר האָט אויך געשראָקן וויערעס גלייכגילטיקייט. זי איז געזעסן, אַזוי ווי ס׳וואָלט גאָרנישט געשען. זי האָט אויך נישט גע־



און זיך זייער דערפרייט מיט אַגניעשקען...

מאַכט די מינדעסטע באַוועגונג מיך צו באַרויקן, איר האָט נישט געאַרט אַז איך שריי, און איך האָב געשריגן מיט די לעצטע כוחות, איך האָב זיך געריסן פון שרעק און גרענעצלאָזער פאַרצווייפלונג. אינדעם האָב איך פון אונטער דער צעטשאַרכעטער טשופּרינע פון טשערקעס דערהערט אַגניעשקעס דערשטיקט קול: „חילעק, ניע בוי שיע, ניע בוי שיע. ניע קזשיטש, ניע קזשיטש. (חילעק, האָב נישט קיין מורא, שריי נישט)". עס איז פאַר מיר פּלוצים קלאָר געוואָרן, אַז אַגניעשקע לעבט נאָך, אַז זי איז דאָ. עס איז אויך געוואָרן פאַר מיר קלאָר, אַז איך מוז זי ראַטעווען, איך מוז זי אַרויסבאַקומען פון טשערקעס'ס הענט. איך בין צו אים צוגעפאַלן און מיט מיינע קליינע פויסטן אָבער מיט אַלע כוחות אים געקלאַפּט איבערן קאָפּ, געריסן ביים האַלדז, געדראַפּעט מיט די נעגל. דער טשערקעס האָט געשריגן: „וואָן, פאַרשיווי זשידיאָנאַק! אוביו! אוביו!" און אַגניעשקע האָט געשריגן: „אוספּאָקוי שיע, אוספּאָקוי שיע! ניע בוי שיע! ניע בוי שיע! ניע בוי שיע"! איך האָב אָבער אים נישט אָפּגעלאָזט, איך האָב אים געריסן און געקלאַפּט מיט אַלע כוחות. מיר האָט זיך געדאכטן, אַז דאָס דויערט אייביק, אַז דאָס וועט זיך קיינמאָל נישט ענדיקן. מיט־אַמאָל האָט דער טשערקעס אָפּגעלאָזט אַגניעשקען, ער האָט זיך אויפ־געשטעלט און איך האָב דערזען, אַז אַגניעשקע לעבט, איך האָב דער־פילט, אַז איך האָב זי אָפּגעראַטעוועט פון אַ זיכערן טויט.

ווען דער טשערקעס האָט זיך אויפגעשטעלט האָט ער זיך געוואָלט אויף מיר וואַרפן און מיך צערייסן. ער איז געווען פול מיט רציחה. אַגניעשקע האָט מיך פאַרשטעלט מיט זיך און נישט געלאָזט מיך אָנרירן. דער טשערקעס איז געוואָרן אין כעס אויף אַגניעשקען. ער האָט זיך צוגע־העקלט די שאַשקע, פאַריכט די פעלערינע, אָנגעטון די פּאַפּאַכע, זיך אפילו נישט געזעגנט מיט אַגניעשקען און אַוועקגעגאַנגען. אַוועקגייענדיק האָט ער זיך יעדע פאָר טריט אויסגעדרייט צו מיר, געשפּיגן אין מיין ריכטונג און אַרויסגעסיקעט ביי יעדן שפּיי: טפו, פּראָקליאַטי! טפו, פּראָקליאַטי!

אַגניעשקע איז מיטאַמאָל געוואָרן טרויעריק. איך האָב נישט געזען אין איר די מינדעסטע פרייד פון דעם, וואָס איך האָב איר אָפּגעראַטעוועט דאָס לעבן. אָן אַ וואָרט אַרויסצורעדן, זענען מיר געגאַנגען אַהיים. ווען

מיר זענען שוין געווען נאָענט פון דער היים איז אַגניעשקע מיט מיר אַריינגעגאַנגען אין אַ צוקער־וואַרג געוועלב, געקויפט אַ האַלב גלאָז סאָדע־וואַסער און מיט אַ נאָז־טיכל מיר אָפּגעוואַשן דאָס פּנים, וואָס איז געווען אײַנגעאַנצן פאַרוויינט. זי האָט מיר אויך אָנגעזאָגט, אַז איך זאָל קיינעם נישט דערציילן קיין וואָרט פון דעם וואָס איז געשען.

ווען איך בין אַהיימגעקומען בין איך געווען זייער אומעטיק. עפּעס איז מיר געווען סמוטנע. עס איז, זעט אויס, אַגניעשקען נישט געלונגען אינגאַנצן אָפּצוּוואַשן די שפּורן פון מיינע טרערן. די מאַמע האָט דאָס באַמערקט. זי האָט מיך אָנגעהויבן אויספרעגן, ווי אַזוי עס איז געווען אויפן שפּאַציר. אין אָנהויב האָב איך איר געענטפערט אָפּגעהאַקטע ווערטער, אַז עס איז געווען גאַנץ גוט, גאַנץ שיין. מען איז געגאַנגען, וויערע האָט געזונגען, מען האָט געגעסן בייגעלעך.

אָבער די מאַמע האָט געפילט, אַז דאָס איז נישט אַלץ, אַז עפּעס באַהאַלט איך פאַר איר. זי האָט אָנגעהויבן פרעגן גענויער: צי אַגניעשקע איז געווען מיט אונדז אַליין. צי האָט זי קיינעם אויפן וועג נישט געטראָפן. און דאָ איז מיר אָנגעפאַלן אַ ווילן זיך צו מאַכן וויכטיק, צו דערציילן עפּעס וועגן מיין העלדישקייט. נישט געקוקט אויף אַגניעשקעס אָנזאָג האָב איך דער מאַמען אַלץ דערציילט.

די מאַמע האָט אַלץ אויסגעהערט זייער אויפמערקזאַם און רויק. אָבער איך האָב נישט באַמערקט, אַז זי זאָל זיין שטאַרק אַנטציקט פון מיין העלדישקייט. מיך האָט דאָס זייער געוווּנדערט. איך בין געווען אַנטוישט.

פון דאַמאָלט אָן, ווי זייער איך האָב נישט געוואָלט, וויפל מאָל איך האָב די מאַמען נישט געבעטן, אָבער מער בין איך מיט אַגניעשקען קיינמאָל אינערגעץ שוין נישט געגאַנגען...

קאָמיוואָיאזשערן

אונדזער שכן וואָזניאַק, דער קאָמיוואָיאַזשער, האָט געהאַט אָפּגעצעדט מיט זיין פרוי, אַז אַ פּאָר טעג, איידער ער קערט זיך צוריק פון

אַ וויטער רייזע, וואָס האָט געדויערט עטלעכע חדשים, זאָל ער טעלעגראַ־פירן גענוי ווען און מיט וואָס פּאַראַ באַן ער קומט. איטלעכעס מאָל, ווען אַזאַ טעלעגראַמע איז געקומען, איז געוואָרן ביי די וואָזניאַקס אין שטוב, ווי ביי פרומע יידן ערב פּסח. כאָטש די שטובן זענען ביי זיי סיי־ווי־סיי געווען שטענדיק ריין און אויפגעפּוצט, האָט פונדעסטוועגן די וואָזניאַקאָווע איינגעשפּאַנט זיך און אַגניעשקען אין דער אַרבעט און אַלץ אויפגערוימט פון דאָס ניי. וולאַדעק, פּאַוועל דעם סטרוזש׳ס געהילף, האָט צוגעהאָלפן אַראָפּגעטראָגן אויפן הויף די געבעטע טיילן פון די פּלושענע קאַנאַפּעס, די שטולן און דיוואַנעס און צוזאַמען מיט אַגניעשקען פלעגן זיי דאָס אַלץ גוט אויסקלאַפּן. מען האָט אָפּגעשטויבט די גאַרדינען און די פּאָרטיערן. אפילו אין קוך האָט מען איבערגעפּוצט די קופּערנע ראָנדלעס און בראָטפּאַנען און די מעשענע שיסלען.

אַ פּאָר שעה איידער די באַן האָט באַדאַרפן קומען האָט די וואָזניאַ־קאָווע איבערגעטון די מיידלעך אין זייערע יום־טובדיקע קליידלעך. פּימאַ, וועלכער איז שוין געווען אַ שילער, האָט אָנגעטאָן זיין פּאַראַדנעם, שקאָל־נעם מונדיר — און זי פלעגט מיט זיי פאָרן צו דער באַן. אַהין זענען זיי געפאָרן מיט אַ טראַמוויי, אָבער צוריק פלעגן זיי שטענדיק קומען מיט אַ „דוווקאָנקע״, אַ ברייטע דראָזשקע אויף גומענע רעדער געשפּאַנט אין צוויי ברוינע אָדער קאַרע פערד. אין אַזעלכע דוווקאָנקעס פלעגן די קריסטלעכע איינוווינער פון דער פּאָקאָרנע פאָרן אין קאָשטשאָל אויף „כזשצינעס״. אויף דעם פאָדערשטן טייל פון דער דוווקאָנקע האָבן זיך אָוועקגעזעצט יונגע טאַטע־מאַמע און אויף זייערע שויסן איז געלעגן אַ פּיצעלע קינד אין אַ גרויס, לאַנג, ווייס קישן באַפּוצט מיט בלויע, אָדער ראָזאַ קאָקאַרדעס.

מיט אַזאַ דוווקאָנקע פלעגט וואָזניאַק מיט זיין פאַמיליע קומען פון דער באַן. אַ האַלבע גאַס קינדער האָבן זיך אַרומגעשטעלט אַרום די גע־קומענע. פּאַוועל אָדער זיין געהילף פלעגן באַלד אַרויסלויפן פון הויף און העלפן אַרויפטראָגן די גרויסע לעדערנע טשעמאָדאַנעס. מיין מאַמע האָט איין מאָל דעליקאַט געגעבן אָנצוהערן דער וואָזניאַקאָווע, אַז ס׳איז נישט יידיש צו פאָרן מיט אַ דוווקאָנקע. — אויב די וואַליזקעס און די קינדער

קאָנען זיך נישט פּאַמיעשטשען אין איין דאָראָזשקע, — האָט זי געזאָגט — איז שוין גלייכער נעמען צוויי דאָראָזשקעס אײדער איין דוווקאָנקע. די וואָזניאַקאָווע האָט זיך שטאַרק פֿאַרענטפֿערט פֿאַר מיין מאַמען. „וואָס זאָל איך טון — האָט זי געזאָגט — אַז אַלץ וואָס מיין מאַן טוט האָט ער ליב, אַז עס זאָל זיין מיט אַ קנאַק. זאָל איך זיך דען וועגן דעם מיט אים קריגן?" מיין מאַמען האָט אָנגענומען אַ רחמנות צו דער וואָזניאַקאָווע. מער האָט מיין מאַמע שוין וועגן דעם קיינמאָל נישט גערעדט. דאָס קומען פֿון דער באַן זענען דאָך געווען די איינצלנע, זעלטענע פֿאַלן, ווען מען האָט פּרוי וואָזניאַק געזען צוזאַמען מיטן מאַן, און קיינער האָט איר נישט געוואָלט צעשטערן דאָס ביסעלע שמחה.

איינמאָל, אַ וואָך נאָכדעם, ווי וואָזניאַק איז אַוועקגעפֿאָרן אויף אַ גאַר ווייטער נסיעה איז געקומען אַ טעלעגראַמע, אַז ער קומט צוריק. די וואָזניאַקאָווע איז אַ טויט־דערשראָקענע אַריינגעקומען צולויפֿן צו אונדז און געוויזן מיין מאַמען די טעלעגראַמע. ס׳איז אין דער דעפּעשע נישט געווען קיין שום אויפֿקלערונגען. ס׳איז דאָרט נישט געווען אָנגעגעבן קיין שום סיבה פֿאַרוואָס ער קומט, נאָר „איך קום מאָרגן, מיטוואָך, זעקס פֿאַרנאַכט". מיין מאַמע האָט געראָטן דער וואָזניאַקאָווע זי זאָל צולויפֿן צו מיין טאַטן אין קאַנטאָר אַריין. זי איז אַריין צו זיך, אָנגעטון איר לאַנגן שוואַרצן פּאַלטן, אַרומגענומען דעם קאָפּ מיט אַ שוואַרצן שאַל — און נישט אַרויסרעדנדיק צו די קינדער קיין וואָרט איז זי אַרויסגעלאָפֿן פֿון שטוב. אויף די קינדער איז באַלד געפֿאַלן אַ שרעק און אַ מרה־שחורה. זיי האָבן זיך אויסגעזעצט אין די ווינקעלעך און איינס צום צווייטן האָט נישט אַרויסגערעדט קיין וואָרט. אַמטרויעריקסטן איז דווקא געווען וויערע די „שמיעשקע", וואָס פֿלעגט אַלעמאָל לאַכן און אַנדערע מאַכן לאַכן. אירע לאַנגע וויעס זענען געווען אַראָפּגעלאָזן איבער די אויגן און ס׳האָט זיך אויסגעדאַכט ווי זי וואָלט געשלאָפֿן. אַגניעשקע איז אַרומגעגאַנגען איבער דער שטוב, זיך געבראָכן די הענט און גערעדט צו זיך: „יעזו קאָכאַני, מאַטקאָ שוויענטאַ, צאָ זאַ ניעשטשענשטשע, צאָ זאַ ניעשטשענשטשע!" מיטאַמאָל האָט זי זיך איבערגעצלמט, צוגעלאָפֿן צו יעדן קינד און יעדעס קינד איבערגעצלמט. פֿון דעם איבערצלמען האָבן זיך די קינדער

זייער דערשראָקן און אָניסגעבראָכן אין אַ גרויס געוויין. אפילו פּימאַ, וואָס איז שוין געווען אַ דערוואַקסן יינגל, האָט אויך זייער געוויינט.

ס'איז אָריינגעקומען מיין מאַמע. זי האָט אַריינגענומען די קינדער צו אונדז אין שטוב. מען האָט דערלאַנגט דעם „פּאָדוויעטשאָרעק" קאָקאַאָ אויף וואַסער און פראַנצויסקע קיכלעך. וואָזניאַקס קינדער האָבן דאָסמאָל געגעסן די קיכלעך מיט אַ זשעדנעקייט, וועלכע מען האָט קיינמאָל ביי זיי נישט באַמערקט. כאָטש דאָס אָפטע קומען באַרגן ביי מיין מאַמען געלט האָט אויסגעאַרבעט ביי זיי, דער עיקר ביי פּימען, אַ מין איבערגעטריבענע אַרטיקייט, אָבער דאָס מאָל האָבן זיי זיך פאַרהאַלטן מיט אַזאַ הכנעה'דיקן דרך־ארץ, אַזוי ווי זיי וואָלטן געפילט, אַז זיי זענען מיטאַמאָל אַראָפּ פון דער מדרגה, געוואָרן קינדער פון אַ נידעריקערן שטאַנד.

מען האָט שוין געהאַלטן ביים נאַכטמאָל, ווען אַגניעשקע איז געקומען זיי רופן און געזאָגט, אַז די מוטער זייערע איז שוין דאָ און הייסט די קינדער די רגע אַריינקומען אין שטוב. שפּעטער אַביסל איז געקומען דער טאַטע מיינער. ער איז געווען שטאַרק פאַרזאָרגט. ווען מיר זענען פאַרן גיין שלאָפן צוגעגאַנגען צום טאַטן געבן אים און דער מאַמען אַ קוש אין האַנט, האָט ער יעדעס קינד באַזונדער פאַרהאַלטן אַ לענגערע ווײַלע, געגלעט איבערן קעפּל און געקוקט אין די אויגן מיט אַזאַ צערטלעכקייט, אַז ס'האָט אונדז אַזש אָנגעהויבן צו שרעקן. ווען ס'איז געקומען צו מיר האָט מיך דער טאַטע געפרעגט צי איך האָב ערלעך געלייענט קרישמע (קריאת שמע). מיר האָט זיך אויסגעדאכטן, אַז דער טאַטע שעפּטשעט עפּעס אַ שפּרוך, וואָס זאָל אונדז אָפּהיטן פון אַלעם שלעכטן און בייזן.

צומאָרגנס פאַרנאַכט איז געקומען וואָזניאַק צו פאָרן. אָפּגעוואַרט ביי דער באַן האָט אים נאָר זיין פרוי. ער איז נישט געקומען דאָסמאָל מיט אַ דוווקאַנקע, נאָר מיט אַ געוויינטלעכער דראָזשקע. די וואַליזעס האָבן נישט אַרויפגעטראָגן פּאַוועל און נישט זיין געהילף וולאַדעק, נאָר אַגניעשקע. די זאַכן זיינע האָט מען אַריינגעטראָגן צו אים אין שטוב, אָבער וואָזניאַק אַליין איז נישט אַריין צו זיך, נאָר צו אונדז, אין מיין טאַטנס צימער. באַלד איז אויך אָנגעקומען מיין טאַטע, דערנאָך זענען געקומען נאָך מענטשן: יידן, פּאָליאַקן און רוסן. מען האָט גערעדט אַ סך. מען האָט

פון צייט צו צייט געשריגן. אונדזער דינסט־מיידל האָדעס האָט געהאַלטן אין איין טראָגן טאָצן מיט אָנגעשטעלטע אויף זיי גלעזער טיי. ווען מען האָט איר, נאָכדעם ווי זי האָט אָנגעקלאַפּט, געעפנט די טיר אין טאַטנס צימער אַריין, האָט זיך פון דאָרט אַרויסגעריסן אַ פאַרקנוילטע אַראָמאַטי־שע מאַסע פון פּאַפּיראָסן־ און ציגאַרן־רויך. אונדז, קינדער, האָט מען גע־האַלטן כמעט אָפּגעשלאָסן אין אונדזער קינדער־שטוב. אפילו קאַלאַציע האָבן מיר דעם אָוונט געגעסן אין קינדער־צימער. נאָר אין „עקסטרעמע פאַלן" — האָט מען אונדז פון דאָרט אַרויסגעלאָזט. די „עקסטרעמע פאַלן" האָבן זיך דעם אָוונט ביי אונדז זייער אָפט איבערגעחזרט, און ביי איינעם אַזאַ „פאַל" האָב איך דערהערט אַ פאַרשטיקט געשריי פון וואָזניאַקן: „פּאָגוביל וסיעך, וסיעך פּאָגוביל. אוביו סעביאַ, אוביו"! געענדיקט וואָס ער שרייט און וואָס מיינען זיינע ווערטער — האָב איך נישט פאַרשטאַנען. אָבער פון דער מוראדיקער פאַרצווייפלונג וואָס האָט זיך אַרויסגעהערט אין זיין שטימע, איז מיר אַ קעלט אַדורכגעלאָפן איבערן גאַנצן לייב.

כ'ווייס נישט ווי לאַנג וואָזניאַק און די פרעמדע מענטשן זענען ביי אונדז געווען. ס'איז דערווייל געוואָרן שפּעט און מיר האָבן געמוזט גיין שלאָפן. צומאָרגנס האָב איך נאָך געהערט ווי מיין מאַמע האָט געזאָגט צו האָדעסן „מען דאַרף האָבן גרויס ניסים, אַז וואָזניאַק זאָל זיך חלילה נישט אָנטון קיין מעשה".

אין אַ קורצער צייט אַרום האָבן זיך די וואָזניאַקס אַרויסגעצויגן פון אונדזער הויף. זיי האָבן גענומען ערגעץ־ווו אַ קלענערע דירה. אַגניעשקע איז פון זיי אָוועקגעגאַנגען. זי איז צוריקגעפאָרן אין דאָרף פונוואַנען זי האָט געשטאַמט, אין לאָמזשער געגנט. דאָרט האָט זיך אין איר פאַר־ליבט אַ רייכער פויער וואָס איז געוואָרן אַן אלמן. אַגניעשקע איז געוואָרן אַ גאָספּאָדיניע פון אַ פּאָר מאָרגעס אייגן פעלד, אַ חוץ בהמות. ווען זי איז געקומען קיין וואַרשע אָפּנעמען אירע זאַכן ביי די וואָזניאַקס, איז זי אַרויפגעקומען צו אונדז זיך געזעגענען און אונדז דאָס אַלץ דערציילט. מיינע שוועסטער, וועלכע האָבן מיט דער פרענקלווונע גראָד געהאַט דורכ־געמאַכט באָלעסלאַוו פּרוס'ס „פּלאַצוווקאַ", האָבן זיך שטאַרק געפרייט וואָס אַגניעשקע פאָרט צוריק אין דאָרף און גייט אויף אייגענער ערד. זיי האָבן

זיך מיט איר געקושט און געהאַלדזט. איך בין געשטאַנען פונדערוויטנס און נישט צוגעגאַנגען צו אַגניעשקען. זייט די מאַמע האָט מער נישט גע־לאָזט זי זאָל מיך מיטנעמען אַמאָל אויף אַ שפּאַציר — איז זי געווען אויף מיר אַנגעברוגזט. זי האָט זיך מן הסתם אָנגעשטויסן, אַז איך האָב דער מאַמען דערציילט וועגן דעם אַלעם וואָס איז דאַמאָלט געשען. איצט ווען זי האָט זיך שוין געהאַט מיט אַלע געזעגנט האָט זי זיך געוואָנדן צו מיר אַביסל מיט חוזק: „נאָ, קאַוואַלעזשע, פּשעפּראַשמי שיע". זי איז צוגע־גאַנגען צו מיר, אַרומגענומען מיט בײדע הענט מײנע באַקן, און מיך גע־קושט אין קאָפּ און אויפן שטערן. מיר איז געוואָרן באַנג און טרויעריק פון דעם, וואָס איך וועל זי שוין מער נישט זען.

עטלעכע מאָל זענען געקומען צו אונדז צו גאַסט סאָניע און וויערע. זיי זענען געקומען אַליין אָן פּימען. זיי האָבן זיך געהאַלטן זייער שטיל אָבער נישט פאַרלוירן. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז סאָניע איז נישט נאָר אויסערלעך געווען געראָטן אין איר מוטער, נאָר אויך געהאַט דעם זעלבן וואָס זי כאַראַקטער. זי האָט שנעל שלום געמאַכט מיט זייער נייער לאַגע, זיך נישט געקלאָגט אויף גאָרנישט, און נאָך מיט הומאָר דערציילט ווי אַזוי די קצב'טע, צו וועלכער די מוטער האָט איר געשיקט קויפן פלייש, האָט גע־מיינט, אַז זי איז אָנגעקומען צו די וואָזניאַקס ווי אַ שיקסל צו דינען, אויפן אָרט פון אַגניעשקען, און איר צוגעזאָגט, אַז אויב זי וועט כסדר קומען צו איר קויפן וועט זי איר געבן „קאָשיקאָווע". (די געוועלבניקעס פון שפּייז, דעליקאַטעסן און קצבים, וועלנדיק האָבן וואָס מער קונים האָבן זיך באַמיט אַריינצוציען צו זיך וואָס מער יידישע און נישט־יידישע דינסטן און צוגערעדט, אַז זיי זאָלן נאָר ביי זיי קויפן. דערפאַר פלעגן זיי געבן די דינסטן מתנות אָדער באַר־געלט. דאָס האָט זיך גערופן „קאָשיקאָווע". די געוועלבניקעס האָבן צווישן זיך קאָנקורירט און יעדער פון זיי האָט צו־געזאָגט בעסערע און טייערערע מתנות).

סאָניע האָט דערציילט וועגן דער נייער דירה, נייע שכנים, געווען גוט געשטימט און אַ סך גערעדט. וויערע דאַקעגן, וואָס האָט ליב געהאַט אַ סך רעדן און דער עיקר זינגען, איז געזעסן אַ שטילע, אַ שווייגנדיקע. נישט נאָר נישט געזונגען, נאָר אפילו קיין איין וואָרט נישט אַרויסגערעדט.

די מאַמע האָט זיך זייער מיט איר טרויעריקייט איבערגענומען. נישט געקוקט אויף דעם וואָס דאַמאָלט האָט מען מיך שוין נישט אַראָפּגעלאָזט זיך שפּילן אויפן הויף מיט די קינדער, האָט די מאַמע וועלנדיק אָנטון וויערען אביסל פאַרגעניגן, מיר געהייסן מיט איר אַראָפּגיין אַביסל אויפן הויף. דאָרט האָבן מיר געטראָפן משה׳לען דעם באַוואָרניקס יינגעלע און נאָך עטלעכע קינדער זיך שפּילן. איך האָב געפרעגט משה׳לען „וו׳ צאָ ווי שיע באַוויטשע״ (אין וואָס שפּילט איר זיך?). האָט ער מיר געענטפערט: „וו׳ מוישע טשאַרנע געלודע״. וו׳ צאָ? האָב איך אים איבערגעפרעגט. „יוזש פּאָוויעדזשיאַלעם״, האָט ער געענטפערט, „וו׳ מוישע טשארנע געלודע״. ערשט דאַן האָב איך זיך געכאַפּט, אַז ער מיינט די שפּיל: „בויטשע שיע טשאַרנעגאָ לודא״. איך האָב זייער געלאַכט, וויערע האָט אויך אַ שמייכל געטון. אָבער פון דער שפּיל מיט זיי איז גאָרנישט אַרויסגעקומען.

אַ צוויי, דריי מאָל איז סאָניע ביי אונדז געווען מיט וויערען. דערנאָך האָבן זיי אינגאַנצן אויפגעהערט קומען.

*

דאָס איז געווען אין דער צייט ווען אין רוסיש-פּוילן, דער עיקר אין דער שטאָט לאָדזש, האָט זיך אַנטוויקלט אַ גרויסע מאַנופאַקטור-אינדוסטריע. יידישע איניציאַטיוו, פלייס און ענערגיע האָבן אויפגעהויבן איבער דער שטאָט און אומגעגנט אַ וואַלד מיט הויכע, פון רויטן ציגל געמויערטע, קוימענס, פאַרענדיקטע אין דער הויך מיט בליץ-אָפּלייטערס ווי אויסרוף-צייכנס. איבערן לאָדזשער הימל האָבן זיך כסדר געטראָגן צונויפגעקנוילטע, שוואַרצע וואָלקנס רויך, און אונטן איבער די גאַסן, האָבן געדונערט מיט אייזערנע רעדער הויכע ראָל-וועגענער באַלאָדענע מיט סחורות. ווען אין די פאַרנאַכטיקע שעהען האָט זיך דערהערט דער שפּיציקער פייף פון צענדליקער פאַבריק-סירענעס, האָבן זיך פון געעפנטע אייזערנע טויערן אַרויסגעשיט טויזנטער אַרבעטער און אַרבעטערינס. די אַרבעטער זענען געגאַנגען פאַמעלעך און פאַרטראַכט, אָפט געפירט צווישן זיך ערנסטע שמועסן, און די אַרבעטערינס, וואָס האָבן געטראָגן וואָלענע אָדער באַוועלנע טיכלעך אויף די פּלייצעס און געהאַלטן קליינע שטרויענע

קוישלעך אין די הענט, האָבן זיך מיט פּאַרמאַטערטע אָבער שנעלע טריט געאײַלט אין זייערע אָרעמע היימען. שפּעטער זענען פון די זעלבע טויערן אַרויסגעפאָרן הונדערטער וועגענער באַלאָדענע מיט פאַרשידענע סחורות, וואָס מען האָט געשיקט אין דער ברייטער און רייכער וועלט אַריין.

דאַמאָלט זענען ליטוואַקעס־וואָיאַזשאָרן געפאָרן מיט קאָלעקציעס פון די פאַרשידענע מאַנופאַקטור־סחורות אין די ווייטסטע געגנטן פון רוסלאַנד, זוכנדיק אָפּזאַץ־מערק פאַר דער לאָדזשער פּראָדוקציע. זיי האָבן אָנגעשפּאַרט אַזש אין סיביר און אין נאָך ווייטערן מזרח. זיי זענען געפאָרן מיט באַן, מיט שיפן און הונדערטער וויאָרסט מיט אָקס, מיטפירנדיק מיט זיך גרויסע, געלע, לעדערנע טשעמאָדאַנעס, און בלויע טשייניקעס אויף טיי. אויף די גרעסערע סטאַציעס פלעגן זיי אָנצאַפּן פולע טשייניקעס מיט „קיפּיאַטאָק”. דערנאָך, ווען זיי זענען שוין געזעסן צוריק אין די וואַגאָנען, האָבן זיי אַרויסגענומען פּעקלעך קוזניעצאָווס, צי וויסאָצקיס טיי, אַרײַנגעשיט אַביסל אין טשייניק, אין זיין „מויל” אַרײַנגעזעצט א זייערל, זיך געגאָסן די טיי אין גלעזער, געגעסן ברויט מיט האַרטן יעגערישן קאָלבאַס און פאַרטרונקען מיט אַ צען פופצן גלעזער טיי אויף אַ מאָל.

אויף די באַנען האָבן זיך באַוויזן קאָרטן־שפּילערס.

קאָרטן־שפּילערס

די קאָמיוואָיאַזשאָרן וואָס זענען געפאָרן מיט ווייטע באַנען אין טיף רוסלאַנד זענען אַלע געווען „ליטוואַקעס”. די לאָדזשער און אַנדערע פאַבריקאַנטן האָבן זיי גערן אַנגאַזשירט אויף די דאָזיקע פּאָסטנס, ווייל זיי האָבן געקענט גוט רוסיש, געקענט רוסלאַנד און געוווסט ווי אַזוי מען דאַרף רעדן און „נעמען” אַ רוסישן מענטש. זיי זענען אַלע געווען פרייע מענטשן, נישט געהאַט קיין שום פאַראורטיילן, נישט געהאַלטן פון קיין זאַבאַבאָנעס, געווען דרייסט און ליב געהאַט פריילעכע שטיק. געווען אונטערנעמעריש און פול מיט פאַנטאַזיע. זיי האָבן גערן געהאַט דאָס פאָרן

מיט באַנען און מיט פּאָטשטאָווע וועגענער און הנאה געהאַט פון ווינען אין האָטעלן. זיי זענען געווען גרויסע ווילצלער, אויסגעצייכנטע שמועסער און פאַרביקע דערציילער.

זיי האָבן אויך ליב געהאַט אויפן וועג אַריינצוכאַפּן אַ קאָרטל. ווען ס'האָט זיך געמאַכט, אַז אין איין וואַגאָן זענען געפאָרן צוויי קאָמי־וואָיאַזשאָרן, פלעגן זיי שפּילן אין אַ „טויזנט" אָדער אין אַ „זעקס און־זעכציק". אָבער געוויינטלעך פלעגן זיי אויסמיידן איינער דעם צווייטן. איינער האָט נישט געוואָלט, אַז דער צווייטער זאָל וויסן וואַהין און מיט וואָס ער פאָרט. פלעגן זיי אַממייסטן פאָרן באַזונדער. דאָס האָבן אויסגע־נוצט פּיפּיקע, פּראָפעסיאָנעלע קאָרטן־שפּילער און פלעגן אַריינציען די קאָמיוואָיאַזשאָרן אין זייער נעץ.

אויף קליינע סטאַציעס, אונטער גרויסע, גובערניאַלע שטעט, ווו ס'האָבן געוווינט „פּאַביטניקעס", פאַרשיקטע, פלעגן זיך אַרויפזעצן אויף דער באַן אַ צוויי, דריי מענטשן, טאַקע פון די פּאַביטניקעס אַליין (קרי־מינעלע פאַרברעכער, וואָס זענען שוין אָפּגעקומען זייערע שטראָפן האָבן געמעגט ווינען נאָר אין קליינע שטעטלעך, ווו זיי האָבן זיך געפונען אונ־טער פּאָליצייאישער אויפזיכט). זיי האָבן זיך שטענדיק אויסגעזוכט אַן אָרט אין וואַגאָן ווו ס'איז געזעסן אַ קאָמיוואָיאַזשאָר, וועלכן זיי האָבן שוין דער־קענט לויט זיין הילוך און אויסזען, לויט זיין אָפּגעברענט, ברוין פּנים, מידע פון נישט דערשלאָפן אויגן און לויט זיין פליסיקן רוסיש. זייענדיק זייער העפלעך, בעטנדיק פריער אַ דערלויבניש, האָבן די אַרויפגעקומענע זיך אַוועקגעזעצט נעבן אים פירנדיק צווישן זיך אַ געשפּרעך אויפן קול. דאָס געשפּרעך איז שטענדיק געווען פון דעם מין, וואָס האָט געהאַט אַן אַלגעמיינעם אינטערעס, און יעדער וואָס האָט געהערט וועגן וואָס זיי רעדן, האָט געהאַט זיין מיינונג אין דעם ענין און געהאַט וואָס צו זאָגן. ס'האָט זיך דעריבער זייער שנעל פאַרוויקלט אַ שמועס. די אַרויפגעקומענע האָבן זיך צוגעהערט צו יעדנס מיינונג מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט. נישט אָפּאָנירט, אָבער אויך קיינמאָל נישט מסכים געווען, אַזוי אַז דער שמועס זאָל זיך קייקלען און נישט מוזן ווערן איבערגעריסן. אַז דער שמועס האָט זיך שוין געהאַט פאַרצויגן אַ לענגערע צייט האָט איינער פון

די אַרויפגעקומענע פאַרגעלייגט דעם צווייטן שפּילן אַ „זעקס־און־זעכציק". זיי האָבן געשפּילט זייער געמיטלעך, פּאַמעלעך, באַטראַכט, עלעגאַנט און געווען דאַביי זייער וויציק, פול מיט פיינעם הומאָר. זיי האָבן קיינעם נישט געשטערט צו קיבעצן אפילו זיך צוגעהערט צו אַ קיבעצערס אַ באַמער־קונג. אָבער אַממייסטן אויפמערקזאַם און מיט דער גרעסטער העפלעכקייט האָבן זיי זיך צוגעהערט צו דעם וואָיאַזשאָרס באַמערקונגען. זייער העפ־לעכקייט און פיינקייט ביים שפּילן, זייער צוהערן זיך צו זיינע באַמערקונ־גען — האָט דעם וואָיאַזשאָר אינגאַנצן אַרויסגעפירט פון זיך. ער האָט געוווּסט, אַז ער דאַרף אויף דער באַן מיט קיין פרעמדע מענטשן נישט שפּילן אין קאָרטן, נאָר זיין וויסן איז ערגעץ ווו מיטאַמאָל פאַרשטופּט געוואָרן אין אַ טונקל ווינקל פון זיין באַוווּסטזיין, און פון דאָרט אים גע־שראָקן. און מאָדנע, צוזאַמען מיט דער שרעק איז אין אים געוואַקסן אַ שטאַרקער ווילן, אַ געוואַלטיקער חשק. פון דעם מאָמענט אָן, ווען זיין העל קלאָר וויסן און פאַרשטיין, אַז ער דאַרף נישט שפּילן איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שרעק, פון דער זעלבער רגע האָט אים פאַרגאַסן אַ ווילדע ליידנשאַפט צו טון דאָס, וואָס מען טאָר נישט. ער האָט כמעט שוין נישט געקאָנט איינזיצן, אינגאַנצן געציטערט פון אומרויקייט. ער האָט זייער שטיל, ווי מיט א געבעט געפרעגט צי ער וואָלט אפשר געקאָנט אָנטייל נעמען אין דער שפּיל. זיי האָבן זיך צוערשט געמאַכט נישט הערן, וואָס ער רעדט. אָבער ווען ער האָט איבערגעחזרט זיין בקשה, האָבן זיי אים זייער רויק דערקלערט, — אַז ווי נאָר זיי וועלן ענדיקן די פּאַרטיע וועלן זיי זען זיין ביטע אָנטקעגן צו קומען. ווען זיי האָבן געענדיקט, האָבן זיי אים געפרעגט אין וואָס ער וויל שפּילן. אין „זעקס־און־זעכציק" אין דריי הענט איז פּאַר זיי נישט קיין באַקוועמע שפּיל, האָבן זיי דערקלערט. אימי־צער פון זיי האָט שטיל פאָרגעלייגט אַן „אָקע". ער האָט אָנגענומען. מען האָט שנעל טאַלירט די קאָרטן. מען האָט זיי נאָך שנעלער געוואָרפן, און פלוצים האָבן פּאַפּירלעך (פּאַפּירן געלט) אָנגעהויבן פליען פון האַנט צו האַנט. אין אָנהויב איז דעם וואָיאַזשאָר געגאַנגען אויסערגעוויינטלעך גוט, די קאָרט האָט אים צוגעשפּילט. ער האָט געשאַרט דאָס געלט צו זיך. שפּע־טער אַביסל איז עס שוין געגאַנגען פאַרשידן, אַמאָל האָט ער געוווּנען און

אַמאָל אימיצער פון די אַרויסגעקומענע. אָבער קיינער האָט נישט באַמערקט דעם עיקר, קיינער האָט נישט דערזען ווען מען איז פון דער נישט געפּערלעכער „אָקע״ איבערגעגאַנגען אין אַ האַזאַרד שפּיל אין „דריי קאָרטן״. דאָ האָט שוין די שפּיל לאַנג נישט געדויערט. אין געציילטע צען מינוט איז דער וואַיאַזשאָר געווען איינגעגאַנצן אַ פאַרשפּילטער...

ווען מען האָט אים שפּעטער געפרעגט, ווען פון די שפּילערס איז שוין קיין זכר נישט געווען, ווי אַזוי איז דאָס געשען, אַז זיי האָבן אָנגעהויבן שפּילן אין „דריי קאָרטן״, האָט ער נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן. ער האָט זיך נישט געקאָנט דערמאָנען, אַז ער זאָל האָבן מסכים געווען צו שפּילן אין דער דאָזיקער געפערלעכער האַזאַרד־שפּיל...

*

דאָסמאָל זענען אויף אַ קליינער סטאַציע איינגעשטיגן אין דער באַן צוויי מענער און אַ פרוי. די מענער זענען געווען פון מיטעלן עלטער. ס׳איז געווען ווינטער־צייט. איינער פון זיי האָט געטראָגן אַ טייערן פעלץ און אַ הויך קאַראַקולן היטל אויפן קאָפּ. דער צווייטער איז געווען באַשיידענער אָנגעטון, אָבער אויך עלעגאַנט. ער איז געגאַנגען אין אַ טונקעלן ענגלישן פּאַלטן און אויפן קאָפּ אַ קיילעכדיק פּאָקן היטל. די פרוי איז געווען נאָך גאָר אַ יונגע. זי האָט געטראָגן אַ לאַנג קאַראַקולן פוטער, הויכע לאַקירטע שטיוועלעך אויף די פיס, און אַ קליין היטעלע, קאָמבינירט פון קאַראַקול און טוך, פון אונטער וועלכן ס׳האָט זיך אַרויסגעריסן צ העלער לאָק און זיך געלייגט אויף איר ווייסן שטערן. די יונגע פרוי האָט מיט איר שיינקייט און רייכן אָנטון געצויגן אויף זיך אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט. זי איז געווען זייער קאַפּריזנע. ס׳האָט גענוג לאַנג געדויערט ביז וואַנען זי האָט זיך דעצידירט וועלכעס אָרט צו נעמען פאַר זיך. ס׳האָט אויסגעזען ווי זי וואָלט נישט געווען צופרידן פון דעם, וואָס אירע פּאַרטנערן פאָרן מיט איר אין דער דריטער קלאַס. זי איז געזעסן פאַרטראַכט און צו קיינעם נישט אַרויסגערעדט קיין וואָרט. ווען זיי זענען אָפּגעפאָרן אַ שטיקל צייט האָט איינער פון די מענער אַרויסגענומען אַ טאַליע קאָרטן און פאָרגעלייגט זיין חבר צו שפּילן. יענער איז באַלד

אויף דעם איינגעגאַנגען. די פרוי האָט זיך שטאַרק אַנטקעגנגעשטעלט. זי האָט געבעטן ביי דעם, וועמען דער חבר האָט פאָרגעלייגט צו שפּילן, ער זאָל דאָס בשום אופן נישט טון. פון דעם אַרט ווענדן זיך צו דעם מענטש, האָט מען זיך אָנגעשטויסן אַז דאָס איז איר מאַן. זי איז פּשוט צוגעשטאַנען צו אים ער זאָל נישט שפּילן. זי האָט אים אָפּגערעדט דערפון. ווען דאָס האָט נישט געהאָלפן, האָט זי אים געדראָט, אַז זי וועט אויף דער נאָנטסטער סטאַנציע אַראָפּ פון דער באַן. לסוף איז זי אויסגעבראָכן אין אַ געוויין.

דאָס אַלץ האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפן און די צוויי מענער האָבן זיך געשמאַק אַריינגעלאָזט אין דעם קאָרטן־שפּיל. דאַמאָלט האָט די פרוי איינגעטוליעט איר פּנים אין קאָלנער פון קאַראַקול־פוטער און געבליבן זיצן אַן אָנגעברוגזטע.

די דאָזיקע פאַמיליע־מחלוקה האָט צוגעגעבן דער שפּיל אַן אַטמאָס־פער פון געשפּאַנטקייט. ס׳איז פּלוצים פון אַן ענין צווישן מאַן און ווייב געוואָרן אַן אַלגעמיינע זאַך. ס׳האָבן זיך צווישן די פּאַסאַזשירן געפונען אַזעלכע, וואָס האָבן געהאַלטן פאַר מעגלעך און נאַטירלעך זיך אַריינצומישן אין דעם קאָנפליקט. דער באַן־וואַגאָן, אָט די באַוועגלעכע שטוב פאַר אַ צענדליק מענטשן, ווו מען ווערט שנעל היימיש, ווו יעדער זעט וואָס דער אַנדערער טוט, ווו מענטשן, וואָס האָבן זיך פריער קיינמאָל אין לעבן נישט געזען און וועלן זיך שוין מער קיינמאָל נישט זען, ווערן אין אַ געוויסן זין אָפּהענגיק איינער פון צווייטן, דאָס אַלץ מאַכט, אַז יעדע געשעעניש אין וואַגאָן ווערט ווי עפּעס בשותפותדיקס. געוויסע פּאַסאַ־זשירן, דער עיקר מענער, האָבן פאַרגעהאַלטן דער פרוי פאַרוואָס זי קרעמפּירט אַזוי איר מאַן און שטערט אים צו האָבן פאַרגעניגן און צו פאַרברענגען אַביסל אין שפּיל אין קאָרטן בשעת דער לאַנגווייליקער באַן־נסיעה. די דאָזיקע פאַמיליע־סצענע, וואָס האָט אַריינגעבראַכט אין דער באַן אַטמאָספער אַ שפּאַר ביסל געררייצטקייט האָט אָבער דער שפּיל גופא צוגעגעבן אַן אומשולדיקן כאַראַקטער. אין דעם ברוינעם, פול מיט פּאַ־פּיראָסן־רויך וואַגאָן האָבן זיך געיאָוועט קיביצער. מען האָט זיך אָנגעהויבן אַריינצומישן אין דער שפּיל. די אַטמאָספער איז געוואָרן וואַרעמער,

אָנגעצונדענער. אינעם טונקעלן וואַגאָן איז אַריין עפּעס אַן אויפגערוימטקייט, אַן אויפגעלייגטקייט. די פּאַסאַזשירן האָבן פאַרויכערט פּאַפּיראָסן און דער גאַנצער וואַגאָן האָט ווי מיטגעשפּילט די זייער סאָלידע שפּיל „זעקס־און־זעכציק אָן רופן". די שפּילער זענען געווען זייער צופעלאָזן און נישט געשטערט זיך אַריינצומישן, זיי האָבן געענטפערט די קיביצער אויף אַלע פראַגעס און זיך אַפילו פאַרענטפערט ווען עמיצער פון די קיביצער האָט זיי פאַרגעוואָרפן פושעריי.

צווישן די פּאַסאַזשירן, וואָס האָבן געמאַכט פאָרווורפן דער פרוי פאַרוואָס זי שטערט איר מאַן שפּילן איז געווען איינער וואָס האָט עס גענומען זייער ערנסט. אים איז די זאַך אַזוי אָנגעגאַנגען, אַזוי ווי זי וואָלט געווען זיין אייגענע. ער איז געווען אויסער זיך און זיך קוים געקאָנט באַהערשן. ער האָט אין שאַרפע ווערטער געטאַדלט די פרוי פאַר איר האַנדלונג און זיך קוים צוריקגעהאַלטן זי נישט צו באַליידיקן.

דער איינער איז געווען וואָזניאַק.

*

וואָזניאַק איז אַזוי נישט געווען געוווינט, אַז זיין פרוי זאָל זיך אַריינמישן אין דעם וואָס ער טוט, אַז די סצענע צווישן מאַן און ווייב, איר צודרינגלעכקייט, איר באַפעלערישער טאָן און איר געוויין, האָט אים אינגאַנצן אַרויסגעפירט פון גלייכגעוויכט. ער האָט נישט געזען דאָס, אַז דער מאַן איז שוין אין די מיטעלע יאָרן, און זי, די פרוי איז יונג און שיין. ער האָט פאַר אירע קאַפּריזן נישט געפונען די מינדעסטע מילדערנדיקע אומשטענדן. ער האָט אין איר האַלטונג געזען נאָר אַ פאַרלעצונג פון מענער־שטאַנד, ער האָט נאָר געזען, אַז דער כבוד און די פרייהייט פון מאַן זענען אָנגערירט געוואָרן, און גרייט געווען אַרויסצוגעבן אויף דער פרוי דעם האַרבסטן פּסק, ווען דאָס וואָלט זיך נאָר געוואָנדן אין אים.

און בכדי אונטערצושטרייכן זיין עמפּערונג פון דער פרויס האַלטונג, בכדי צוצוגעבן מוט די מענער, וואָס האָבן קנאַפּ רעאַגירט אויף אירע ווענדונגען און געוויין, האָט ער, וואָס האָט קיינמאָל אין זיין לאַנגער וואַיאַזשאָרן־קאַריערע נישט געשפּילט אין דער באַן אין קאָרטן, ער, וואָס

האָט זיך אויסגעהיטן אַפילו צו שפּילן מיט אַ חבר אין וועג, ער איז איצט צוגעגאַנגען צו די צוויי שפּילערס און העפלעך געפרעגט צו זיי וואָלטן אים נישט דערלויבט מיטצושפּילן.

עטלעכע פּאַסאַזשירן, פון די קיביצער, האָבן שוין געהאַט אויסגעדריקט זייער ווילן אָנטייל צו נעמען אין דער שפּיל. די שפּילערס האָבן זיך אָדער נישט געמאַכט הערן די ווענדונגען, אָדער זיי העפלעך אָפּגעוואָרפן. נאָר צו וואָזניאַקס ביטע האָבן זיי זיך צוגעהערט. ס'האָט אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן זיך אים געוואָלט רעוואַנזשירן פאַר זיין אַריינמישן זיך אין דעם שטרייט מיט דער פּרוי לטובת זיי. עפּעס האָבן זיי געהאַט צו אים אַ ספּעציעלע סימפּאַטיע. זיי האָבן פאַרענדיקט זייער אָנגעהויבענע פּאַרטיע און די שפּיל האָט זיך אָנגעהויבן.

אויב אין אָנהויב איז די שפּיל צווישן די צוויי געווען אַן אינטערעסאַנטע, אָבער אַ געלאַסענע, אויב מען האָט ביז איצט געשפּילט אַ טאָלידן „זעקס און זעכציק", איז זי איצט, ווען וואָזניאַק האָט זיך צו זיי צוגעזעצט, איבערגעגאַנגען אין אַ שפּיל אין „אָקע". זי איז געוואָרן וואָס אַמאָל אומרויקער און האַסטיקער. און נישט באַמערקבאַר פאַר קיינעם איז זי איבערגעגאַנגען אין דער געפערלעכער שפּיל אין „דריי קאָרטן".

ס'האָבן אַ בליאַסק געטון אין די הענט בלויע פינפער־רובלס. וואָזניאַקן איז די קאָרט געגאַנגען אויסערגעוויינטלעך גוט. ער האָט געהאַלטן אין איין געווינען. פּלוצים האָט זיך דאָס מזל געביטן. די פינף־רובלדיקע באַנקנאָטן האָבן זיך שנעל אַרויסגעגליטשט פון זיינע הענט. ער האָט מיט אַ נערוועזער באַוועגונג געעפנט זיין לעדערנעם טייסטער און ס'האָט זיך באַוויזן דאָס דיקע פּנים מיט דער בלאָנדער באָרד פון אַלעקסאַנדער דעם דריטן אויף די פינף און צוואַנציק רובלדיקע באַנקנאָטן. זיי זענען אויך שנעל פאַרשוווּנדן. שוין אַ האַלב פאַרטשאַדעטער פון שרעק און האַזאַרד האָט וואָזניאַק ווידער געעפנט דעם טייסטער און דאָס מאָל האָבן אַ בלענד געטון ווייסע הונדערט־רובלדיקע יעקאַטערינקעס. ס'האָט געדויערט בסך־הכל עטלעכע געציילטע מינוטן און וואָזניאַק האָט געהאַט פאַרשפּילט זיין גאַנץ געלט, ביז דער לעצטער קאָפּיקע. ער האָט זיך געוואָלט ראַטעווען. ער האָט שנעל אַראָפּגעצויגן פון פינגער דעם ברי־

לאַנטענעם רינג, אַרויסגענומען פון קראַוואַט די גאָלדענע שפּילקע מיט אַן עכטער פּערל און אין געציילטע מינוטן איז דאָס אַלץ פאַרשווינדן פון זיינע הענט.

דער עולם קיביצער איז געבליבן שטיין אַ פאַרציטערטער. זיי זענען געוואָרן ווי אָפּגענומענע פון דעם, וואָס זייערע אויגן האָבן צוגעזען, עפּעס אַ פאַרבלענדעניש איז אויף זיי געקומען און זיי האָבן גאָרנישט געטון בכדי איבערצורייסן די שרעקלעכע שפּיל. נאָר מיטאַמאָל האָבן זיי זיך געכאַפּט. זיי האָבן אָנגעהויבן מורמלען. אימיצער האָט געלאָזט פאַלן אַ הויך וואָרט, אַז דאָ געשעט עפּעס אַ מוראדיקער שווינדל. ס'איז געוואָרן אַ סקאַנדאַל. די יונגע שיינע פרוי, וואָס איז אַרויפגעקומען צוזאַמען מיט די שפּילערס האָט באַקומען אַ היסטעריקע. ס'האָט זיך געיאַוועט דער קאָנדוקטאָר און געדראָט מיט זשאַנדאַמעריע. אין דעם אַנטשטאַנענעם טומל זענען די שפּילערס מיט דער פרוי אַרויס פונעם וואַגאָן. די באַן האָט זיך פּלוצים אָפּגעשטעלט נעבן אַ וועלדל, און די שפּילערס זענען נעלם געוואָרן.

ערשט דאַמאָלט, ווען פון די שפּילערס איז שוין קיין זכר נישט געווען, האָט זיך באַוויזן אַ הויכער זשאַנדאַרם מיט גרויסע, געלע וואָנסן, אין אַ גרינעם מונדיר, מיט געלע געפלאָכטענע בענדער, וואָס זענען אַרויס פון אונטערן לינקן עפּאָלעט און זיך פאַרענדיקט אויף זיין ברייטער ברוסט מיט אַ סך פייפערלעך. ער האָט געטראָגן אַ פּאָר הויכע, שוואַרצע, אויס־געפּוצטע אויף גלאַנץ שטיוול און ביי דער לינקער זייט אַ שווערד אין אַ ניקלענער שייד.

דער זשאַנדאַרם האָט זיך אָנגעוואָרפן מיט אַ רעש און געפילדער אויף דעם כמעט באַוווסטלאָזן פון צער און שרעק וואָזניאַקן. דער לעצטער האָט נאָך געמוזט לייקענען, אַז ער האָט פאַרשפּילט געלט. ער האָט געמוזט לייקענען, אַז ער האָט בכלל געשפּילט אין קאָרטן. דער עולם וואָס איז געפאָרן אין וואַגאָן האָט צוגעהאָלפן דעם אומגליקלעכן פאַרשפּילטן און געטענהעט פאַרן זשאַנדאַרם, אַז קיינער איז דאָ נישט געווען און קיינער האָט דאָ נישט געשפּילט. אָבער דער זשאַנדאַרם האָט זיך געהאַלטן ביי כ'זייניקע. „איך ווייס שוין גוט ווער עס האָט געשפּילט", האָט ער געשריגן.

דער סוף איז געווען, אַז אַזוי ווי וואָזניאַק האָט נישט געהאַט קיין געלט זיך אויסצוקויפן ביים זשאַנדאַרם, האָט דער לעצטער צוגענומען ביי אים דעם פּאַספּאָרט, צונויפגעשטעלט אַ פּראָטאָקאָל און געדראָט מיט דריי חדשים טורמע פאַר שפּילן אין האַזאַרד אויף אַן עפנטלעך אָרט.

אויף דער נאָענטסטער סטאַציע איז וואָזניאַק אַרויסגעשטיגן פון דער באַן. ער האָט נישט געהאַט קיין געלט ווייטער צו פאָרן. ער איז פאַרפאָרן אין אַ קליין האָטעלעכל און פון דאַנען געגעבן אַ טעלעגראַמע אין זיין פירמע, אַז ס'איז אים געשען אַן אומגליק און ער בעט אים צושיקן געלט בכדי ווייטער פאָרצוזעצן די רייזע. אָבער אַנשטאָט צו שיקן אים געלט צו פאָרן ווייטער, האָט ער באַקומען טעלעגראַפיש געלט אויף פאָרן... צוריק.

דאַמאָלט האָט ער דאָס טעלעגראַפירט צו זיין פרוי, אַז ער קומט. דאַמאָלט איז ער דאָס פאַרפאָרן צו אונדז. ס'זענען געקומען דער פּראָקו־רענט און אָנגעשטעלטע פון דער פירמע אין וועלכער ער האָט געאַרבעט און נישט געקוקט אויף די געוויינען און געבעטן, האָבן זיי מבטל געמאַכט דעם אָפּמאַך צווישן דער פירמע און וואָזניאַקן. ער האָט פאַרלוירן זיין שטעלע און זיין ברויט.

דער פאַל וואָזניאַק איז שנעל באַוווסט געוואָרן צווישן די פאַברי־קאַנטן און גרויסע סוחרים. ווייל מען האָט אים געהאַלטן פאַר אַ מענטש אויף וועלכן מען קאָן זיך לגמרי פאַרלאָזן, האָט דאָס געשעעניש מיט אים געמאַכט אַזאַ שווערן רושם און שנעל און אומעטום באַוווסט געוואָרן. טראָץ אַלע באַמיאונגען פון זיינע גוטע פריינט, טראָץ דעם וואָס מען האָט געוואָלט פאַר אים באַלייגן אַ גרויסע קויציע, איז שוין נישט געלונגען צו באַקומען פאַר אים אַ פּאָסטן פון אַ קאָמיוואָיאַזשער.

האָדעסעס אַוועקגיין און בראָודעס גאַסט

אויפֿן דריטן שטאָק פֿון פּראָנט האָט געוווינט די משפּחה פֿון דעם ייִנגעלע מיט די לאַנגע האָר, וואָס האָט שפּעטער צעבראָכן אַ פֿוס. כ׳האָב געזען בלויז זיין פֿאָטער. ער האָט גאָרנישט אויסגעקוקט ווי אַ ליטוואַק, נאָר ווי אַ רייכער פּוילישער פּריץ. געהאַט אַ פֿול פּנים און אַ שיינע, געדיכטע, טונקל־בלאָנדע באָרד. אַ טיראָלער קאַפּעלוש איז פֿעסט געזעסן אויף זיין גרויסן, שטאַרקן קאָפּ. ער האָט געהאַט אַן אימפּאָזאַנטע פֿיגור, וואָס האָט געוועקט דרך־ארץ. אַזוי אויפֿן קוק האָט ער אויסגעזען צו זיין זייער אַ שטרענגער מענטש, נאָר צום ייִנגעלע איז ער געווען זייער מילד און פֿלעגט זיך ברייט צעשמייכלען ווי נאָר ער האָט אים דערזען.

זיי האָבן געהאַט, דאַכט זיך, אַ פֿאַבריק פֿון טערקישער כאַלווע. איינמאָל האָב איך צו מיין געבורטס־טאָג באַקומען פֿון אים אַ גאַנצע כאַלווע, פֿאַרוויקלט אין זילבער. פֿון מיין מאַמען האָב איך באַקומען אַ שיינעם דיאַבאָלאָ, אַ גומענעם, מיט געטאָקטע שטעקעלעך. דער דיאַבאָלאָ איז געווען ווי אַ שפּילקע און צו די עקן פֿון די שטעקעלעך איז געווען צוגעבונדן אַ לענגער שטריקל. דעם דיאַבאָלאָ, דאָס הייסט די שפּולקע, האָט מען אַרויפֿגעטון אויף דעם שטריקל און צעוויגט מיטן שטעקעלע פֿון דער רעכטער האַנט. ווען די שפּולקע איז שוין געווען גוט צעוויגט האָט מען מיט אַ פֿלינקער באַוועגונג זי אַ וואָרף געטון אין דער הויך, דאַביי שנעל געגעבן אַ שטרעק אויס אין דער הויך דאָס שטריקל אויף ביידע שטעקעלעך, און אַרויפֿגעכאַפּט צוריק דעם דיאַבאָלאָ און ווידער אים צעוויגט, און אַזוי כּסדר.

אַנדזשע סיראָטקין און איך זענען מיר געווען די בעסטע דיאַבאָלאָ־שפּילערס אויפֿן הויף. זי האָט געהאַט אַ ברוינע שפּולקע און איך אַ ווייסע. מיר זענען דערגאַנגען אין דעם שפּילן צו אַזאַ מייסטערשאַפֿט, אַז מיר האָבן זיך אַוועקגעשטעלט מיט די דיאַבאָלאָס איינער נעבן צווייטן און איינער האָט איבערגעכאַפּט אין מיטן דער שפּיל דעם צווייטנס שפּולקע.

איך האָב אויסגעלערנט דעם ייִנגעלע אין די לאַנגע האָר די דאָזיקע

שפּיל. זיין פאָטער איז מיר דערפאַר געווען זייער דאַנקבאַר און מיר געגלעט איבערן בעקל ווען ער האָט מיך געזען. שפּעטער, ווען דאָס יינגעלע האָט צעבראָכן אַ פוס האָב איך אים געשיקט מיין מעשן סאַמאָ־וואַרל, וואָס מיין מאַמע האָט מיר געבראַכט אַ מתנה ווען זי איז צוריק־געקומען פון בריסק, ווו זי איז געווען צו גאַסט ביי מיין עלטסטער שוועסטער שרה, וואָס האָט נאָך איר חתונה דאָרט געוווינט.

*

ס׳האָט אויך געוווינט אויף אונדזער הויף אויף פּאָקאָרנע אַ פּוילישער ייד, מאַריאַנקאָ. שבת פלעגט ער מיטגיין מיט מיין טאַטן אין שטיבל אַריין דאַווענען. פון שבת צו שבת איז זיין בערדל און זיין פּאַלטן געוואָרן וואָסאַמאָל קירצער. דאָס סאַמעטענע היטעלע וואָס ער האָט געטראָגן אויפן קאָפּ איז געווען שטאַרק אויסגעריבן. דאָס איז געווען דאָס לעצטע סאַמע־טענע היטל וואָס ער האָט אין זיין לעבן געטראָגן. מער אַזעלכע היטלען האָט אים זיין ווייב און די טעכטער נישט געלאָזט קויפן. זיי האָבן צו אים געזאָגט: „ווּעסט צוטראָגן דאָס היטל ביז ס׳וועט זיך אינגאַנצן אויס־רייבן, און אַ סוף מיטן זיין אַ חסיד, אַ צלאָפּ! אַ דערשלאָגענער און אַ פאַרשעמטער פלעגט מאַריאַנקאָ נאָכגיין מיין טאַטן אין שטיבל אַריין. אויפן גאַנצן וועג האָט אים דער טאַטע אַריינגעזאָגט שטעכווערטלעך און פון אים געחוזקט, פאַרוואָס ער לאָזט זיך פירן פון די ווייבער ביי דער נאָז.

מאַריאַנקאָ איז געווען אַ געלבלעכער, אַ שמאָלער, אַ הויכער, אַביסל געבויגן און שטענדיק געווען עפּעס ווי פאַרטרויערט. די פריילעכע, אויפ־געררוימטע חסידים פון שטיבל האָבן אים גערופן „דער באַיאָפּטער״. קיין זין האָט ער נישט געהאַט, נאָר דריי טעכטער. מיט וואָס ער האָט זיך באַשעפטיקט — געדענק איך נישט. כ׳ווייס נאָר, אַז קיין נגיד איז ער נישט געווען.

נישט דאָס ווייב און נישט די טעכטער האָבן נישט געוואָלט צו אים רעדן קיין וואָרט יידיש, נאָר פּויליש. ער האָט זיך געבראָכן די צונג און געמוזט רעדן פּויליש. די טעכטער זענען אַלע געגאַנגען אין גימנאַזיע. זיי פלעגן אַליין באַצאָלן פאַר זיך דאָס געלט אין דער שולע, פאַרדינענדיק דערויף מיט געבן לעקציעס. דאָס האָט זיי געגעבן אַ פּריווילעגירטע

שטעלונג אין שטוב און געמאַכט זיי פּאַר דרייסטע מענטשן. זיי זענען געקומען אומעטום און אין יעדער זאַך געהאַט זייער מיינונג. איינע פון די מאַריאַנקאָס טעכטער פלעגט אַרויפקומען צו מיינע שוועסטער. זי פלעגט אָנטייל נעמען אין געשפּרעכן, וואָס ס׳האָבן געפירט צווישן זיך די דער־וואַקסענע מענטשן. מיינע שוועסטער האָבן געזאָגט, אַז זי איז זייער אַ ראַזוויניענטע (אַן אַנטוויקלטע). דערויף האָט זיך מיין מאַמע אָנגערופן: — אין מיינע יאָרן האָט עס געהייסן פּיסקאַטע און היינט הייסט עס ראַזווי־ניענטע.

ווען דאָס סאַמעטענע היטל האָט זיך ביי מאַריאַנקאַ אינגאַנצן אויס־געריבן, איז ער אין איינעם אַ שבת געקומען אין שטיבל אַריין אין אַ טוכן־היטל. ס׳איז געוואָרן אַ רעש, מען האָט זיך געשושקעט אין די ווינקלען, אָבער צו קיין סקאַנדאַל איז נישט געקומען. אין מיטן דער וואָך האָט שלמה גבאי געקויפט פאַר שטיבל־געלט אַ סאַמעטן היטל פאַר מאַריאַנקאָן. ווען ער איז דעם צווייטן שבת געקומען אין שטיבל אַריין אין זיין טוכענעם היטל, האָט אים שלמה גבאי אַנטקעגנגעטראָגן דאָס גע־קויפטע היטל. מאַריאַנקאַ האָט זיך זייער פאַרשעמט און נישט געוואָלט עס אָנטון. דאַמאָלט האָט מען אים מיט גרויס חרפּות און בושות אַרויס־געוואָרפן פון שטיבל. מיין טאַטע איז געווען שטאַרק דאַקעגן. ער האָט געהאַלטן, אַז מען טאָר נישט מרחק זיין אַ ייד נאָר דערפאַר ווייל ער טראָגט אַ טוכן־היטל. ס׳האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפן. אַלע חסידים זענען געווען קעגן מיין טאַטן. זיי האָבן געהאַלטן, אַז מען מוז דאָס שלעכטע עוקר מן השורש זיין. אַז דאָס טוכענע היטל, קאָן נאָך פירן ר״ל צו שמד. דער הויפּט־קאָמאַנדאָוטשיק ביים אַרויסוואַרפן מאַריאַנקאָן פון שטיבל איז געווען אונדזער סטאָלער אורח, ר׳ זלמן.

*

אין דערנידער האָט געוווינט אַ קליין, שוואַרץ יידל. ער האָט געהאַט אין פּראַנט אַ צעלניק־געוועלבל און אונטערן געוועלבל האָט ער געהאַט אַ שטוב, וווּ ער האָט געוווינט מיט זיין ווייב. קיין קינדער האָבן זיי נישט געהאַט. אין געוועלב זענען אויף פּולקעס געשטאַנען אַ סך פּודעלעך מיט קנעפּ און אויף יעדן פּודעלע פון פאָרנט איז געווען צוגענייט אַ מוסטער־

קנאָפּ. דאָרט זענען אויך געשטאַנען פּודעלעך מיט אוטשניאַוווסקע און זעלנערישע גוויאַזדקעס, וואָס די שילער און זעלנער האָבן צוגעשטאָכן צו זייערע היטלען. די קינדער פלעגן מיט גרויס נייגעריקייט קוקן אויף די גוויאַזדקעס. פּודעלעך מיט בראָשקעס זענען געווען אויסגעשטעלט אויף אַ באַזונדערער פּולקע. צו די פּודעלעך זענען פון פאָרנט געיזען צוגעניים מוסטערן פון די בראָשקעס. אַממיינסטן זענען דאָס געווען גאָלדענע בינען, זילבערנע זומער־פייגעלעך, גלאַנציקע שלאַנגען און בורשטינענע גרויסע פליגן. ווען דאָס יידל האָט זיך געדרייט צווישן די פּודעלעך מיט די פאַרשידענע באַשעפענישן האָט ער אַליין אויך אויסגעזען ווי אַ גרויסע שוואַרצע פליג. ער איז געווען קליין, דאַר און זיין פּיטשעדיק פּנימל איז געווען אײנגאַנצן באַוואַקסן מיט שוואַרצע קעמפּעס האָר.

פרייטיק פאַרנאַכט פלעגן יונגעלייט און בחורים קויפן אין דעם געוועלבל פּאַפּירענע קעלנער פון דער לייפּציגער פירמע „מעי אונד עדליך״. די קעלנער זענען געלעגן שטייף, אויסגעצויגן אין לאַנגע בלאָע, פּלאַטשיקע פּודעלעך, וואָס מען פלעגט זיי אַרויסרוקן ווי אַ שופלאָד. טייל האָבן אויך געקויפט פּאַפּירענע פאָרלאַגעס. חסידישע בחורימלעך האָבן געקויפט בויגנס ווייך פּאַפּיר אָנצורייסן „אשר־יצרס״ אויף שבת. דער צעלניק־געוועלבער איז געווען זייער רירעוודיק און באַרעדעוודיק. ער האָט גע־הערט צו דער חברה „ביקור חולים״, געגאַנגען נעכטיקן צו קראַנקע אין הקדש. ער פלעגט דערציילן אויסטערלישע מעשיות וועגן היץ־קראַנקע און חוזק געמאַכט פון חסידים שוטים, וואָס ווילן זיך נישט צורירן צו קיין קראַנקע נקבות.

*

ס׳איז אַוועקגעגאַנגען פון אונדז די דינסט האָדעס. כ׳ווייס נישט פאַרוואָס מען האָט איר אָפּגעזאָגט פון דער שטעל. זי איז געווען אַ שטילע, אַ געהאָרכזאַמע און טיילמאָל פלעגט מען זי אפילו רימען ווי אַ בריה. זי איז נישט געווען קיין לויפּערקע. פאַרקערט, אַ גאַנצע וואָך איז זי געזעסן אין שטוב. בלויז שבת נאָכן עסן, נאָכן אָפּוואַשן די כלים, פלעגט זי אַרויסנעמען דעם גראַנאַטענעם קאָסטיום וועלכן די מאַמע האָט איר דערלויבט אַריינצוהענגען אין אונדזער קליידער־שאַנק, זיך פּאַמעלעך און

לאַנג אָנטון און ערגעץ אַוועקגיין צו קרובים אָדער צו באַקאַנטע. האָדעס האָט זיך, ווי אַלע דינסטמיידלעך, געהאַט איר טואַלעטן־ווינקל אין קיך. איבער אַ קליין פּולקעלע איז געהאַנגען אַ קליין שפּיגעלע אין אַ האָלצערן רויט־געל רעמל. פֿון ביידע זייטן שפּיגעלע זענען געווען צוגעקלאַפּט צו דער וואַנט צוויי פּאָטאָגראַפֿיעס, אויף איינער האָט מען געזען אַ יונגן בחור אַ הויכן, אין אַ זעלנערישן מונדיר. ער איז געשטאַנען נעבן אַ קליין, קיילעכדיק דריי־פֿיסיק טישעלע, אויף וועלכן ער האָט געהאַט אַוועקגע־לייגט זיין רעכטע האַנט. אויף דער צווייטער פּאָטאָגראַפֿיע האָט מען געזען האָדעסן מיט דעם זעלבן יונגן בחור געאָרעמט. דער בחור איז דאָסמאָל געגאַנגען אָנגעטאָן אין אַ ציווילן יום־טובדיקן אַנצוג. אויפֿן פּולקעלע איז געשטאַנען אַ לענגלעך, עמאַלירט, בלעכן פּודעלע אין וועלכן ס׳זענען געלעגן קעמלעך, האָר־נאָדלען, האָר־קלאַמערס און אַנדערע טואַלעט־קלייניקייטן. דאָס פּודעלע מיטן שטאַרקן ראָזען פּודער, מיטן שאַרפֿן פּיזעם־ריח, האָט האָדעס געהאַט ערגעץ פֿאַרבאַהאַלטן. זי פֿלעגט עס אַרויסנעמען די לעצטע מינוט פֿאַרן אַוועקגיין און זיך בליץ־שנעל אָנפּודערן.

אַ גאַנצע וואָך האָט האָדעס זיך געקעמט און אָנגעטון אין איר טואַלעטן־ווינקל אין קיך. אָבער שבת, ווען זי האָט שוין געהאַט אָנגעטון דעם קאָסטיום און געווען גרייט אַוועקצוגיין — איז זי אַריינגעקומען אין דער „גרויסער שטוב” זיך אָפּצושפּיגלען אין טרעמאָ־שפּיגל וואָס איז דאָרט געשטאַנען. האָדעס פֿלעגט זיך לאַנג באַטראַכטן אין שפּיגל. זי האָט זיך אומגעדרייט און אַ פּאָר מאָל באַקוקט פֿון אַלע זייטן, פֿון אויבן ביז אַראָפּ. זי פֿלעגט זיך איבערפֿרעגן ביי יעדן קינד באַזונדער, צי מען דערקענט נישט אויף איר, אַז זי איז אַ דינסט.

האָדעסעס אַוועקגיין איז געווען פֿאַר מיר אַ גרויס איבערלעבעניש. כ׳האָב זיך קיין אָרט נישט געקאָנט געפֿונען. מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אויב זי וועט אַוועקגיין פֿון אונדז — האָט זי נישט צו וועמען צו גיין. איך בין געווען זיכער, אַז אונדזער שטוב איז די איינציקע אין וועלכער זי קאָן זיין, אין וועלכער זי האָט ווו צו זיין. איך האָב געוואָלט צוגיין צו איר און איר זאָגן, אַז זי זאָל פֿאַלן מיין מאַמען צו די פֿיס און וויינען. איך

בין געווען זיכער, אַז דעמאָלט וועט זי קאָנען ביי אונדז ווייטער בלייבן. כ׳האָב זיך אָבער געשעמט איר דאָס צו זאָגן, כ׳האָב נישט געוווּסט ווי אַזוי דאָס צו מאַכן.

ווען האָדעס איז אין איינעם אַ נאָכמיטאָג אַריינגעקומען אין עס־צימער מיט איר דינסט־מיידליש קיישל, ווייזן דער מאַמען, אַז זי האָט גאָרנישט צוגענומען, ווען זי האָט נישט געקוקט אויף דעם וואָס מיין מאַמע האָט נישט געוואָלט זען, דאָך אַריינגעשטעקט אין קוישל אירע אויסגעהאָרעוועטע הענט און אָפּגעדעקט די עקן פון אירע אייגענע, אויס־געניייטע פון גראָבן לייוונט, עטלעכע מיידלשע העמדער — איז מיר געוואָרן ביטער פון שרעק און פון חרפּה. כ׳בין אַנטלאָפן אין דער צווייטער שטוב אַריין און זיך פאַרבאַהאַלטן. מיך האָט אָבער אויך זייער צערודערט און צעבראָכן האָדעסעס גלייכגילטיקייט צו דעם וואָס געשעט, און כ׳בין געווען מוראדיק דערשטוינט ווען כ׳האָב דורך אַ שפּאַרע אין דער טיר געזען, ווי האָדעס געזעגנט זיך מיט מ׳יין מאַמען און קושט זי אין דער האַנט.

*

צו אונדזער שכן בראודע איז געקומען פון אַ פּראָווינץ־שטאָט, נעבן לאָדזש אַ קרוב, אַ יונגער בחור פון אַ יאָר זיבעצן־אַכצן. ער איז געווען ווי זיי אַלע אַ טונקל בלאָנדער, מיט אַ שיינער טשופּרינע האָר, זייער רעגולער געבויט, גלייך און הויך, שמאָל אין די לענדן און ברייט אין די אַקסלען. ער איז געווען אַ פּשוטער, גערעדט שלעכט פּויליש, ווייניק געלערנט אין חדר און אינגאַנצן נישט געלערנט אין קיין שולע. דער פאָטער זיינער איז געווען אַ בעקער און דער בחור האָט אַביסל געקענט דאָס פאַך.

צו די בראודעס האָבן אים די עלטערן געשיקט ער זאָל ווערן אַ „לייט". בראודעס יונגען האָבן זיך מיט דעם גאַסט שטאַרק אַרומגעכאַפּט. ער איז געווען עלטער פאַר זיי און דערפאַרענער אין אַ סך לעבנס ענינים. זיי זענען געווען אין דער עלטער ווען פאַרבאָרגענע לעבנס־סודות הויבן

אָן מאַטערן, זוכנדיק באַשייד. דער בחור, דוד האָט ער געהייסן, איז זיי צוגעשיקט געוואָרן ווי אַן אומגעריכטע, גרויסע מתנה. זיי האָבן זיך מיט אים שנעל פאַרשטענדיקט. זיי האָבן איצט אײנאײנעם אָפּט פאַרבראַכט שעהען געפּירט צווישן זיך געהיימפולע שמועסן. בראָודעס יונגען זענען אינגאַנצן פאַרשוווּנדן פון הויף, פאַרוואָרפן אַלע שפּילן, זיך מיט קיינעם אין הויף מער נישט אָפּגעגעבן. מען האָט דאָרט מער זייער קול נישט געהערט. פּאַוועל דער סטרוזש און דער מלעדונקאָווע זשאַנדצע האָבן אָפּגעעטעמט. די לאָקאַטאָרן האָבן זיך אויך מחיה געווען, וואָס זיי זענען פּטור געוואָרן פון בראָודעס „וואַיסק״ מיט זייערע ווילדע שטיק. בלויז די קינדער פון הויף האָבן געבענקט נאָך די אַלטע, גוטע צייטן, ווען בראָודעס חברה האָבן פאַר זיי איינגעאָרדנט שפּילן, געלאָזט אין גאַנג די „ווינדע״, געמאַכט הושטאַווקעס. זיי וואָלטן שוין מוחל געווען די אייגענע שפּילן, אַבי קאָנען שטיין און צוזען ווי די חברה שפּילן ווידער אין אַ פּאַלאַנט, צי אין אַ קוקסאַ, אַז אַלץ אַרום זיי און אין זיי ברענט. אויף די קינדער פון הויף איז, מיטן אויספעלן פון בראָודעס יונגען, געפאַלן עפּעס אַ גרויסער אומעט. כאָטש זיי זענען נישט איינמאָל אויסגעשטאַנען צרות פון דער ווילדער חברה, זענען זיי אָבער געווען גרייט ווידער נישט אײן עוולה צו פאַרטראָגן, אַבי זיי זאָלן קומען צוריק. אָבער בראָודעס יונגען האָבן שוין איצט נישט געהאַט קיין קעפּ צום הויף. זיי זענען פון אַלעם וואָס שמעקט אַזוי שיין מיט קינדער־יאָרן, מיט קינדער־פרייד, ווען אפילו די סאַמע ווילדעסטע פרייד, מיט אַמאָל געוואָרן ווייט. זיי זענען אַריין איצט אין אַ שווערער צייט, ווען פרייד באַקומט דעם סמ׳ענדיקן צומיש פון תאווה, ווען אין דער העלער קינדישער פאַנטאַזיע רייסט זיך אַריין אַ טונקעלער שטראָם פון וויסן און פון פאַרזוכן פון די סאַמע פאַרבאָרגנסטע לעבנס־סודות.

בראָודעס יונגען האָבן אויף שטענדיק פאַרלאָזט דעם הויף. זייער קעניגרייך איז איצט געוואָרן די גאַס.

מאטוויעי סוליק

די משפחה סוליק

אויפן דריטן שטאָק, איבער פּעיסינען, האָט געוווינט די משפּחה סוליק, אויך ליטוואַקעס. זיי זענען געווען אַ פֿאַמיליע פֿון פֿינף מענטשן, טאַטע־מאַמע און דריי דערוואַקסענע קינדער, און פֿאַרנומען אַ דירה פֿון דריי שטובן מיט אַ קיך.

דער לעבנס־וועג פֿון סוליקן איז געווען אין אָנפֿאַנג דער זעלבער, וואָס דער לעבנס־וועג פֿון אַלע „ליטוואַקעס״, וואָס זענען אין צייטן פֿון רוסישע פּאָגראָמען און יידן־רדיפֿות אָנגעקומען פֿון רוסישע דערפֿער, שטעט און שטעטלעך קיין קאָנגרעס־פּוילן און זיך דאָ באַזעצט אין די גרויסע שטעט. ס'איז אויך דאַמאָלט געווען אַ צייט פֿון אַ גרויסן עקאָנאָמישן אויפֿשטייג אין רוסיש־פּוילן, ווו ס'האָט זיך שטאַרק און ברייט אַנטוויקלט די אינדוסטריע און דער האַנדל. עס האָבן זיך געעפֿנט מעגלעכקייטן זיך צו דערשלאָגן צו גרויסע פֿאַרמעגנס. דער נאָמען פֿון דעם פּוילישן ייד י. ק. פּאָזנאַנסקי, וועלכער האָט פֿון אַ וועבער־שטול דערגרייכט צו אַ ריזן פֿאַרמעגן, צו אייגענע פֿאַבריקן און אַפֿילו צו אייגענע בוימוואָל־פּלאַנטאַציעס אין וויַיטן אוזבעקיסטאַן, מיט וועלכע עס האָבן אָנגעפֿירט בוכאַרער יידן — האָט געלאָקט די פֿאַנטאַזיע פֿון די פֿאַראָרעמטע יידן פֿון די רוסישע שטעטלעך. די לעגענדעס וועגן די פֿאַרמעגנס פֿון די לאָדזשער און וואַרשעווער רייך־געוואָרענע יידן — האָבן געצויגן אַהער די „ליטוואַקעס״ פֿון גאַנץ רוסלאַנד, האָבן גערייצט זייערע אַפּעטיטן רייך צו ווערן און האָט זיי געגעבן אַ האָפֿענונג אויף קענען אויסנוצן זייערע פֿעיִקייטן, אויף קאָנען אויסלאָדענען די אָנגעזאַמלטע אין זיי ענערגיע, אויף קאָנען פֿאַרברויכן זייערע פֿאַרבאָרגענע כוחות, זייער אויפֿטוערישקייט און דרייסטע איינפֿאַלן.

מאַטוועי סוליק איז געקומען קיין וואַרשע נאָך אַלס זייער יונגער בחור. ער איז אַלט געווען אַ זעכצן־זיבעצן יאָר. געווען הויך און דאַר און געהאַט אַ שמאָל, טונקל פּנים. זיינע בלוי־שאַרע אויגן האָט ער געהאַלטן אַביסל צונויפגעצויגן. ער איז געווען אַ קורצזיכטיקער, אָבער נישט גע־וואָלט אָנטון קיין ברילן אויס מורא, אַז דאָס וועט פאַרקלענערן זיין אַר־בעטס־ווערט. זיין גאַנץ פאַרמעגן ביים קומען קיין וואַרשע איז געווען אַ פּאָר געציילטע רובל, וואָס זיין מאַמע, די אלמנה, האָט אים מיטגעגעבן, און אַ פּאָר שטיקלעך וועש.

ער האָט זיך אין וואַרשע, ווו ער האָט קיינעם נישט געהאַט, אַרומ־געדרייט ווי אַ באַנומענער. נישט געוווּסט ווו איין און ווו אויס. ווו גע־טאָגט — נישט גענעכטיקט. ער איז אָבער נישט אָפּגעטרעטן פון די גאַסן געגנשע ־ נאַלעווקעס. ער האָט זיך דאָ געדרייט אַריין און אַרויס כסדר, אָן אויפהער. אפילו ביינאַכט, ווען מען האָט געשלאָסן די געשעפטן, איז ער פון דאַנען נישט אַוועק. ער האָט געפילט מיט זיין אינסטינקט, אַז פון דאַנען דאַרף ער נישט אָפּטרעטן, אַז פון דאַנען טאָר ער נישט אָפּטרעטן. ער האָט אויך געוווּסט, אַז קיין וועג אויף צוריק אַהיים — איז נישטאָ.

נאָך לאַנגע מאַטערנישן און זוכענישן איז ער ענדלעך אָנגעקומען אין אַ גרויס מאַנופאַקטור־געשעפט אויף די נאַלעווקעס, ווי אַ געהילפס־משרת, עפּעס מער ווי אַ שיק־יינגל. זיין אויפגאַבע איז באַשטאַנען אין דעם, ער זאָל זיך שטענדיק געפינען ביי דער האַנט פון דעם משרת, וואָס באַדינט דירעקט דעם קונה.

ער האָט גוט פאַרשטאַנען וואָס מען פאַרלאַנגט פון אים, זיך גיך געכאַפּט, וואָס ער דאַרף טון. ער האָט זיך געהאַלטן אין שאָטן. אַ גאַנצן טאָג האָט מען אים אין געשעפט כמעט נישט אָנגעזען, נאָר אין דער זעל־בער רגע אין וועלכער עס האָט זיך באַוויזן אין געשעפט אַ קונה — האָט ער פלוצים ווי פון ערגעץ ווו אויפגעטויכט און שוין געשטאַנען ביי דער האַנט פון דעם משרת, צו וועלכן דער קונה האָט זיך געוואָנדן, און גע־וואַרט אויף באַפעלן. ווען דער קונה האָט מער־ווייניקער אויפגעקלערט דעם משרת, וואָס ער וויל, האָט יענער אַ ווונק געטון צו סוליקן און דער

לעצטער האָט אַן װערטער אויפגעכאַפּט ביידעס, סיי דעם קונה׳ס סיי דעם משרת׳עס, פּאַרלאַנג. ער איז צוגעגאַנגען צו די שענק, אַרויסגענומען צו איינצלנע, גרויסע שטיקער קאַמגאַרנע אַנצוג־שטאָפן און יעדעס פון זיי פונאַנדערגעוויקלט אין דער לופטן, איבערוואַרפנדיק די שווערע שטיקער סחורה אין זיינע דאַרע הענט מיט אַ לייכטקייט ווי מען וואַרפט איבער אַ פילקע. ווען ער האָט שוין אַ שטיק סחורה געהאַט אַזוי אַרום פונאַנ־דערגעוויקלט אויף אַ פּאָר אַרשין, האָט ער האַלטנדיק אין איין האַנט דאָס גאַנצע שטיק, מיט דער צווייטער אַנגעכאַפּט ביים סוף פון דעם פונאַנדערגעוויקלטן טייל און עס אין דער לופטן געהעריק דראַפּירט. אַ רגע איז ער אַזוי געשטאַנען, און פּלוצים מיט אַ האַסטיקער באַוועגונג אַ וואָרף אַרויף געטון דאָס שטיק סחורה אויף אַ גאַנץ גרויסער און הוי־כער שטול, וועלכע מען האָט איבערגערוקט אויף רעדלעך. אַזעלכע און אויף דעם אופן צוגעגרייטע שטיקער סחורה פלעגט ער יעדעס מאָל אָנ־וואַרפן ביזן סאַמע הויך. ער האָט זיי אָבער געוואָרפן זייטיק, אָפּגערוקט אַביסל איינס פון צווייטן, בכדי איין שטיק זאָל נישט אינגאַנצן פאַרשטעלן דאָס אַנדערע. די שטולן מיט די סחורות האָבן אויסגעזען ווי שטיגן באַ־דעקטע מיט מאַנופאַקטור פון די פאַרשידנסטע פאַרבן און מוסטערן.

אין אָנהויב האָט מען סוליקן זייער וויניק געצאָלט. אָבער נישט געקוקט אויף דעם, איז דעם ערשטן פרייטיק, ווען ער האָט אָפּגענומען דאָס ערשטע מאָל זיין וועכנטלעכן געהאַלט, זיין באַשלוס געווען אַ פאַר־טיקער: צוואַנציק פּראָצענט פאַרברויכן און אַכציק פּראָצענט אָפּשפּאָרן. ער האָט זיך באַלד געעפנט אַ קאָנטאָ אין דער „סבערעגאַטעלנאַיאַ קאַסאַ" און יעדן פרייטיק דאָרט אַריינגעטראָגן די אַכציק פּראָצענט וואָס זענען פון פאַראויס באַשטימט געווען אויף אָפּצושפּאָרן.

ער האָט זייער שווער געאַרבעט און זיך דערנערט מיט בילע־וואָס. ער האָט זעלטן געגעסן אַ וואַרעם, געקאָכט מיטאָג. אַמאָפטסטן איז ער אָפּגעקומען מיט אַ שטיק ברויט און אַ זויערע אוגערקע, אָדער מיט גע־וועדזלטן הערינג.

ווינטער־צייט האָט ער נישט געהאַט קיין ברירה און זיך איינגעדונ־גען מיט אַ בעטל ווו צו נעכטיקן ביי אַן אָרמער פאַמיליע. אין די גרויסע

פּרעסט און שנייען האָט ער זיך געמוזט צוטוליען צו אַ שטוב. עס איז געווען אַן אָרעמע שטוב, אַ קוים באַהייצטע, אָבער פּאָרט אַ שטוב. נאָר זומער־צייט איז אים אפילו אויף אַזאַ אָרט צום שלאָפן אויך אַ שאָד געווען אויסצוגעבן געלט. זומער־צייט איז ער געשלאָפן אויף זייטיקע שטיגן, אין אַ הויז־איינגאַנג, נעבן אַ שטענדיק פאַרמאַכטער טיר אין איינעם פון די הייף אויף דער פּאָקאָרנע גאַס. פאַר דעם זכות צו שלאָפן אויף די שטיגן האָט ער געצאָלט דעם סטרוזש פון הויף אַ האַלבן רובל אַ חודש.

סוליק איז געווען באַהערשט פון איין געדאַנק, וואָס האָט אים פאַר־פאָלגט אויף טריט און שריט, בייטאָג און ביינאַכט, וואָס האָט אים קיין רגע נישט געגעבן קיין מנוחה. דעם זעלבן געדאַנק פון וועלכן עס זענען געווען באַהערשט אַלע ליטוואַקעס פון ערשטן ד״ר געקומענע קיין פוילן: זאַמלען געלט, דערשלאָגן זיך מיט אַלע מעגלעכע כוחות און מיטלען צו אַ ווילשטאַנד. ער האָט אויך דערצו באַנוצט די זעלבע מיטלען וואָס אַלע ליטוואַקעס: שווערע אַרבעט און אויסערגעוויינטלעכע שפּאָרזאַמקייט. ער האָט אויסגעמיטן מענטשן. נישט געוואָלט האָבן קיין חברים. ער האָט מורא געהאַט טאָמער וועלן זיי אים אַראָפּפירן פון דעם איינמאָל פאַר אַלע מאָל זיך אָנגעצייכנטן וועג. ער איז נאָך אין אָנהויב געווען צו יונג ער זאָל דאָס אַלץ, וואָס האָט זיך מיט אים געטון, פאַרשטיין. ער איז נאָך געווען צו יונג, אַז אַלץ וואָס ער האָט געטון זאָל זיין אַזוי אויסגערעכנט און צילבאַוווסטזיניק. ער האָט געבראַכט מיט זיך פון קליינעם שטעטל אַ מורא פאַר גרויס־שטאָטישע מענטשן, פאַר זייערע כוונות, פאַר זייערע נטיות און לעבנס־שטייגער. און אָט די מורא האָט אין אים, דעם איינ־זאַמען, פרעמדן, זיבעצן־יאָריקן, דאָרן בחורל פאַרשאַרפט דעם זעלבסט־דערהאַלטונגס־אינסטינקט. אין דער ערשטער צייט נאָך זיין קומען קיין וואַרשע, אין אָנפאַנג פון זיין אַרבעט אויף דער שטעלע, ווען מיטן שכל האָט ער נאָך נישט קלאָר און העל באַנומען ווי אַזוי ער וועט דערגיין צו דעם ציל, וועלכן ער האָט זיך געשטעלט, האָט אים דער אינסטינקט גע־פירט מיט אַ זיכערער האַנט. דער אינסטינקט האָט אים דערלויבט צו זיין בלינד אויף אַלעם אַרום, און דער בלינדקייט אויפן אַרום, האָט ער גע־האָט צו פאַרדאַנקען, וואָס אין דעם גרויס־שטאָטישן ים, אין זיין שטור־

מיש לעבן, פול מיט גלוסטונגען, לאַקונגען און פּאַרפּירערישקייט, איז ער אַדורכגעגאַנגען נישט זעענדיק גאָרנישט אַ חוץ דעם שימער פון געלט פאַר זיינע אויגן.

אין אָנפאַנג פון זיין אַרבעט האָבן די משרתים פון געשעפט, פּריי־לעכע וואַרשעווער לעב־חברה, הנאה געהאַט פון דעם רירעוודיקן, טונקל־הויטיקן ליטוואַקל, וואָס האָט זיך באַוועגט ווי קוועק־זילבער. זיי זענען געווען שטאַרק צופרידן פון אים, אָט פון דעם „חמור למשא", ווי זיי האָבן אים האַלב גוטמוטיק און האַלב אין חוזק גערופן. יעדער פון די משרתים האָט זיך געריסן איבער אים, יעדער האָט אים געוואָלט האָבן ביי זיך. זיי האָבן געהאַט אין אים אַ גוטע „ווירענקע", ער האָט פאַר זיי געאַרבעט, ער האָט געטון אַלץ, וואָס האָט געהערט צו אים און אויך דאָס, וואָס האָט געהערט צו זיי. זיי האָבן אים געוואָלט מקרב זיין, געוואָלט אים אַמאָל מיטנעמען אין „אילוזיאָן", פונדעסוועגן אים אַ בילעט אין טעאַ־טער, שטעלן אים אַ גלעזל ביר אין אַ דערבייאיקן רעסטאָראַן, זיי האָבן אים געוואָלט געבן אָפּצועסן אַ געשמאַק מיטאָג ביי העסקעלמאַנען אין רעסטאָראַציע. ער האָט אָבער נישט נאָר נישט געוואָלט געניסן פון קיין באַצאָלטע פאַרגעניגנס, נאָר אפילו פון בחינם'דיקע פאַרגעניגנס האָט ער אויך נישט געוואָלט געניסן. ער האָט זיך דערפון אַרויסגעדרייט מיט די פאַרשידנסטע תירוצים. פאַר זיך לאָזן אָנטון פאַרגעניגן האָט ער מורא געהאַט, ווי אַ פרומער ייד פאַר זיך לאָזן צורעדן צו דער שווערסטער עבירה. ער האָט מורא געהאַט צו פאַרזוכן עפּעס גוטס אפילו בחינם, טאָמער וועט אים אַמאָל פאַרגלוסטן עפּעס גוטס, פאַר וועלכן ער וועט אַליין דאַרפן באַצאָלן. און אַ חוץ די מורא, אַז עס זאָל זיך אים אַמאָל נישט פאַרגלוסטן אַ זאַך פאַר וועלכער ער וועט דאַרפן צאָלן, איז נאָך דאָ צוגעקומען אַן אַנדערע מורא, די מורא אַז זיין אַסקעטישע וועלט, די וועלט פון ברויט מיט אוגערקע זאָל אים נישט איינפאַלן. דער פּחד אַז ער זאָל זיך פון די שווערע לעבנס־באַדינגונגען, צו וועלכע ער האָט זיך צַליין פאַרמשפּט, נישט איינברעכן, האָט אים געהאַלטן מיילן ווייט אפילו פון די סאַמע קלענסטע, גראָשנדיקע פאַרגעניגנס. ער האָט זיך זומער, אין די גרעסטע היצן, נישט פאַרגינען צו טרינקען קיין גלאָז סאָדע־

וואַסער פאַר אַ גראָשן, נאָר ווען עס האָט אים שטאַרק געדאַרשט, געטרונקען פראָסט וואַסער פון קראַן.

אין דער ערשטער צייט האָבן די משרתים פון דעם געשעפט ווו סוליק האָט געאַרבעט זיך צוגעקוקט צו זיין פירונג, ווי צו עפּעס אַן אויסטערלישקייט. טייל האָבן אויף אים געזאָגט: „טשודאַק" און אַ טייל נאָר „דוראַק", אָבער אויפגענומען דאָס גוטמוטיק. נאָר ווען עס איז אַוועק אַ לענגערע צייט און די משרתים האָבן געזען, אַז זיין פירונג ענדערט זיך נישט אויף קיין האָר, האָבן זיי זיך ערשט אָנגעהויבן איבער אים צו פאַרטראַכטן. זיי האָבן זיך אָנגעהויבן נענטער צוצוקוקן צו זיין אופן לעבן, האָבן אים אָנגעהויבן נאָכקוקן, נאָכשפּיאָנירן. זיי האָבן געזען מיט וואָס ער דערנערט זיך אַ גאַנצן טאָג. זיי זענען דערגאַנגען אַז ער שלאָפט אין פּאָדער-הויז אונטער די שטיגן. און אַרום דעם ליטוואַקל, דעם „לאַנגן לאָקש", ווי די משרתים האָבן אים גערופן, מיטן דאַרן האַלדז און אַרויסשטאַרצנדיקן גאַרגל-קנאָפּ וואָס איז געלאָפן אַרויף און אַראָפּ ווי אַ משוגע מייזל, אָט אַרום דעם ליטוואַקל איז עפּעס געוואָרן אַ גאַנצער ענין. ער איז אויסגעוואקסן ביי זיי צו אַ פּראָבלעם. אַלע שמועסן וואָס זיי האָבן געפירט צווישן זיך האָבן זיך איצט געדרייט אַרום דעם ליטוואַקל. עפּעס האָט ער צוגערויבט זייער הומאָר, זייער גוט געמיט, זיי זענען געוואָרן אומרויק. און פּלוצים האָבן זיי אין די ערשט, דאַכט זיך, גאָר נישט אַזוי לאַנג אויסגעשראָקענע, לויפנדיקע אויגן פון דעם שוואַרצן ליטוואַקל דערזען עפּעס אַ רויקייט, עפּעס אַזאַ פעסטקייט און זיכערקייט, אַז זיי האָבן אַזש געשטוינט. און זיי, וואָס פלעגן אים צושאַרן יעדעס לעצט-געלט, וואָס אַ פּראָווינצער קונה פלעגט איבערלאָזן; זיי, וואָס פלעגן אים אַוועקגעבן אַלע ביר-געלטער און זייטיקע קליינע פאַרדינסטלעך; זיי, וואָס האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ „דוראַק" און אין בעסטן פאַל פאַר אַ „טשודאַק", זיי האָבן פּלוצים דערפילט אין אים אַ פאַרבאָרגענע קראַפט, דערזען אַז זיינע באַוועגונגען, וואָס פריער זענען זיי געווען אַזוינע אייליקע און נישט זיכערע, זענען איצט אויך שנעלע אָבער פעסטע, זיכערע. זיי האָבן דערפילט, אַז ער שפּאַרט זיך אָן אויף עפּעס אַ כוח און האָבן פּאַמעלעך אָנגעהויבן אָנען און אפילו פאַרשטיין פון וואַנען זיין כוח שטאַמט...

*

פרייטיק נאָכן אויסצאָלן דעם געהאַלט און נאָכן שליסן דאָס געשעפט פלעגן אַלע אָנגעשטעלטע, נאָכן געזעגענען זיך מיטן בעל הבית, זיך צעגיין יעדער אין זיין היים. אָבער אין איינעם אַ פרייטיק האָבן זיך די משרתים באַלד נאָכן צעגיין זיך ווידער צונויפגעזאַמלט אין אַ פריער אָפּגעשמועסט אָרט, אויפן הויף ווו דאָס געשעפט איז געווען. פון דאָרט האָבן זיי זיך צעשיט איינצלוויז און דורך פאַרשידענע אופנים און וועגן, און יעדער האָט לויט אַ פריער באַשטימטן פּלאַן אָנגעהויבן נאָכצוגיין דעם ליטוואַקל, וואָס האָט זיך געשאַרט ביי דער וואַנט אַ פאַרטייעטער און זיך אַלע רגע אומגעקוקט. זיי האָבן געזען ווי ער שאַרט זיך אין דער ריכטונג פון דעם מוראַנאָוו, ווי אין איינעם פון די הייזער האָט זיך געפונען אַ „סבערעגאַטעלנאַיאַ קאַסאַ". ווי נאָר זיי האָבן אים געזען דאָרט אַריינגיין האָבן זיי זיך איינצלוויז באַהאַלטן אין די טויערן פון די דערנעבנדיקע הייזער. אין עטלעכע מינוט אַרום האָבן זיי אים געזען צוריק פון דאָרט אַרויסגיין. נעבן דער „סבערעגאַטעלנאַיאַ קאַסאַ" האָט זיך געדרייט אַראָפּ און אַרויף אַ סטויקאָווע, דאָרט איז שטענדיק געווען אַ פּאָליציייאישע וואַך. זיי האָבן סוליקן געלאָזט אָפּגיין עטלעכע הייזער, בכדי דער סטויקאָווע זאָל זיי נישט באַמערקן און נישט מיינען אַז דאָ קומט פאָר אַן אָנפאַל. ערשט דאַמאָלט, ווען ער איז שוין אָפּגעגאַנגען אַ שטיקל וועג, זענען זיי אַרויס אויף דער גאַס, צו אים צוגעגאַנגען און אים געהייסן די רגע אַריינגיין אין אַ טויער. פון דערשטוינונג און שרעק האָט ער זיך נישט אָנטקעגנגעשטעלט. איינער פון די משרתים האָט אים אָן עפן אויף געטון די מאַרינאַרקע און פון דער רעכטער בוזעם־קעשענע, וואָס איז געווען פאַרקנעפּלט אויף אַ קנעפּל און ביי די זייטן פאַרשפּילעט מיט צוויי אַגראַפקעס, האָט ער אַרויסגענומען אַ ברוין ביכל אויף וועמענס לעדערנע טעוועלעך איז געווען אויסגעליישט מיט גרויסע, גאָלדענע אותיות: „סבערעגאַטעלנאַיאַ קניזשקאַ". ער האָט פלינק געעפנט דאָס ביכל, שנעל געמישט די בלעטלעך און מיט אַ געניט אויג גיך געפונען דעם מיט רויטן טינט אונטערגעצויגענעם סך־הכל. ער האָט אויסגעדרייט

דאָס ביכל מיט דער אינעווייניקסטער טייל צו זיינע חברים, די איבעריקע משרתים — און זיי האָבן דערזען מיט רויט אויפגעשריבן די סומע פון פיר הונדערט און אַכט רובל. ווען זיי האָבן שוין געהאַט גוט אָנגעקוקט די סומע, האָט דער, וואָס האָט סוליקן אַרויסגענומען דאָס ביכל פון טאַש מיטן גאַנצן כוח אים עס אַ שמיץ געטון אין פּנים אַריין און די אַנדערע משרתים האָבן מיט אַן אויסגעשריי: „טפו, ליטוואַק חזיר!" — אים אָנגעשפּיגן גלייך אין פּנים אַריין און אַלע זענען מיטאַמאָל גלייך נעלם געוואָרן.

סוליק איז געבליבן שטיין אין טויער אַ דערשיטערטער. דאָס האָט אָבער נישט געדויערט מער ווי עטלעכע געציילטע רגעס. ווי אַן אויטאָמאַט האָט ער זיך אַראָפּגעבויגן און אויפגעהויבן דאָס שפּאַר־ביכל, וואָס איז געהאַט אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד. ער האָט עס אַריינגעלייגט צוריק אין דער בוזעם־קעשענע. אָבער דאָס מאָל שוין נישט אין דער רעכטער, נאָר אין דער לינקער. ער האָט די קעשענע פאַרשפּילעט מיטביידע אַגראַפקעס פון ביידע זייטן. ווען ער האָט דאָס אַלץ שוין געהאַט אָפּגעטון, האָט ער זיך ערשט אָפּגעווישט מיט אַ נאָז־טיכל דאָס פּנים. ער איז אַרויס פון טויער, אַריין אין אַ סאָדע־וואַסער געוועלב און מיט איין מאָל אויסגעטרונקען דריי גלעזער סאָדע־וואַסער. נאָכן אויפטרונקען דאָס קאַלטע פון אייז וואַסער האָט אים אַ היץ אַ שלאָג געטון אין פּנים אַריין. דאָס פּנים האָט אים אָנגעהויבן שטאַרק צו פלאַמען. די אויגן זענען אים אָנגעפילט געוואָרן מיט שטעכיקע קרישקעלעך גלאָז. ער האָט זיי נישט געקענט נישט אויפהאַלטן און נישט צומאַכן. ביסלעכווייז האָט זיך אַלץ אָנגעהויבן ביי אים באַרויקן. דאָס בלוט איז אָפּגעפלאָסן פון פּנים און אָנגעהויבן רעגולער צו קרייזן. די שלעפן האָבן אויפגעהערט אַזוי שטאַרק צו קלאַפּן, אין האַלדז איז אים געוואָרן לויזער. דער קניפּ וואָס האָט דאָרט געשטיקט האָט זיך פּאַמעלעך פונאַנדערגעפלאָנטערט. נאָר די אויגן, זיינע אויגן, וואָס האָבן צוגעזען זיין בושה, וואָס האָבן געזען ווי שרעקלעך מען האָט אים מבזה געווען, האָבן אים שטאַרק וויי געטון. און כמעט אַ בלינדער פון ווייטיק און צער האָט ער זיך דערשלעפּט ווי אַ היימלאָזער הונט צו זיין אָרט אונטער די שטיגן — און אַזוי דאָרט אָפּגעזעסן ביז פון דעם

בלויען פאַרנאַכט איז געוואָרן שוואַרצע נאַכט און פון דער שוואַרצער ווי־
מינט נאַכט איז ווידער געוואָרן בלויער טאָג...

מיט זיך אַליין

די גאַנצע שלאָפלאָזע נאַכט פון פרייטיק אויף שבת נאָך דער גע־
שעעניש מיט די משרתים, איז סוליק געווען באַהערשט דער עיקר פון
איין געפיל — אַ געפיל פון שרעק. נישט געקוקט אויף דעם, וואָס ער
האָט מיט די מענטשן, וואָס זענען אים באַפאַלן און אַזוי מוראדיק באַליי־
דיקט, פאַרברענגט אין געשעפט גאַנצע טעג און אָוונטן, האָט ער זיך צו
זיי און מיט זיי געפילט אינגאַנצן פרעמד. זיי, די פריילעכע וואַרשעווער
חברה, די אָנגעגעסענע, זאַטע, מיט ראָזאַ פולע באַקן, אין די דריי־
פערטלדיקע געהאַקטע קאַפּאָטעס, מיט די קליינע יידישע היטעלעך (אײ־
טשע־מאיר׳קעס, ווי די ליטוואַקעס האָבן זיי גערופן) „נאַ באַקער״, זענען
שוין ריין־אויסערלעך געווען אַזוי אַנדערש פון אים, דעם דאַרן, טונקל־
הויטיקן, פאַרדאַגה׳טן, הונגעריקן ליטוואַקל, אַז שוין די דאָזיקע אַנדערש־
קייט האָט פאַרשטעלט אַלע אַנדערע חילוקים צווישן זיי. ער האָט אפילו
נישט געפילט, אַז זיי פאַרנעמען אַן אומפאַרגלייכלעך העכער אָרט פאַר
אים אין געשעפט, ער האָט אפילו נישט געפילט, אַז ער איז זיי אינגאַנצן
אונטערגעאָרדנט, אַז ער איז געדונגען דערצו ער זאָל נאָר אויספירן זייערע
באַפעלן. ער האָט נאָר געפילט זייער אַנדערשקייט און זייער אַנדערשקייט
האָט אין אים אַריינגעבראַכט צו זיי אַ פרעמדקייט, אַ פולשטענדיקע אָפּ־
געפרעמדקייט. און די פרעמדקייט איז אים געווען ווי אַ פאַנצער קעגן
זייער פריילעכן, פאַרשווענדערישן לויט אים, לעבנס־שטייגער, פאַר
וועלכן ער האָט אַזוי מורא געהאַט.

ביז איצט האָט ער זיי נישט פיינט געהאַט און נישט ליב געהאַט.
ווען מען וואָלט אים געפרעגט, וואָלט ער נישט געוווסט צו ענטפערן, צי

זיי זענען גוטע, אָדער שלעכטע. ער האָט געזען אַז זיי גיבן אים אַוועק געלט, וועלכעס זיי וואָלטן געקאָנט נעמען פאַר זיך. אָבער ער האָט דאָס געהאַלטן פאַר אַ נאַטירלעכער זאַך, ווייל ער פלעגט טון אַ סך אַרבעטן, וואָס האָבן געהערט צו זיי און נישט צו אים. ער וואָלט עס אָבער אויך געהאַלטן פאַר נאַטירלעך, ווען זיי גיבן אים נישט דאָס געלט, און שאַרן זיך צו די פאַרדינסטלעך, וועלכע זיי האָבן אים צוגעלאָזט. ווי גייציק ער איז נישט געווען, וואָלט ער אָבער גאָרנישט געטון, נישט געמאַכט די מינדעסטע אָנשטרענגונג, אַז דווקא ער זאָל דאָס געלט באַקומען.

ער האָט געמיינט אַז די פרעמדקייט און גלייכגילטיקייט איז אַ קעגנזייטיקע. ער האָט געמיינט, אַז זיי זעען אים נישט, באַמערקן אים נישט, לייגן אויף אים נישט די מינדעסטע אַכט. ער איז געווען זיכער אַז זיי ווייסן פון אים גאָרנישט און ווילן נישט וויסן. און פּלוצים, דורך דעם אָנפאַל אויף אים, איז פאַר אים קלאָר געוואָרן, אַז זיי אינטערעסירן זיך שוין יאָ מיט אים, אַז ער גייט זיי שוין יאָ אָן. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז זיי ווייסן אַלץ פון אים. פּלוצים איז אים קלאָר געוואָרן, אַז די אַנדערשקייט, די פרעמדקייט איז גאָר נאָנטקייט. ער האָט דערפילט, אַז זיי זענען אים געוואָרן נאָנט, מיט אַ שלעכטער, בייזער נאָנטקייט, ווי נאָנט עס ווערט דעם מענטש אַ קרענק, וואָס באַפאַלט אים און וויל אים אומברענגען. ער האָט ערשט פאַרשטאַנען אַז ער האָט געמאַכט אַ טעות אין חשבון, אַז וואָס מער ער האָט זיך פון זיי דערווייטערט, אַלץ „נענטער" איז ער זיי געוואָרן. וואָס ווייניקער אָרט ער האָט זיך באַמיט צו פאַרנעמען אין געשעפט, אין זייערע אויגן און אין זייער געזעלשאַפט, אַלץ מער אָרט האָט ער אָנגעהויבן פאַרנעמען אין זייערע געדאנקען און אין זייער פאַנטאַזיע, און די דאָזיקע „נאָנטקייט" האָט אים געשראָקן.

ער האָט אין דער שלאָפלאָזער, מאַטערנדיקער נאַכט אַ סך געטראַכט. אומאויפהערלעך געטראַכט. ער האָט זיך אָבער נישט געקאָנט דערטראַכטן וואָס אייגנטלעך ווילן זיי פון אים. ער האָט קיינעם פון זיי קיין שלעכטס נישט געטון. ער האָט זייערס נישט אָנגערירט. ער האָט זיך קיינמאָל מיט זיי נישט געקריגט. פאַרקערט, געווען העפלעך אַזש ביז אונטערטעניקייט. ער האָט אַלע זייערע באַפעלן אויסגעפירט, זיך קיינמאָל

נישט געבונטעוועט, כאָטש אים איז פון זייערע חוצפּהדיקע בליקן און פון דעם העזה׳דיקן אופן אין וועלכן זיי האָבן אים אָנגעוואָרפן זייערע אַלע אַרבעטן, נישט איינמאָל איבערגעגאַנגען די גאַל. אמת, ער האָט זיך נישט פאַרגינען צו עסן, ער האָט פאַר זיך געקאַרגט אפילו דאָס טרוקענע שטיקל ברויט, ער האָט נישט געוווינט ווי אַ מענטש. אָבער דאָס איז דאָך געווען זיין זאַך. דאָס איז דאָך געווען נאָר זיינס אַן ענין. פּונקט ווי אים איז נישט אָנגעגאַנגען זייער פאַרנאַשטקייט, זייער פאַרפרעסנקייט און הולטאַיסקע שטיק, אַזוי האָט זיי נישט באַדאַרפט און נישט געקאָנט אָנגיין זיין קאַרג־שאַפט, זיין שפּאָרזאַמקייט, זיין אופן לעבן. אמת, ער האָט זיך דערווייטערט פון מענטשן, נישט געהאַט קיין חברים, נישט גערעדט קיינמאָל וועגן זיך, קיינמאָל גאָרנישט וועגן זיך נישט דערציילט, גאָרנישט קיינעם וועגן זיך אָנגעטרויט. אָבער דאָס איז דאָך אויך געווען נאָר זיין זאַך. ער האָט נישט געוואָלט, האָט ער געהאַט אַ רעכט נישט צו רעדן, נישט צו דערציילן וועגן זיך. ס׳איז זיי געווען דערווידער זיין שווייגעוודיקייט, זיין פאַרכמורעטקייט און פאַרדאגהעטקייט ? און אים איז געווען דערווידער זייער באַרעדעוודיקייט, אָפּנקייט, זייער נאַקעטקייט, דאָס אויספּעלן פון דער מינדעסטער צוריקגעהאַלטנקייט. זיי האָבן גערעדט צווישן זיך וועגן די געברויכן פון זייערע לייבער, ווי זיי האָבן גערעדט וועגן די פּשוטסטע געשעפטס־ענינים. זיי האָבן אין זיין אָנוועזנהייט ספּעציעל געפירט פּרעכע געשפּרעכן וועגן מיידלעך. אים האָט דאָס זייער געקוועלט. פאַר אים איז דאָס נאָך געווען אַ ווייטע פאַרהוילענע וועלט, וועגן וועלכער ער האָט נאָך אפילו נישט געוואַגט צו טרוימען, אָט דאָס וועגן וועלכן זיי האָבן אַזוי מיאוס און געמיין גערעדט. בעת אַזעלכע געשפּרעכן פלעגט ער אַנטלויפן און זיך ערגעץ ווו אויסבאַהאַלטן אַבי נישט צו הערן די אויסגעלאַסענע רייד. זיי פלעגן אים נאָכשרייען מיט חוזק: „זעטס־נאַר דעם ליטוואַק, דעם צלם־קאָפּ, זעטס־נאַר, ווי דאָס מאַכט זיך פאַר אַ צדיק״. יאָ, זיי האָבן פיינט געהאַט זיין קאַרגשאַפט, זיי פלעגן רעדן אין זיין אָנוועזנהייט מיט עקל וועגן די, וואָס שפּאָרן־אָפּ פון עסן, פאַרגינען זיך נישט דעם ביסן וואָס זיי לייגן אין מויל אַריין און מאַכן „קישקע־געלט״. אָבער אים האָט נישט ווינציקער געעקלט פון זייער אָנשטופּן זיך די קישקע, פון זייער

פאַרשווּנדן דאָס גאַנצע געלט אַבי זיך אויסצופּאַשן אַ בויך, און נאָך מער, האָט ער זיך געמיאוסט פון זייערע שמועסן וועגן דער צוקונפט, און פון זייערע פּלענער וועגן חתונה האָבן פאַר אַ גוטן נדן.

און דאָך? און דאָך האָט ער זיי קיינמאָל אפילו נישט געגעבן אָנ־צוהערן, אַז זייער לעבנס־אופן געפעלט אים נישט, אַז זייער אויפפירונג איז אים ווייט נישט צום האַרץ, כאָטש ער האָט שוין געאַרבעט מיט זיי צוזאַמען אַנדערהאַלבן יאָר, זיין פּאָזיציע אין געשעפט איז שוין געווען אַ זיכערע, זי איז שוין גאָרנישט אָן באַדייטונג, און נישט איינס האָט זיך שוין באַדאַרפט האָבן געענדערט אין די באַציאונגען צווישן די איבעריקע משרתים און אים.

וואָס מער ער האָט זיך אַריינגעטראַכט אין דעם אַלעם האָט ער אַלץ מער נישט פאַרשטאַנען די סיבה פון דעם ווילדן אָנפאַל אויף אים, און וואָס ווינציקער ער האָט פאַרשטאַנען אַלץ מער האָט עס אים גע־אַרט. די שרעקלעכע דערמאָנונג ווי זיי האָבן אים אָנגעשפּיגן אין פּנים אַריין, האָט אים מינוטנווייז אַריינגעבראַכט אין אַזאַ כעס, אַז ער האָט געשוווירן נקמה צו נעמען אין זיי.

*

ס'איז שוין געווען אַרום צוועלף אַזייגער בייטאָג, ווי ער האָט דער־פילט אַ שאַרפן הונגער. פאַרטאָג האָט ער פאַרלאָזט זיין ווינקל אויף די שטיגן און זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שוועל נעבן טויער. דער טאָג איז געווען אַ הייסער, אַ טרוקענער, מיט אַ שווערן, שטומען אָנזאָג אויף אַ שטורעם. דער שבתדיקער טאָג איז פאַר סוליקן אַלעמאָל געווען אַ פיינלעכער. ער האָט זיך נישט געהאַט ווו אַהינצוטון. ער האָט נישט געוווּסט וואָס מיט די שעהען צו טון. ווינטער־צייט, ווען ער פּלעגט זיך צוטוליען צו אימעצנס אַן אָרעמער שטוב, פּלעגט ער דאָרט איבערזיצן דעם גאַנצן שבת, פון פרייטיק פאַרנאַכט ביז שבת־צונאַכט, ווען מען האָט אויף עטלעכע שעה געעפנט דאָס געשעפט. ער פּלעגט דאָרט אויפעסן דאָס, וואָס ער האָט זיך אָנגעגרייט אויף שבת: דאָס ברויט, די הערינג און די זויערע אוגערקעס, צי זויער קרויט. ער האָט זיך אַריינגענומען אַ טשייניק הייסע טיי פון דער דערבייאיקער „טשייניע". ער האָט געטרונקען די טיי

פּאַרזיסט מיט האָניק, ווייל דאָס האָט אויסגעמאַכט ביליקער ווי צוקער. אַזוי איז ער איבערגעקומען אין דער ווינטער־צייט דעם שבת. זומער פלעגט ער זיך אויפהייבן פון זיין געלעגער אויף די שטיגן גאָר פרי, מיטנעמען זיינע זאַפּאַסן אויף אַ גאַנצן טאָג, און אַוועקגיין אויפן „וווּינעם־פּלאַץ", צי צו דער ווייסל, אָדער גאָר אין מאַרימאָנטער וועלדל. אַזוי פלעגט ער דאָרט אָפּזיצן אַ גאַנצן שבתדיקן טאָג. קוקן אין הימל, קוקן אויף דער ווייסל, קייען פּאַמעלעך דאָס געבייטלטע ברויט, צערייבן מיט די געזונטע ציין די צוגעבאַקענע זערנעס פון „קמינעק" מיט וועלכן דאָס ברויט איז געווען פון אויבן באַשיט, הנאה געהאַט פון דעם זויערן ראָסל־זאַפּט וואָס האָט געטריפט פון די גרין־גאָלדענע זויערע אוגערקעס. ער האָט אַ גאַנצן טאָג נישט אַרויסגערעדט צו קיינעם קיין איין וואָרט. נישט נאָר נישט געזוכט קיין באַקאַנטשאַפט, נאָר אויסגעמיטן יעדעס מאָל ווען אַזאַ מעג־לעכקייט האָט זיך אין משך פון דעם לאַנגן זומער־טאָג געמאַכט. אַממיינסטן האָט ער מורא געהאַט פאַר באַקאַנטשאַפט מיט יונגע מענטשן, סיי דאָס זענען געווען מיידלעך סיי בחורים. מיט עלטערע מענער צי עלטערע פרויען פלעגט ער יאָ אַמאָל פאַרטוישן אַ פּאָר ווערטער. ס'פלעגט זיך אויך טרעפן, אַז פאַרנאַכט האָט ער אַהיימגעפירט אַן אַלטע פרוי אָדער מאַן, ווען די קינדער האָבן אַרויסגעפירט אויפן פעלד, אויפן וווּינעם־פּלאַץ, צו כאַפּן אַביסל פרישע לופט און זיך נישט געיאָגט צו קומען זיי נעמען אַהיים.

דעם שבת, נאָך דער שלאָפלאָזער נאַכט, האָט אים אינדערפרי נישט געגלוסט אינערגעץ צו גיין. דאָס זיצן שעהען לאַנג און קוקן אין הימל, צי אויף דער פליסנדיקער ווייסל האָט אים אַלעמאָל געגעבן אַזוי ווי עפּעס אַ באַשטעטיקונג פאַר זיין איינטאָניק לעבן אַ גאַנצע וואָך. ווען ער האָט געקוקט אויפן הימל, צי אויפן וואַסער, האָט ער געזען ווי אַלץ גייט ריטמיש, רעגלמעסיק, זיכער צו פון אַ פאָראויס באַשטימטן ציל. היינטיקן שבת איז ער געווען צו אויפגעברויזט, אַז ער זאָל זוכן רו. ער איז געווען אינגאַנצן צעטרייסלט און זיינע באַשלוסן, ווי אַזוי צו רעאַגירן אויף דעם אָנפאַל פון די משרתים, האָבן זיך ביי אים געטוישט פון מינוט צו מינוט.

ווען סוליק האָט פּלוצים דערפילט אַ שניידנדיקן הונגער, האָט ער

זיך דערמאָנט, אַז ער האָט פֿאַרגעסן זיך אָנצוגרייטן אויף שבת צו עסן. פון דעם מאָמענט אָן, ווען ער האָט אויסגעטרונקען נאָך אַרויסגיין פון טויער די דריי גלעזער סאָדע־וואַסער, און געווען איז דאָס פּרייטיק אַ שטיק פֿאַר פֿאַרנאַכט, ביז איצט, שבת נאָך האַלבן טאָג — האָט ער אין זיין מויל קיין טראָפּן וואַסער נישט געהאַט. נעכטן, נאָך דער געשעעניש האָט ער פֿאַרגעסן, אַז ס'איז פּרייטיק, ער האָט פֿאַרגעסן, אַז מען דאַרף זיך עפּעס אויף דעם מאָרגנדיקן טאָג אָנגרייטן. איצט האָט ער גאָרנישט געקענט באַקומען צו קויפן, ער האָט זיך געפונען אין דער יידישער געגנט ווו אַלע געוועלבער זענען געווען געשלאָסן, און גיין אין די קריסטלעכע גאַסן זיך קויפן עפּעס עסן האָט ער קיין חשק נישט געהאַט.

עס איז אים איינגעפאַלן אַ געדאַנק אַריינצוגיין אין דער רעסטאָראַ־ציע, וואָס האָט זיך געפונען אין אַ פּריוואַטער וווינונג אויף די נאַלעווו־קעס, און אָפּעסן אַ גוטע, שבתדיקע סעודה. פון וואַנען דער דאָזיקער גע־דאַנק האָט זיך פּלוצים צו אים גענומען, האָט ער אַליין נישט געוווּסט. די רעסטאָראַציע האָט ער גוט געקענט. ער פלעגט דאָרטן טיילמאָל אַריינ־קומען נעמען אַ מיטאָג פאַר זיין בעל־הבית, ווען יענער האָט אין סעזאָן נישט געהאַט קיין צייט אַהיים צו גיין עסן. אויך פלעגן אים די עלטערע משרתים פון צייט צו צייט אַריינשיקן ער זאָל זיי עפּעס ברענגען, ווען ס'האָט זיך אימיצן פון זיי פאַרגלוסט סתם צו כאַפּן אַ פרעס. אים אַליין איז קיינמאָל נישט איינגעפאַלן דאָרטן עפּעס אָפּצועסן. צי איז איצט זיין ווילן צו זיין איינמאָל מיט מענטשן גלייך געקומען אַלס אָפּרוף אויף די משרתים'ס אויסגעשריי: „ליטוואַק חזיר״? צי האָט ער סתם געוואָלט זען, וואָס איז דאָס אַזוינס דאָס עסן מיט וועלכן זיי באַרימען זיך אַזוי און האַלטן זיך העכער פאַר אים? קיין קלאָרן ענטפער האָט ער אויף דער פראַגע נישט געפונען. נאָר אין דער רגע ווען דער געדאַנק איז ביי אים געבוירן געוואָרן, אין דער זעלבער רגע איז זיין באַשלוס געווען אַן ענד־גילטיקער.

ער איז אַריין אין דער רעסטאָראַציע און זיך אַרומגעקוקט מיט אביסל אַ פאַרשעמטן בליק. ער האָט זיך געפילט פאַרזשענירט, ווי ס'פילן זיך מענטשן וואָס זענען נישט געוווינט צו עסן אין רעסטאָראַציעס, ווי־

ס׳פּילן זיך מענטשן, ביי וועמען עסן איז, אין אַ געוויסן זין, אַן אינטימע זאַך. די גרויסע שטוב פון דער רעסטאָראַציע אין וועלכער ס׳איז געשטאַנען אַ לאַנגער טיש איז געווען איבערפולט. דאָרט זענען געזעסן און געגעסן קודם־כל די סטאַלע געסט, אַ גאַנצע כאָפּטע אַלטע קאַוואַלירן, וואָס האָבן זיך דאָ זייט יאָרן געסטאָלעוועט, און וועמענס קאַפּריזן און וויצן די בעל־הבית׳טע און קעלנערס האָבן שוין גוט געקענט. ס׳זענען געזעסן אַ ריי מענער, וואָס האָבן אַוועקגעשיקט די ווייבער קיין טשעכאָטשינעק אין די בעדער אַריין און אַליין האָבן זיי זיך געפּייניקט און געשוויצט אין דער שטאָט מיט די צעהיצטע מויערן. ס׳האָבן געגעסן מענער וואָס האָבן פאַרשפּעטיקט אַרויסצופאָרן צו זייערע ווייבער, אויף די אונטערשטעטישע דאַטשעס, אָדער זיך גאָר געמאַכט פאַרגעסן אַרויסצופאָרן און געהאַט זיך שוין באַשטעלט אויף שבת אַן אָרט ווו אַ לעב צו טון. ס׳האָבן אויך געגעסן פּראָווינצער נגידישע סוחרים, וואָס האָבן נישט באַוויזן צו דערליידיקן אַלע זייערע געשעפטן ביז שבת.

סוליקס אַריינקומען שבת אין דער רעסטאָראַציע איז געווען סיי פאַר די סטאַלע געסט און סיי פאַר די קעלנערס אַ גרויסע איבעראַשונג; זיי האָבן אים קיינמאָל אין שבת דאָרט נישט געזען. דער רעסטאָראַן איז געווען אַ שטרענג כשר׳ער און אויך קיין געלט האָט מען דאָרט שבת נישט גענומען. די נישט סטאַלע געסט האָבן געמוזט פריִיטיק איינצאָלן און אַרויסנעמען אַ קוויטל אויף צו באַקומען שבת צו עסן. סוליקן האָט מען אָבער נישט געמאַכט קיין שום שוועריקייטן, מען האָט אים גוט געקענט, און אים געגעבן אָפּצועסן אויף קרעדיט.

*

אַזוי ווי דער טיש אין דער גרויסער שטוב איז געווען באַזעצט, האָט מען אים אַריינגעפירט אין אַ דערבייאיקן צימער, וואָס האָט זיך געפונען אין דער פּריוואַטער טייל וווינונג פון דער באַלעבאָסטע פון רעסטאָראַן, אַן עלטערע פרוי, אַן אלמנה. אין דער שטוב איז געשטאַנען אַ קרעדענס מיט אַ געשניצטן קאָפּ־שטיק, אַ קאָמאָדע באַדעקט מיט אַ לאופער, און אין מיטן שטוב אַ טיש מיט זעקס געבעטע שטולן. אויפן טיש איז געווען אויסגעשפּרייט אַ שניי־ווייס טישטעך און ס׳זענען געשטאַנען אויסגעשטעלט

אין איין שורה פיר זילבערנע לייכטער, אינמיטן צוויי הויכע און ביי די זייטן צוויי נידריקערע. אין דער הויך האָט יעדער לייכטער געהאַט אַ קיילעכדיקע אויסהוילונג אויף אַריינצושטעלן די ליכט. אין די אויס־הוילונגען האָבן געשטעקט אויף קאָרקעס פיר שפּורעס, וואָס האָבן מיט קליינע ציינדלעך צוגעהאַלטן די ליכט, וואָס די באַלעבאָסטע האָט יעדן פרייטיק־פאַרנאַכט אָנגעצונדן. אויף די שפּורעס איז איצט נאָר געבליבן דאָס לעצטע קאַפּעלע טריפּעכץ פון די חלב׳נע ליכט און ס׳זע־נען געלעגן פאַרבויגן, זייטיק, אומעטיק, די לעצטע שוואַרצע שטיקעלעך פעדעם פון די אויסגעברענטע קנויטן. אויפן טיש איז אויך געשטאַנען אַ זילבערנע צוקער־פּושקע מיט אָנגעהאַקטע שטיקלעך האַרטן צוקער און דערנעבן איז געלעגן אַ זילבערן צוקערצווענגל. ס׳איז געשטאַנען אַ זיל־בערן זאַלץ־מעסטל אויף דריי דיקע פיסלעך. פון פאַרנט טיש איז געלעגן אויסגעשפּרייט, פלאַטשיק אַן אויסגעהאַפטן חלה־טישטעכל אונטער וועלכן קיין חלות זענען נישט געלעגן.

אויב אין דער גרויסער שטוב, מיט דעם לאַנגן טיש עסערס, איז געווען אַ געמיש פון שבת׳דיקייט און וואָכעדיקייט, איז דאָ, אין דער שטילער שטוב געווען בלויז שבת׳דיקייט. אויב די שבת׳דיקע מאכלים זע־נען וואָכעדיק געוואָרן דורך די קעלנערס אין די זיידענע אכטקאַנטיקע קאַפּלען און אין שוואַרצע אַלפּאַגענע מאַרינאַרקעס אויף די ווייסע פאַרטוכער, האָט דאָ, אין דער שטוב, אויב מען האָט דאָ אַמאָל אַריינגענו־מען אַ גאַסט, באַדינט נאָר די באַלעבאָסטע אַליין און קיין וואָכעדיקער קלאַנג האָט זיך דאָ נישט אַריינגעריסן.

סוליקן האָט מיטאַמאָל אַרומגענומען אַ געפיל פון זיכערקייט. נאָך דער פאַרזשעגירטקייט באַלד ביים אַריינקומען אין רעסטאָראַן, איז ער דאָ מיטאַמאָל געוואָרן זעלבסט־זיכער. ער, וואָס איז נישט אין זיינע קינדער־ און יוגנט־יאָרן, און אוודאי נישט נאָך זיין קומען קיין וואַרשע, קיינמאָל ביי אזא טיש נישט געזעסן, ער האָט זיך דאָ דערפילט דערהויבן. עס איז פון אים אַוועק דאָס דערדריקנדיקע געפיל פון בזיון, וואָס האָט אים נישט אָפּגעלאָזט אויף קיין רגע זייט די יונגען זענען אויף אים אָנ־געפאַלן. ער האָט זיך אין דער שטוב דערפילט אַן אייגענער

און זיך געלאָזט באַהערשן מיט דער שבת׳דיקייט, כאָטש אַן איינזאַמע, אַ פאַרשעמטע, ווייל קיין מאַן, קיין בעל־הבית איז דאָ נישט געווען, אָבער דאָך אַ שבת׳דיקייט, וואָס האָט אַרויסגעקוקט פון אַלע ווינקעלעך פון דער שטוב מיט רויקייט און זאַטקייט.

סוליקס לעבנס-וועג

געווײנטלעך, ווען ס׳פלעגט אַריינקומען אין רעסטאָראַן אַ גאַסט האָט מען אים געפרעגט צי וויל ער עסן „אַ לאַ קאַרט" אָדער אַ גאַנץ מיטאָג, צי אַ פולע שבת׳דיקע סעודה. סוליקן האָט מען גאָרנישט גע־פרעגט. ס׳איז אַריינגעקומען די בעל־הבית׳טע, אים געבעטן זיך אַוועק־זעצן, אַרויסגענומען פון דער קאָמאָדע איר אייגן זילבערן געשיר, גע־גרייט צום טיש, אַוועקגעשטעלט אַ געשליפענע קאַראַפקע מיט בראָנפן און אַ טעלערל פאַרבייסעכץ. זי האָט אים אָנגעגאָסן אַ פול גרויס גלעזל בראָנפן און אים געבעטן טרינקען. מיט אַ ברייטער האַנט־באַוועגונג, ווי מען נעמט אימעצן אַרום, האָט ער גענומען דאָס גלעזל בראָנפן, צוגע־טראָגן צום מויל און מיט איין מאָל אויסגעטרונקען. פון דעם וואָס ער איז נישט געוווינט געווען צו טרינקען קיין אַלקאָהאָל, און דער עיקר פון דעם, וואָס ער האָט שוין כמעט אַ מעת־לעת נישט געהאַט גאָרנישט געגעסן און דער אַלקאָהאָל איז אים געפאַלן אויפן ליידיקן מאָגן, איז ער באַלד נאָכן אויסטרינקען געבליבן אַ באַרוישטער. און ווייל ער איז געוואָרן באַרוישט האָט ער זיך לייכט געלאָזט צורעדן אויסטרינקען נאָך אַ גלעזל. זיין קערפּער איז אים מיטאַמאָל געוואָרן לייכט. די שטול אויף וועלכער ער איז געזעסן האָט זיך ווי פון אונטער אים אָפּגערוקט, ער האָט געפילט, אַז ער זיצט, נאָר ס׳האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער שוועבט זיצנדיק. די הענט האָבן ביי אים אָנגעהויבן אַליין צו גיין מיט ברייטע, צעצווייגטע באַוועגונגען. ער האָט זיך געוואָרפן אויפן טעלערל מיט פאַרבייסעכץ,

אויפגעגעסן אַלע קיכלעך מיטן שטיקל לעקעך. וואָס זענען דאָרט גע־לעגן. די באַלעבאָסטע האָט אַריינגעבראַכט אַ טעלער אָנגעשניטענע חלה, הערינג און שפּראָטן. ער האָט אַלץ געגעסן מיט גרויס אַפּעטיט, ממש געשלונגען. די באַלעבאָסטע איז געזעסן נעבן אים און מיט הנאה געקוקט ווי גיך אַלץ פאַרשווינדט ביי אים פון טעלער. זי האָט, זעט אויס גע־ווּסט פון אים פון זיין לעבנס־שטייגער, פון זיין קאַרגשאַפט און זיין פּיי־רונג. די משרתים האָבן איר מסתמא געהאַט וועגן אים דערציילט. אין איר בליק, ווען זי האָט געקוקט אויף אים ווי ער עסט, איז געווען אַ קאַפּעלע חוזק, ביטול, אָבער ס'איז אויך אין אירע אויגן געווען אַ סך פון ריינעם מוטער־געפיל. וואָס מער און מיט וואָס אַ גרעסערן אַפּעטיט ער האָט געגעסן, איז די חוזק באַציונג פאַרשווונדן פון איר, און זי האָט געקוקט אויף אים ווי אַ מאַמע קוקט אויף אַן אייגן קינד, וואָס קומט אַהיים ערגעץ פון דער פרעמד, וווּ ס'האָט זיך געמאַטערט און געפּלאָגט און איצט וואַרפט זיך עס מיט הונגער און בענקשאַפט אויף דער מאַמעס מאכלים. סוליק האָט נאָר געזען איר מאַמע־בליק, דעם חוזק אין אירע אויגן האָט ער נישט באַמערקט. און דאָס האָט אים צוגעגעבן חשק צו עסן. אים האָט זיך אויסגעדאַכטן, אַז ער איז אַ קינד, זיצט נעבן דער מאַמען און מאַכט פאַר איר פאַרשידענע קונצן. די באַלעבאָסטע האָט אים דערלאַנגט אַ גרויסע פּאָרציע געפילטע פיש. ער איז שוין נישט געווען הונגעריק, נאָר ער האָט זיך געוואָלט פאַר איר באַווייזן מיט זיין בריה'שאַפט, האָט ער אויפגעגעסן די גאַנצע פּאָרציע און נאָך צוגעגעסן מיט חלה. זי האָט אים דערלאַנגט צי־בעלעס מיט שמאַלץ און אַ שטיק געפרוירענע פיס (גאַלאַרעטע). ער איז נישט געוווינט געווען אַזויפיל צו עסן, און נאָך דערצו אַזעלכע פעטע מאכלים. אָבער דער אויסגעטרונקענער אַלקאָהאָל האָט געטון דאָס זייני־קע, דער מאָגן איז אַריינגעפירט געוואָרן אין אַ צושטאַנד פון גערייצטקייט און שוין נישט געווּסט פון קיין מאָס. סוליקן האָט זיך אויסגעדאַכטן, אַז ער וואָלט געקאָנט אויפעסן דריי מאָל אַזוי פיל, ווי ער האָט געגעסן. אָבער ווען מען האָט אים דערלאַנגט דאָס פעטע טשאָלנט מיט קישקע, האָט ער דערפילט ווי טיף אונטערן האַרץ־גריבעלע ליגט אים עפּעס אַ קליינע, האַרטע זאַך, נישט גרעסער ווי אַ קנעפּל. די גאַנצע שבת'דיקייט

איז מיטאָמאָל אַוועק, די געהויבנקייט האָט אים פאַרלאָזט און ער האָט זיך אַנגעהויבן פילן געפאַלן ביי זיך. זיין קערפּער האָט פּלוצים פאַרלוירן די פריערדיקע לייכטקייט און אָנגעהויבן ווערן וואָס אַמאָל שווערער. ס׳האָט זיך אים איצט שוין נישט געדאַכטן, אַז ער שוועבט, נאָר פאַרקערט, ער זינקט. אים האָט זיך געדאַכטן, אַז ער זינקט וואָס אַמאָל טיפער צוזאַמען מיט דער שטול אויף וועלכער ער זיצט. ס׳איז פון אים אַוועק די זעלבסט־זיכערקייט און אַ גרויסע אומרויקייט האָט אים באַהערשט. נעבן אים איז געזעסן די באַלעבאָסטע פון רעסטאָראַן און צו אים געגעדט. זי האָט זייער פאַרזיכטיק אָבער אויך זייער ביטרע אים אויסגעפרעגט וועגן זיין היים און וועגן זיין איצטיקן לעבן. מיט דער צודרינגלעכקייט פונעם נישט געזעטיקטן ווייבערישן נייגער, כאָטש אויף זייער אַ „דעליקאַטן" אופן, האָט זי אים געוואָלט נויטן ער זאָל כאָטש עפּעס דערציילן וועגן זיך.

סוליק האָט איר געענטפערט מיט מאָנאָסילאַבן. ווי באַרוישט ער איז נישט געווען און נישט געקוקט אויף דעם, וואָס ער האָט געפילט, אַז ער איז שוין נישט ביי זיך אין די הענט, האָט ער נאָך געהאַט גענוג קלאָר'ן באַוווסטזיין זיך מיט גאָרנישט פאַר איר צו פאַרראַטן. ער האָט איר שוין געוואָלט בעסער ווייזן, אַז ער איז פאַרנומען מיטן עסן, ווי דאַרפן ענטפערן אויף אירע פראַגעס. אָבער וואָס מער ער האָט געגעסן אַלץ שטאַרקער האָט ער געפילט, ווי דער קנויל אונטערן האַרץ־גריבעלע ווערט וואָס־אַמאָל גרעסער און האַרטער. ער האָט דערפילט אַ דריקנדיקן ווייטיק. ער האָט אָבער נישט איבערגעריסן דאָס עסן, געמיינט, אַז עס וועט זיך אַדורכרייסן, אַז עס וועט אים לייכטער ווערן. נאָר ווען ער האָט פאַרענ־דיקט מיטן קאַלטן געגדזנס און מיטן גלאָז ביר, איז זיך די אינערלעכע, איבעריקע „זאַך" געוואַלטיק צעוואקסן און אים אינגאַנצן צעשפּאַרט. ס׳האָבן זיך אין אים מאָביליזירט דאָס רעשט ביסל פּסיכישע כוחות און ער האָט פאַרשטאַנען אַז ער מוז שוין, די רגע אַוועקגיין פון טיש. ער האָט זיך קוים אויפגעהויבן און מיט אַ פלאַכער שטימע, שטייענדיק אויף אַ פּאָר שווערע, בלייערנע פיס, האָט ער געבעטן אַנטשולדיקונג ביי דער באַלע־באָסטע פאַר דעם, וואָס ער מוז שוין גיין, און זיך געפרעגט וויפל וועט ער איר דאַרפן אַריינברענגען פאַרן עסן.

— וואָס רעדן זי, גאָספּאָדין סוליק — האָט אים די באַלעבאָסטע געענטפערט — זי זענען ביי מיר אַ טייערער, אייגענער גאַסט. ס׳איז פאַר מיר אַ כבוד, וואָס זי האָבן ביי מיר געגעסן, און וואָס רעדן זי עפּעס וועגן געלט?

די באַלעבאָסטע פון רעסטאָראַן האָט שוין לאַנג געזוכט אַ מעגלעכ־קייט מיט עפּעס מהנה צו זיין סוליקן. זי איז אים געווען זייער דאַנקבאַר דערפאַר, וואָס ער איז די גאַנצע צייט, זייט ער אַרבעט אין געשעפט, געווען געטריי איר רעסטאָראַן און קיינמאָל נישט געגאַנגען ערגעץ אַנ־דערש ווען דער בעל־הבית צי די משרתים האָבן אים געשיקט ער זאָל זיי עפּעס ברענגען. זי האָט אים שוין נישט איינמאָל פאַרגעלייגט ער זאָל קומען צו איר אויף אַ שבת עסן. אָבער סוליק האָט זיך יעדעס מאָל פון דעם אָפּגעזאָגט. איצט איז זי געווען זייער צופרידן, וואָס ער איז פון זיך אַליין געקומען צו אַ שבתדיקער סעודה.

— פאַרוואָס? פאַרוואָס? זאָלט איר געזשונט זיין, פאַרוואָס קומט דאָס מיר? — האָט סוליק מיט פאַרווונדערונג זיך געוואָנדן צו דער באַלעבאָסטע. — נו, מילא, — האָט ער אייליק צוגעגעבן — היינט, איז סאַבעס, נעמט איר דאָך סיי ווי סיי ניט קיין געלט, וועלן מיר נאָך אַ רעדט טון וועגן דעם.

אָפּגעזאָגט די פּאָר ווערטער, האָט ער צוגעוואָרפן אַ שנעלן „אַ גוטן סאַבעס" און אַרויס פונעם רעסטאָראַן.

*

ס׳האָט אַ ווייע געטון אויף אים מיט אַ גרינגערער לופט, דאָס האָט אים געבערענגט אַ שטיקל פאַרלייכטערונג. אָבער נאָר אויף עטלעכע מי־נוט. ער האָט דערפילט ווי דאָס בלוט פליסט אים אָפּ פון פּנים. אַ שטאַרקע איבלקייט האָט אים אָנגעכאַפּט און אים געשטיקט ביים האַלדז. ס׳האָט אים געמישט אין קאָפּ. נאָר די אויגן האָבן געזען נאָך מיט מער שאַרפ־קייט ווי ביז איצט. ער האָט געזען ווי פון רעסטאָראַן גייען אַרויס מענטשן מיט צעפלאַמטע באַקן, צופרידענע פּנימער און אויף די ליפּן ביי זיי איז נאָך קאָנטיק דאָס פעטס פון עסן. ער האָט געקוקט אויף זיי מיט

עקל. די צעשמייכלטע פּנימער פון די רעסטאָראַן־געסט האָבן אין אים נאָך פאַרשטאַרקט דאָס געפיל פון איבלדיקייט. ס׳האָט זיך אין אים אַ הויב געטון אַ צעשפּאַרנדיקער כוח, וואָס האָט זיך געריסן פון אים קעגן זיין ווילן און וועלכן ער האָט שוין נישט געקאָנט באַהערשן. ער האָט קוים באַוויזן צוצולויפן צו אַ ווינקל פונעם הויף און — זיך פון אַלעם באַפרייט.

ער האָט דערפילט, אַז דאָס בלוט קומט אים צוריק אין פּנים אַריין. די שלייפן האָבן אים אָנגעהויבן שטאַרק צו קלאַפּן. די פיס זענען מיטאַמאָל לייכט געוואָרן. דאָס איבלדיקייט האָט נאָכגעלאָזט נאָר אַ שוואַכקייט איז אים באַפאַלן. ער האָט זיך ווי דערשראָקן פאַר זיין מצב, זיך אומגעקוקט צי קיינער האָט נישט באַמערקט וואָס ער האָט אָפּגעטון אין ווינקל פון הויף. און מיט די לעצטע כוחות זיך אַרויסגעשלעפּט אויף דער גאַס.

ער איז געגאַנגען פּאַמעלעך, זיך יעדעס מאָל אָפּגערוט. טיילמאָל זיך אָנגעשפּאַרט אין אַ וואַנט פון אַ הויז. אַזוי האָט ער זיך דערשלעפּט ביז אין קראַשינסקיס גאָרטן אַריין. קוים געפונען אַן אָרט אויף אַ באַנק און זיך אוועקגעזעצט.

ער איז ביסלעכוויז געקומען צו זיך. נאָר ווען ער האָט זיך שוין אינגאַנצן געהאַט באַפרייט פון איבלדיקן געפיל, האָט אים אָנגענומען אַן עקל צו זיך אַליין. ער האָט זיך נישט געקאָנט מוחל זיין צו וואָס ער האָט דאָס אַלץ געטון, צו וואָס ער האָט דאָס באַדאַרפן טון. ער האָט איצט גע־קוקט אויף זיך ווי ער וואָלט זיך אַליין געווען פרעמד, ווי ער וואָלט זיך אַליין פאַראַכטן. ער האָט איצט געזען די גאַנצע זינלאָזיקייט פון אָט אַזאַ אָרט לעבן. ער איז זיך אַליין פּסול געוואָרן, ער האָט געוואָלט פון זיך אַליין זיך אָפּשאָקלען.

און ער האָט זיך אָפּגעשאָקלט. עפּעס ווי אַ ציטער איז אים אַדורכ־געגאַנגען דורכן גאַנצן לייב. ער האָט זיך אויפגעשטעלט און זיך אַ טרייסל געטון ווי אימיצער וואָס האָט זיך געוואַלגערט אויף דער ערד שאָקלט זיך אָפּ פון שטויב. ער האָט אָנגעהויבן גיין פּאַמעלעך איבערן גאָרטן.

ער האָט זיך דערמאָנט מיט אַלע איינצלהייטן דאָס, וואָס איז מיט אים געשען און וואָס ער האָט אַדורכגעלעבט און דורכגעטראַכט פון נעכטיקן טאָג אָן. ס׳איז פאַר אים איצט קלאָר געוואָרן, אַז דער אָנפאַל

פון די משרתים איז נישט געווען פון עקל צו אים, אפילו נישט פון שנאה, נאָר פון קנאה. ער האָט ערשט איצט פאַרשטאַנען, אַז זיי זענען אים פשוט מקנא. זיי זענען אים מקנא ווייל ער האָט פאַר זיך אַ ציל, ווייל ער ווייסט וואָס ער וויל. זיי זענען אים מקנא אפילו דערפאַר, וואָס ער קאָן זיך אַזוי לייכט אָפּזאָגן פון די לעבנס־תענוגים צו וועלכע זיי זענען פאַרשקלאַפט. זיי זענען אים מקנא צוליב זיין שפּאַר־ביכל, ווייל זיי זעען שוין ווי ער אַרבעט זיך אַרויף וואָס אַמאָל העכער און העכער, זיי זעען שוין ווי ער דערגייט צו אַ גרויס פאַרמעגן, ווי ער ווערט רייך, ווערט זעלבסשטענדיק און דיקטירט זיין ווילן אַנדערע.

זיין פאַנטאַזיע האָט זיך צעשפּילט. ער האָט זיך געפילט באַפרייט פון אַלע שוואַכקייטן וואָס פלעגן אים דאַך פון צייט צו צייט מאַטערן. איצט האָט ער שוין אויף זיכער געוווסט, אַז זיין אַסקעטישע וועלט וועט זיך נישט איינברעכן. איצט האָט ער שוין אויף זיכער געוווסט, אַז קיין שום זאַך אין דער וועלט און קיין שום מענטש אין דער וועלט וועט נישט מסוגל זיין אים אַראָפּצופירן פון זיין וועג. ער האָט געוווסט, אַז עס וואַרט אים אַ פאַרביטערטער קאַמף מיט דער חברה משרתים, ער האָט געוווסט, אַז זיי וועלן אים פאַרפאָלגן אויף טריט און שריט. אָבער ער האָט דערפאַר מער נישט מורא געהאַט. ס׳זענען פון אים מיטאַמאָל אַוועק אַלע שרעקן, אַלע פחדים. ער האָט שוין מער נישט מורא געהאַט פאַר זייער שלעכטער נאָענטקייט. ער האָט נאָר געוווסט איין זאַך: פון דעם געשעפט וועט ער נישט אָפּטרעטן, אפילו ווען ס׳זאָל אים אויסקומען איבערצוטראָגן די גרעסטע ענויים. ער איז געווען זיכער, אַז געווינען דעם קאַמף וועט ער, ער און נישט זיי. ער וואָלט איצט געקענט שווערן אַז אַזוי וועט עס זיין. ער האָט געזען מיט אַלע זיינע חושים, אַז דער מאָרגן געהער צו אים, און ער איז אים דרייסט און אַנטשלאָסן אַנטקעגנגעגאַנגען.

*

ווען סוליק איז זונטיק אינדערפרי געקומען אין געשעפט האָט קיי־נער נישט דערקענט אויף אים, אַז מיט אים איז עפּעס געשען. ער איז געווען רויק און באַהערשט. ער איז צוגעטרעטן צו זיין טאָג־טעגלעכער

אַרבעט מיט דער גאַנצער נאַטירלעכקייט, וואָס איז געפלאָסן פון זיין פּליכטס־געפיל. די משרתים האָבן געקוקט אויף אים, אויף זיין פאַרהאַלטן זיך מיט נייגער און מיט חוזק. ער האָט זיך דאָס אַלץ געמאַכט נישט זען. ער האָט זיי אויך אויפגעהערט אויסצומיידן. פאַרקערט, זיך געדריט נעבן זיי, געווען אין זייער געזעלשאַפט. ווען ס׳איז געקומען די צייט פון עסן האָט ער זיך שוין נישט באַהאַלטן ווי ביז איצט, נאָר אַוועקגעזעצט זיך ווו אַלע זענען געזעסן, פונאַנדערגעוויקלט זיין פּעקעלע געגעסן אין אַלעמענס אויגן זיין טרוקן ברויט מיט די זויערע אוגערקעס. דער ריח פון די האַרטע אייער, קאַלטע „יאַיעטשניצעס" און געפּעקלטע פליישן, וואָס די משרתים האָבן געגעסן, האָט אים דערמאָנט אין דער שבתדיקער סעודה אין רעסטאָראַן און אַרויסגערופן אין אים אַן איבלדיקייט, אָבער ער האָט זיך שנעל באַהערשט און ווי ס׳וואָלט גאָרנישט געווען געבליבן זיצן אין זייער געזעלשאַפט.

אויפן ערשטן בליק האָט מען נישט געקאָנט דערקענען אין אים קיין שום ענדערונג. אָבער ווער ס׳האָט זיך גוט צו אים צוגעקוקט, דער האָט געקאָנט באַמערקן ווי זיינע בלוי־שאַרע צונויפגעצויגענע קורצזיכטיקע אויגן האָבן זיך נאָך מער צוזאַמענגעצויגן און אויסגעזען ווי צוויי דינע שאַרפן פון שטאָלענע מעסערס. מען האָט אויך געקאָנט זען ווי אויף זיין שמאָלן פּנים האָבן זיך איינגעביסן צוויי קנייטשן, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן ביים סוף פון דער נאָז און פאַרענדיקט האַלב־קיילעכדיק אונטער דער אונטערשטער ליפּ, און וועלכע האָבן זיין ניינצן־יאָריק פּנים געשטעמפּלט מיט די ערשטע און אַזוי פּריצייטיקע סימנים פון אַלטקייט און ביטערער לעבנס־דערפאַרונג.

סוליק האָט ווייטער אויסגעפירט אַלע באַפעלן און געווען אויפמערקזאַם צו אַלע אָנווייזונגען, וואָס די משרתים האָבן אים געגעבן, אָבער שוין אָן דער ביז איצטיקער אונטערטעניקייט. ער איז געווען שטענדיק גרייט צו דינען, אָבער עפּעס האָט זיך געפילט אין זיין איצטיקער דינסטגרייטקייט, אַז ער מיינט דעם קונה, דאָס געשעפט, אָבער נישט מער די משרתים. נישט זיי גרינגער צו מאַכן גייט אים, נאָר זיין כוונה איז צוצובונדן דעם קונה צו זיך. אין זיין פּנים און אין זיינע באַוועגונגען האָט

זיך געזען אַ געצוימטקייט, אַ שטרענגקייט, אַ פאַרביסנקייט און עקשנות. פון דעם דאָזיקן אויסדרוק פון זיין פּנים און פון זיינע אָפּגעהאַקטע באַוועגונגען פלעגט איצט די משרתים טיילמאָל ווערן אַזש אומהיימלעך.

זיי האָבן פּראָבירט אים ווייטער גרינגשעצן, אַוועקמאַכן מיט דער האַנט, טרייבן פון אים ביליקן חוזק. אָבער אים האָט דאָס נישט געאַרט. ער האָט זיך געמאַכט דאָס אַלץ נישט זעען. ער האָט געוווּסט, אַז מיט דעם אופן פאַרהאַלטן זיך ווילן די משרתים פאַריאָגן פון זיך עפּעס אַ מורא, וואָס ער, סוליק, וואַרפט אויף זיי אָן, כאָטש נישט ער און נישט זיי האָבן נישט געוווּסט פאַרוואָס זיי דאַרפן פאַר אים מורא האָבן און פונוואַנען נעמט זיך צו זיי דאָס דאָזיקע געפיל.

אין איינעם אַ טאָג איז סוליק געקומען אין געשעפט אַריין אָנגעטון אין אַ פּאָר בינאָקלען. ער איז געווען פון געבוירן אַ קורצזיכטיקער, נאָר ביז איצט האָט ער קיין ברילן נישט געטראָגן. קינדווייז — ווייל אין זיין אָרעמער שטוב האָט זיך קיינער מיט דעם פעלער זיינעם נישט אינטערעסירט און שפּעטער — ווייל ער האָט נישט געוואָלט, אַז דאָס זאָל אים שטערן צו באַקומען אַרבעט. איצט, נאָך צוויי יאָר אָפּאַרבעטן אין געשעפט, האָט ער זיך געפילט אויף אַזוי פיל זיכער, אַז ער האָט געוווּסט, אַז ברילן וועלן אים שוין אין גאָרנישט פאַרשאַטן. אויך האָט זיין געענדערטע שטעלונג צו די משרתים באַפרייט אים פון דער קוועל, וואָס ער האָט איבערגעטראָגן צוליב זיין קורצזיכטיקייט, ווי זי האָט אים באַפרייט פון אַ סך אַנדערע קוועלן, וועלכע האָבן אים ביז איצטער געמאַטערט. די בינאָקלען האָבן אים דערלויבט ברייטער צו עפענען די אויגן, צו קוקן מיט זיי זיכערער און צו זען שאַרפער און קלאָרער. די משרתים האָבן אויך אין דעם געזען אַ סימן פון אַן ענדערונג וואָס איז, אָדער וועט אַריינטרעטן אין סוליקס לעבן. זיי האָבן נישט אויפגעגעבן זייער קאַמף מיט אים. פאַרקערט, זיי האָבן אים נאָך פאַרשטאַרקט און פאַרשאַרפט, זיי האָבן אים פאַרפאָלגט אויף שריט און טריט, אָבער געקוקט אויף אים האָבן זיי גאָר אַנדערש ווי ביז איצט. זיי האָבן געקוקט אויף אים מיט אַ וואַקסנדיקן נייגער און מיט אַן אומרויִקייט, וועמענס סיבה זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען, נאָר זיך נישט געקאָנט פון דעם באַפרייען.

אין עטלעכע וואָכן אַרום, נאָכדעם ווי סוליק האָט אָנגעטון די ביי־נאָקלען, האָט אים דער אייגנטימער פון געשעפט, אין אַ פּרייטיק בעתן אויסצאָלן די געהאַלטן, דערקלערט אין דער אָנוועזנהייט פון אַלע משרתים, אַז פון איצט אָן, ווערט ער, סוליק, אויפגעהויבן צו דער שטופע פון אַ משרת און זיין געהאַלט ווערט אויסגעגליכן מיטן געהאַלט פון אַלע אַנדערע משרתים. דערביי האָט ער די לעצטע אָנגעזאָגט און פאַרזאָגט זיך להבא צו באַנוצן מיט סוליקן אויף שיקן גענג, אויף אָנצוװאַרפן אים אַרבעטן, וואָס געהערן נישט צו אים. ער האָט אָנגעזאָגט די משרתים זיי זאָלן זיך נישט דערוועגן מער אויסנוצן סוליקס דינסט־גרייטקייט און אַרבעטסזאַמקייט פאַר זיך, בכדי זיך לייכטער מאַכן. זיי אַלע זענען איצט גלייך, קאָנען זיך קעגנזייטיק זיין בייהילפיק, אָבער קיינער האָט נישט דאָס רעכט אויסצונוצן אַ צווייטן בלויז דערפאַר, וואָס ער אַרבעט שוין לענגער אין געשעפט, אָדער דערפאַר וואָס ער איז אַ געבוירענער אַ וואַרשעווער.

סיי סוליקן און סיי די משרתים האָט נישט אַזוי פאַרוווּנדערט דאָס, וואָס ער האָט אַזוי גיך, בסך־הכל נאָך אָפּאַרבעטן צוויי יאָר, אַוואַנסירט אַזוי הויך. מער פון אַלעם האָט זיי דערשטוינט דאָס, וואָס דער בעל־בית האָט זיך פאַר סוליקן איינגעשטעלט און אים פאַרטיידיקט קעגן זייער באַציאונג צו אים. זיי האָבן זיך אָנגעשטויסן, אַז דער בעל־הבית ווייסט עפּעס וועגן זייער ביז איצטיקער באַציאונג צו אים. זיי האָבן אויך פאַר־שטאַנען, אַז דאָס וואָס דער בעל־הבית האָט געזאָגט נעמט זיך נישט פון אים אַליין, אַז אונטער זיינע ווערטער שטייט אימיצער, וואָס האָט גע־וואָרפן אויף סוליקן אַן אויג און באַגלייט אים כסדר און וואַכזאַם אין זיין לעבנס־וועג.

באַרג אַרויף

עס האָט זיך טאַקע גאָר גיך אַרויסגעוויזן, אַז סוליקס שנעל און הויך אַוואַנסירן אין געשעפט איז נישט געקומען בלויז ווי אַ באַלוינונג פאַר זיין שווערער און געטרייער אַרבעט. אויך איז זיין בעל־הבית נישט געווען דער מענטש מיט דעם שאַרף דורכדרינגלעכן אויג, וואָס זאָל קאָנען אָפּשאַצן די פעיקייטן, וואָס סוליק האָט פאַרמאָגט און וועלכע זענען נאָך געווען אין אים כמעט אין גאַנצן פאַרבאָרגן. די משרתים און ער, סוליק, אַליין האָבן דאָס ריכטיק פאַרשטאַנען, זיי זענען געווען גערעכט. אונטער דעם פּרינציפּאַלס פּלוצימער אויפמערקזאַמקייט צו סוליקן איז געשטאַנען אימי־צער מיט אַן אָפּן, וואַך אויג, אימיצער מיט אַ ווייטן בליק, גרויסער מענטשן־קענטשאַפט און חוש פאַר כאַראַקטער. דער וואָס האָט זיך אויף סוליקן באַלד דערקענט און מיט גרויס אינטערעס נאָכגעפאָלגט נאָך יעדן זיין טריט, דאָס איז געווען — זעלמאַן כייקין.

זעלמאַן כייקין איז געווען אין וואַרשע פון די ערשטע באַקאַנטע, גרויסע מאַנופאַקטור־קאָמיסיאָנערן. ער איז אַהערגעקומען צוזאַמען מיט די ערשטע יידישע שניט־סוחרים, וואָס האָבן געעפנט זייערע געשעפטן אויף די גאַסן נאַלעווקי, גענשע און פראַנציסקאַנער און דאָ געשאַפן דעם אָנהויב פון דעם שפּעטערדיקן גרויסן און ברייט פונאַנדערגעוואַקסענעם יידישן מאַנופאַקטור־צענטער. די יידישע סוחרים האָבן אַהערגעבראַכט זייער פלייס, אויפטוערישקייט און געלט. זיי האָבן געדונגען גרויסע פּראָנ־טאָווע דירות, אויסגעהאַקט און איבערגעשטעלט ווענט, אַרומגעשטעלט אַרום זיי ברייטע, אָפענע שענק און פּאָליצעס הויכע ביז צו די סאַמע סופיטן אַרויף. מען האָט אויסגעהאַקט טירן, וויסטאַוועס און סתם פענצ־טער.. איבער די טירן און פענצטער האָט מען אויפגעהאָנגען לאַנגע, בלעכענע שילדן מיט גאָלדענע רעליעף־אותיות, וואָס האָבן אויף רוסיש און פּויליש אין קורצן דערציילט, וואָס עס פאַרמאָגן די געשעפטן מיט די טיפע טונקעלע שטובן. צווישן די פענצטער האָבן געהאָנגען קלענערע

שילדן און אויף זיי זענען מיט יידישע אותיות געווען אויפגעמאָלן: „נידערלאַגע פאַן וואָללע, טוך אונד פערשידענע מאַנופאַקטור־וואַרען”. די שניט־געשעפטן האָבן אַהערגעבראַכט דעם שאַרפן ריח פון צייג. אַ ריח פון פרישער פאַרב האָט זיך געטראָגן פון די געעפנטע באַלנס געבלימלטע קרעטאָנען, אַ געדעמפּטקייט איז געגאַנגען פון די פּעק דיקע, געקעסטלטע טיכער און אַ שטילער, אַ ווייטער, האַלב־זיסלעכער גערוך פון שעפסן האָט זיך געפילט פון די וואָלענע סחורות און איבער דעם אַלעם האָט זיך גע־טראָגן דער ריח פון פאַק־לייוונט, ווי דער שטאַרקער, פאַרשיכורנדיקער ריח פון טרוקן היי.

עס האָט זיך אין די געשעפטן געהערט דער שווערער אַראָפּפאַל פון די סאָלידע, געדיכטע טוך־סחורות, עס האָט זיך געהערט דאָס ברעכן זיך פון די שטייפע, ווייסע קאָפּעס אין וועלכע די שטיקער טייערע טוכן זענען געווען איינגעהילט און עס האָט נישט אויפגעהערט דער איידעלער, שטי־לער געשאָרך פון דעם עכטן, פראַנצויזישן זייד. עס האָבן ווייך געגלעט דאָס אויג די סאַמעטן מיט די וועלוועטן און דער גאָלדענער און זילבער־נער בראָקאַט האָט געבלענדט מיט רייכקייט. יידישע סוחרים, סתם באַ־לעבאַטישע מענטשן און חסידישע יידן זענען נישט נאָר געפאָרן נאָך סחורות קיין לאָדזש און טאָמאַשאָוו, נאָר דורך בערלין, פּאַריז האָבן זיי דערגרייכט אַזש קיין ליאָן, וווּ זיי האָבן איינגעקויפט פאַר זייער רייכער קונדשאַפט פון וואַרשע און די גרעסערע פּראָווינץ־שטעט, סאַמעט און זייד, האַפטן און שפּיצן, בראָקאַט און אַדאַמאַש.

עס האָבן זיך אַ ראַיע־געטון אַרום די מאַנופאַקטור־געשעפטן יידישע סוחרים און קליינע קרעמער פון דער גאַנצער פּוילישער פּראָווינץ. אין די סעזאָן־צייטן ערב־פּרילינג און ערב־האַרבסט איז אויף די גאַסן נאַלעווו־קעס און גענשע געווען אַ געדראַנג נישט דורכצוגיין. פּראָווינצער סוחרים מענער און פרויען אין זייערע שבת׳דיקע אויבער־מלבושים מיט קויש־לעך און וואַליזקעס אין די הענט האָבן פאַרפולט די טראָטואַרן, גייענדיק מיט איילִיקע טריט, באַטראַכט און מיט אַ פּלאַן. פּלייצע־טרעגער האָבן אַרויסגעטראָגן פון געשעפטן סחורות געפּאַקטע אין פּאַק־לייוונט מיט אויפגעמאָלטע אויף זיי מיט שוואַרצן טינט נעמען פון די סוחרים, צו וועמען

די פּעק האָבן שוין איצט געהערט. די טרעגער האָבן געטראָגן די פּעק אין „זאַיאַזדן" אויף באַניפּראַטן גאַס, ווו עס האָבן אויף זיי געוואַרט הויכע בוידן באַדעקטע מיט קיילעכדיקע פלאַנדעקעס. קורצע, ברייטביינינקע יידן, אין וואַטענע שפּענצערס, מיט אָפּגעבערענטע פּנימער, באוואַקסענע ביז צו די קין־באַקן מיט געדיכטע געלע בערד, מיט בלויע, גויאישע אויגן און מיט יידישן דרך־ארץ פאַר נגידים, האָבן צוערשט, אין דער טיף פון דער בויד, אויף די סאַמע בעסטע ערטער פאַרלאָדן די גרויסע פּעק מאַנו־פאַקטור פון די רייכערע פּראָווינצער־סוחרים. ערשט דערנאָך האָבן זיי גענומען די פּעק פון מיטעלע און צום סאַמען סוף פון גאָר קליינע סוחרימלעך.

*

נאָך די ימים־טובים און דער עיקר סוכות, ווען עס האָט זיך אָנ־געהויבן די צייט פון זיך גרייטן אויף חתונות, פלעגן פאַר די שניט־געשעפטן פאַרפאָרן דראָזשקעס פון וועלכע עס זענען אויסגעשטיגן עלע־גאַנטע דאַמען מיט יונגע כלה־מיידלעך — אויף איינקויפן וויפּראַוועס. די דאַמען זענען געגאַנגען אָנגעטון אין ראָטאָנדעס (פּעלערינעס) פון סאַמעט אָדער טוך, פון שוואַרץ אָדער טונקל־גרינעם קאָליר, אונטערגע־שלאָגן מיט דעם בעסטן פייַנעם פוטער. פון אונטער די ראָטאָנדעס האָט מען אַרויסגעזען אַ שטיק פונעם קלייד, וועלכעס איז געווען אינגאַנצן אין זיידענע און סאַמעטענע פאַסן. די זיידענע פאַסן זענען געווען אויסשעמע־רירט מיט זילבערנעם אָדער גאָלדענעם שוטאַזש. די ראָטאָנדעס האָבן אויך געהאַט פון זעלבן פייַנעם פוטער שאַלאָוועַ קראַגנס. אויף די העל־דזער האָבן די דאַמען געטראָגן שנורן געקנייטשטע, ראָזלעכע פערל, אָדער דיקע, גאָלדענע קייטלעך מיט ברילאַנטענע קאָליעס. פון די שוואַרצע „מעטינקעס" האָבן זיך אַרויסגעזען די שפּיצן פון זייערע ווייסע פינגער און אויף די קעפּ האָבן זיי געטראָגן הוטן מיט שטרויס־פעדערן.

די כלה־מיידלעך זענען געגאַנגען אָנגעטון אין פאַלטנס פון קאָ־לירטן טוך, הויכע שיך און הוטן מיט אַ סך בלומען. ווי נאָר אַזאַ דראָזש־קע איז פאַרפאָרן פאַר אַ שניט־געשעפט פלעגט דער פּרינציפּאַל אָדער דער הויפּט־משרת אַנטקעגנלויפן אויפצונעמען די רייכע קונדן. עס האָבן

ס׳האָבן זיך באַלד אַרומגעשטעלט אַרום זיי עטלעכע משרתים...

זיך באַלד אַרומגעשטעלט אַרום זיי עטלעכע משרתים און אָנגעהויבן אָנ־וואַרפן פלאַטשיקע שטיקער זייד, פּודלעס מיט קיילעכדיקע שטיקער סאַ־מעט און וועלוועט, זילבערנעם און גאָלדענעם בראָקאַט, וועלכע די פּרויען האָבן מיט פאַרגעניגן געגלעט מיט זייערע לאַנגע, אויסגעצערטלטע פינ־גער. טיילמאָל פלעגט אַן עלטערע דאַמע אויפזוכן פון צווישן די פאַלדן פון דער ראַטאָנדע דעם גאָלדענעם „לאַרניאַן", וועלכער איז דאָרט גע־האָנגען אויף אַ דין קייטעלע, אָננעמען אים ביי זיין עמאַלירט הענטל מיט אַ באַוועגונג פול מיט גראַציע אים צולייגן צו אירע רויקע אויגן, און מיט אַ בליק פול מיט דיסטינקציע און איינצייטיק מיט פאַרבאָרגענער באַוווּנ־דערונג קוקן אויף די סחורות, שענקנדיק דערביי זעלטן אַ בליק די משרתים.

ווען אַלץ איז שוין געווען אָפּגעקליבן, אַוועקגעלייגט און פאַרצייכנט, האָט דער פרינציפּאַל אָדער דער משרת צוגעטראָגן דעם פאַרצייכן־צעטל צו דעם אָרט, ווו אויף אַ פּאָדיום, וואָס האָט זיך אויפגעהויבן איבער די טישן, איז געזעסן נעבן אַ הויך קאַנטאָר־טישל, ווי נעבן אַן עמוד, אַן עלטערער מענטש אין גאָלדענע ברילן אויף אַ שוואַרץ זיידן שנירל. נעבן אים איז געלעגן אָפן דאָס „קאָנטאָ־בוך" און אַביסל צו דער רעכטער זייט צו אַ האָלצערנער ציילער.

אין דעם מאָמענט ווען מען האָט צוגעטראָגן דעם צעטל צום קאַנטאָר, האָבן די דאַמען געהאַלטן זייער ענין פאַר דערלידיקט. זיי האָבן זיך פּאַמעלעך אויפגעהויבן פון די שטולן, אויף וועלכע זיי זענען די גאַנצע צייט געזעסן, זיך אויסגעדרייט מיט די פּנימער צו דער טיף פון געשעפט, ווי פרומע יידן דרייען זיך אויס ביי מודים צו דער מזרח־זייט און טוענדיק לייכט אַ בויג מיט די קעפּ, שנעל פאַרלאָזט דאָס געשעפט, באַגלייטע דורך דעם אייגנטימער און עלטערע משרתים.

אויב נאָכן פאַרלאָזן דאָס געשעפט האָט מען נאָך געהאַט איינצוקויפן ווייסע שטאָפן אויף וועש, האָט מען דאָס כלה־מיידל מיט איין עלטערער דאַמע אָפּגעשיקט אַהיים. בלויז די עלטערע דאַמעס האָבן זיך פאַרנומען מיט דעם אינטימען טייל פון דער כלה׳ס „וויפּראַווע": מיטן צוקלייבן וועש, באַטיסט און אַדאַמאַש אויף איבערצוג און אונטערוועש.

*

טײלמאָל פלעגן פּאַר די געשעפטן פאַרפאָרן „גומקעס״ (דראָזשקעס אויף גומענע רעדער), פון װעלכע עס פלעגן אויסשטײגן פרויען אין קאַטיקענע סאַלאָפּעס און די קעפּ אַרומגענומען מיט שװאַרצע, שװערע, זײדענע ליאָנער שאַלן. באַלד װי די גומקעס פלעגן זיך אָפּשטעלן זענען פאַרפאָרן דראָזשקעס מיט אײנעם אָדער צװײ יידן אין לאַנגע שװאַרצע פּאַלטנס, אין גרויסע טוכענע אָדער סאַמעטענע היטלען און אין הויכע שטיװל. די פרויען דאָס זענען געװען רביצינס, װײבער פון באַקאַנטע פּױלישע רביים, פרויען פון רײכע רבישע הײף און זײערע קרובות. די מענער זענען געװען גבאים און שמשים, װאָס די רביים, פלעגן מיטשיקן זײ זאָלן זײן בײהילפיק די פרויען בײם אײנקויפן. די רביצינס פלעגן נישט נאָר קומען קויפן סחורות אויף כלה־װיפּראַװעס, זײ האָבן אויך אײנגעקויפט חתן־װיפּראַװעס, װײל נישט די רביים פּונקט װי די רבישע חתנים האָבן זיך מיט אַזעלכע זאַכן נישט פאַרנומען. װען די פרויען פלעגן זיך אַװעקזעצן, האָבן זײ אָפּגעקנעפּלט די נידעריקע קנעפּ פון דער סאַלאָפּע, אַװעקגעשאַרצט די ברײטע פּאָלעס און דורך די אָפּגעדעקטע טײלן פון די זײדענע קלײדער האָט זיך אָנגעזען די פולקײט פון זײערע היפטן, װאָס האָבן מיט הנאה זיך צעשפּאַרט אויף די קלײנע, קײלעכדיקע בענקלעך. פון די שטויסן דערלאַנגטע סחורות, פון דער רחבות׳דיקער מעגלעכקײט צו קויפן אַלץ װאָס זײער האַרץ גלוסט, פון די יונגע משרתים, װאָס האָבן אַזוי נאָענט געדרײט זיך נעבן זײ און צו זײ גערעדט אַזוי העפלעך מיט פרישע שמײכלען אויף זײערע יוגנטלעכע פּנימער, האָט אויף די פרויען געשלאָגן מיט אַ פאַרשיכורנדיקער װאַרעמקײט. זײ האָבן פונאַנדערגעװיקלט די שאַלן און זײ לויז געמאַכט אַרום די װײסע װי אַלאַבאַסטער פולע העלדזער. זײ האָבן אָפּגעקנעפּלט די אויבערשטע קנעפּ פון די סאַלאָפּעס און פון די ״עקאָלטן פון זײערע זײדענע, צי דראַדידאַמענע קלײדער האָט אַרויסגעקוואָלן מיט פולע, העל־ראָזע לײבער, װאָס זענען געװען אָנגעפילט מיט רויקײט און זאַטקײט און געטראָגן אין זיך דעם רײץ פון גלוסטונג און אָפּגעהיטנקײט. דאָס זענען אַממערסטנס געװען יונגע פרויען, יונגע מאַמעס, װאָס האָבן זיך שוין געגרײט חתונה מאַכן

זייערע גאָר יונגע קינדער. דאָס זענען געווען פרויען, וואָס האָבן פון אַזוי יונג געוווסט דעם סוד פון לעבן. דאָס האָט זיי געמאַכט קלוג, מיט אַ ספּע־ציעלן מין לעבנס־חכמה. פון דער פריער רייפקייט, פון די פּרי־אַנט־פּלעקטע סודות, האָבן זיי געטראָגן אין זייערע לייבער עפּעס אַ באַזונדערע זיסקייט. זיי האָבן זייער אַ סך פאַרשטאַנען, געווען נאָכגיביק און דערביי שטאָלץ און הערשנדיק. זיי האָבן געטראָגן די רייכסטע שטאָטן און אויף די אָפּגעגאָלטע קעפּ — קופּקעס מיט ציטער־שפּילקעס אָדער מיט זיידענע בענדער, וועלכע זיי האָבן איצט פאַרבאַהאַלטן אונטערן געדיכטן שלייער פון די שוואַרצע שאַלן.

ווען די רביצינס האָבן זיך שוין געהאַט אָפּגעקליבן די סחורות, האָבן די גבאים דערליידיקט דעם געלט־ענין מיטן אייגנטימער פון גע־שעפט און די פרויען פלעגן אַוועקפאָרן אויף די „גומקעס“, וואָס האָבן אויף זיי אין דרויסן געוואַרט.

*

פּאַמעלעך און מיט בנעימותדיקע טריט פלעגן אַריינקומען אין די געשעפטן יידן אין די מיטעלע יאָרן, מיט פיין אויסגעקעמטע בערד, אָנגעטון אין זייערע שבת־יום־טוב׳דיקע מלבושים. נעבן זיי פלעגט גיין אַביסל אַ פאַרשעמטער, אַ שמאָל בחור׳ל, מיט קוים שפּראָצנ־דיקע וואָנסעלעך און מיט נאָך גאָר אַ קאַרגן אָנזאָג אויף אַ בלאָנד צי שוואַרץ בערדל אַרום זיינע בלייכע באַקן. דאָס זענען געווען אַ טאַטע מיט אַ זון, אַ חתן, און אַ פעטער אַ מבין, וואָס זענען געקומען נעמען אויף אַן אויסשטייער פאַרן חתן. דאָ איז נישט געווען קיין סך צו קלויבן. דער „נוסח“ איז שוין געווען באַקאַנט. שטאָף אויף אַן אַטלאַסענער קאַפּאָטע און אויף אַ זיידענער(צי ריפּסענער), שוואַרצן טוך אויף אַ געהאַקטער קאַפּאָטע מיט זיידענע קלאַפּעס, קאַמגאַרן מיט זייד אויף אַ מער טעגלעכער קאַפּאָטע, געשטרייפטן קאַמגאַרן־שטאָף אויף עטלעכע פּאָר שטוטשקאָווע הויזן, זיידענעם אדאמאש אויף אַ לייכטערן שלאַפראָק און געדרוקטן סאַמעט, אָדער וועלוועט אויף אַ ווינטערדיקן שלאַפראָק.

מען איז געזעסןביים טיש, אָדער ביי דער הויכער שטול אויף וועלכער עס זענען געלעגן אַביסל פונאַנדערגעוויקלט די סחורות. מען

האָט געריויכערט שאַפּאַשניקאָוס שטאַרקע פּאַפּיראָסן „סמירנא״, מען האָט געשמועסט. דער פעטער, דער מבין האָט פון צייט צו צייט אַרויסגעצויגן אַ פאָדעם פון די דערלאַנגטע סחורות און אים געדרייט אין די פינגער, אָדער אָנגעצונדן אַ זאַפּאַלקע, צוגעלייגט דאָס פייער צום וואָלענעם פאָדעם, געזען צי ער ברענט און געשמעקט צו דעם אָפּגעברענטן טייל. מיילמאָל האָט אַזאַ פעטער, אַ מבין, ביי דער געלעגנהייט פון פּרוּוון דעם פאָדעם, געוויזן הינטערוויילעכץ דעם געשעפטס־אייגנטימער אַ האַנט מיט אויסגעשטרעקטע פינף פינגער, וואָס דאָס האָט געזאָלט באַדייטן, אַז ער וויל דערביי פאַרדינען פינף פּראָצענט...

צו באַדינען די עלעגאַנטע דאַמען, צי די רביצינס, צי אפילו די מענער, וואָס זענען געקומען אין די געשעפטן קויפן אויף „וויפּראַוועס״, האָט מען נאָר צוגעלאָזט די משרתים, וואָס זענען געווען וואַרשעווער יינגלעך, קינדער פון שיינע און גוטע, חסידישע, פאַרמעגלעכע היימען. סוליקן האָט מען קיינמאָל צו אַזעלכע קונים נישט צוגעלאָזט, אפילו דאַמאָלט ווען ער איז שוין געווען אַ זעלבשטענדיקער משרת, און שוין צו זיך אַליין געהאַט אַ געהילף. סוליק האָט נאָר באַדינט די פּראָווינצער סוחרים. ער איז געווען באַשעפטיקט ביים הורט־האַנדל. צו די אַריסטאָ־קראַטישע קונים האָט ער נישט געהאַט קיין צוטריט. עפּעס האָט זיין גאַנ־צער אויסקוק און הילוך, זיין אופן רעדן נישט געפּאַסט צו זיי. סוליק האָט זיך אויך צו דעם דאָזיקן מין קונים נישט געריסן. אָט די שיינע, עלעגאַנטע דאַמען, צי בלענדנדיקע רביצינס און זייערע שיינע קרובות האָבן אים פּשוט נישט אינטערעסירט. ער איז געווען צו זיי, צו זייער גלאַנץ און צויבער גלייכגילטיק, ווי גלייכגילטיק עס איז אַן אָרעמאַן צו אַ שוי־פענצ־טער מיט ברילאַנטן. ער האָט זיך זייער גוט געפילט און זיך אויסגעלעבט אין הורט־האַנדל, מיט די פּראָווינצער יידן. דאָ האָט ער אויך נאָך דעם ווי מען האָט אים באַשטימט פאַר אַ משרת, דאָס ערשטע מאָל געערעדט מיט זעלמאַן כייקינען.

דאָס אָנקומען אין אַ מאַנופאַקטור־געשעפט אויף גענשע, נאַלעווקעס צו פראַנציסקאַנער גאַס, האָט שוין גאָרנישט געהערט אין יענע צייטן, צו די לייכטע זאַכן. קינדער פון די בעסטע נגידיש־חסידישע היימען, וואָס

האָבן נישט אַרויסגעוויזן קיין גרויס חשק צו לערנען אָדער וועלכע די עלטערן האָבן פון פאָראויס באַשטימט אויף צו זיין צוקונפטיקע סוחרים. פלעגט מען זיך באַמיען אַריינצוגעבן אין די מאַנופאַקטור־געשעפטן, ווו זיי האָבן דורכגעמאַכט אַלע שטופן פון דער סוחרישער פּראַקטיק, אָנהויבנ־דיק פון אַ שיק־ייִנגל, דערגייענדיק טיילמאָל צו דער מדרגה פון אַ געשעפטס־פירער. אַ סך שפּעטערע גרויסע און באַקאַנטע סוחרים פון דער געגנט און נאַלעווקעס, זענען אַדורכגעגאַנגען דעם דאָזיקן וועג. זיין אַ משרת אין אַ שניט־געשעפט איז געווען דער אָנהויב פון אַ סוחרישער קאַריערע. אַזאַ בחור האָט שוין פּרעטענדירט אויף אַ גרויסן נדן, געטון אַ שיינעם און רייכן שידוך.

דאָס, וואָס מאטוויעי סוליק, אַ פּרעמדער, אַן איינזאַמער, אַן אָרעם ליטוואַקל, מיט אַ טונקל, אויסגעצויגן און אויסגעדאַרט פּנימל האָט מיט אייגענע כוחות, אָן עמעצנס מיטהילף זיך אַריינגעקריגן אין אַזאַ גרויס מאַנופאַקטור־געשעפט, דאָס אַליין האָט שוין זעלמאַן כייקין געהאַלטן פאַר אַ גורל־זאַך.

ער האָט אויך אין סוליקן באַלד דערזען אַ כוח, וואָס וועט גיין עקשנות׳דיק צו דעם אָנגעצייכנטן ציל. און אַ פאַרגלויבטער אין סוליקס גוטן גורל, אַ פאַרקוקטער אין זיין כוח און זיינע פעיקייטן האָט כייקין אים צוגעהאָלפן אין די ערשטע טריט באַרג־אַרויף.

גורל...

ס׳זענען אַוועק טעג, חדשים און יאָרן פון אָנגעשטרענגטער און שווערער אַרבעט אין געשעפט. אין די זומער־ און ווינטער־חדשים ווען די סעזאָנען זענען שוין געהאַט פאַרביי און גאָר קיין סך אַרבעט איז אין געשעפט נישט געווען, האָט זיך סוליק געלערנט בוכהאַלטעריע. ער האָט דאָס נישט געטון דערפאַר, ווייל ער האָט געהאַט בדעה צו ווערן אַ בוכ־האַלטער. ניין, ער האָט נאָר געוואָלט וויסן אַלע סודות פון געשעפטס־פירונג. ער האָט געהאַט אַ נישט געשטילטן הונגער צו וועלן וויסן אַלץ

און קענען טון אַלץ אַליין. ער פלעגט אויספירן אַרבעטן, וואָס האָבן לגמרי צו אים נישט געהערט, אבי צו וויסן ווי אַזוי מען מאַכט דאָס, בכדי צו קענען דאָס טון, ווען ס׳וועט גראָד אַזוי געשען, אַז קיין אַנדערער, וואָס זאָל דאָס טון, אַ חוץ אים, — וועט נישט זיין. מסחר, סוחריי האָט סוליקן אינגאַנצן פאַרכאַפּט, אים פולשטענדיק אויסגעפילט. געלט, פאַרמעגן, ווילשטאַנד — האָבן ביי אים גאָרנישט פאַרלוירן פון זייער פריערדיקן רייץ און באַדייטונג. נאָר מיט דער צייט איז נאָך צו דעם אַלעם צוגעקומען אַ שטאַרקע פאַרטוענקייט אין האַנדל. ער האָט סוחריי פּשוט ליב געהאַט. ער האָט איצט שוין געהאַט אַ צוטריט צו דער געשעפטס־קאָרעספּאָנדענץ, פלעגט ער מיט גרויס פאַרגעניגן לייענען די בריוו פון די גרויסע פירמעס, געשריבענע אויף לאַנגע און ברייטע בויגנס דיק, שאַרכענדיק פּאַפּיר, אויף וועלכן ס׳זענען געווען אויפגעדרוקט די פאַבריקן מיט די הויכע קוימענס און די מעדאַלן, וואָס די פאַבריקן האָבן באַקומען פאַר זייערע גוטע אויסאַרבעטונגען. ער האָט ליב געהאַט זיך צוצוקוקן צו די שיין אויסגעקאַליגראַפירטע אויף זיי סומעס. ס׳איז אים געווען ליב דער רויש פון דעם דינעם פּאַפּיר מיט די וואַסער־צייכנס, אויף וועלכן מען פלעגט שרייבן וועקסלען. זיי האָבן אַרויסגעגעבן פון זיך ביים איינבייגן אַ קלאַנג, ווי מען ברעכט דינעם צעלולאָיד. ער האָט זיך געריסן פאָרן אין די פאַבריקן, פאָרן אין קליינע שטעטלעך צו די קונים, ער האָט געוואָלט אומעטום און ביי אַלץ זיין, מיט אַ ברען און מיט מתמידישער פאַרטראָגנקייט, האָט ער זיך געוואָרפן אויף אַלץ, וואָס האָט מיט מסחר געהאַט אַ שייכות.

די משרתים האָבן נישט געשוויגן. זיי האָבן סוליקן חושד געווען אין חניפה, אַז ער וויל פּשוט געפעלן ווערן דעם בעל־הבית, ער וויל זיך איינקויפן אין זיינע לאַסקעס און אים איבערקויפן מיט מכלומרשטער איבערגעבנקייט צום געשעפט. זיי פלעגן אים פאַרפאַלגן מיט נאַרישקייטן. זיי פלעגן זיך אין יעדער פרייער מינוט צונויפקומען אין די ווינקעלעך פון געשעפט און שושקען צווישן זיך טייטלענדיק אויף אים מיט די פינגער, כאָטש אין דער אמת׳ן האָבן זיי גאָרנישט וועגן אים גערעדט, נאָר געוואָלט אים אַריינברענגען אין אַ פאַרלעגנהייט. זיי פלעגן אים לאַכן אין

פּנים אַריין, אָדער נישט אַראָפּגעלאָזט פון אים קיין אויג, געקוקט אויף אים מיט אַזאַ צודרינגלעכקייט, מיט אַזאַ נאַקעטן בליק, אַז אים האָט זיך נאָר און כסדר אויסגעדאכט, אַז זיין אַנטוועכץ איז עפּעס נישט אין אָרדע־נונג און ער האָט זיך געהאַלטן אין איין קאָנטראָלירן, אין איין באַקוקן זיך פון אַלע זייטן.

ווי פריקרע סוליקן איז דאָס נישט געווען, האָט ער זיך דערפון גאָר־נישט געמאַכט. ער האָט זיי לעצטנס נישט אויסגעמיטן, פאַרקערט, נישט געקוקט אויף דעם אַלעם, איז ער אפילו גרייט געווען זיך צו זיי דערנענ־טערן. האָבן זיי פּלוצים גאָר אינגאַנצן אויפגעהערט מיט אים צו רעדן. אין אָנהויב האָט סוליק אפילו נישט באַמערקט, אַז זיי רעדן נישט צו אים. ער האָט געהאַט אַזוי ווייניק בשותּפותדיקס מיט די רעשט משרתים, אַז ער האָט זיך נישט געכאַפּט, אַז ס'איז צווישן זיי ווידער עפּעס געשען. אָבער ווען ער האָט איינמאָל און נאָכאַמאָל דירעקט זיך צו זיי געוואָנדן — איז אים ערשט קלאָר געוואָרן זייער נייע טאַקטיק. ער איז נישט געוואָרן איבעראַשט, ער האָט זיך דערמיט נישט איבערגענומען, פונדעסטוועגן גלייכגילטיק איז עס אים נישט געווען. עפּעס האָט זיך אין אים אָפּגערופן אַ ווייטער עכאָ פון יענער שרעקלעכער פאַרשעמונג, ווען זיי האָבן אים אָנגעשפּיגן אין פּנים. ער האָט די דערמאָנונג, פון וועלכער ער האָט אַ רגע אויפגעציטערט, פון זיך מיט אַלע כוחות פאַריאָגט.

סוליק האָט שוין אין יענער צייט געהאַט דורכגעמאַכט אַ סך ענדע־רונגען אין זיין לעבן. ער האָט זיך געהאַט איינגעדונגען מיט וווינען און עסן ביי זייער אַ בכבודיקער, נאָר פאַראָרעמטער ליטווישער משפּחה אויף פּאָקאָרנע גאַס, אויף דעם זעלבן הויף, וווּ ער האָט אַ סך יאָרן שפּעטער געוווינט מיט זיין פאַמיליע. ביים לערנען בוכהאַלטעריע, האָט ער זיך געטראָפן מיט אַ ספּעציעלן טיפּ מענטש, וועלכן ער האָט ביז איצט נישט געקענט. דאָס זענען געווען רעזאָניערן, וואָס האָבן אומעטום און אין אַלעם געזוכט די סיבה. מענטשן, וואָס האָבן אַלץ געוואָלט באַנעמען מיטן אייגע־נעם שכל. סוליק האָט איצט איבערגעלעבט זיין ראָמאַנטיש־סוחרישע עפּאָ־כע. אַלע זיינע לידנשאַפטן האָט ער אין דעם אַריינגעלייגט. ער האָט גערעדט וועגן דעם געשעפט ווו ער האָט געאַרבעט, ווי וועגן אַן אייגנס.

אויף די בוכהאַלטערישע־קאַנדידאַטן האָט ער געקוקט ווי אויף זייער נעבעכדיקע נפשות. טייל זענען געווען אומבאַהאָלפן, נאַר רירעוודיק, און טייל קריכנדיק, אַז ס׳האָט אַזש אָפּגעשטויסן פון זיי. סוליק האָט איצט דורכ־געלעבט זיין סוחרישע „שטורעם און דראַנג״ צייט. ער איז געווען פול מיט פאַנטאַזיע און אויפטוערישקייט. ער האָט פון דעם בוכהאַלטערישן טיפ מענטש זיך אָפּגעשלאָגן, ווי מען שלאָגט זיך אָפּ פון אַ זאַמדיקן, יאַ־לאָווען ברעג. אין משך פון די לעצטע יאָרן, זייט מען האָט אים אַרויסגעהויבן צו דער ראַנג פון אַ משרת, האָט ער שוין צוויי מאָל באַקומען הוספות צו זיין געהאַלט. ער האָט אויך אַרויסגעוויזן אויסערגעוויינטלעכע קאָמערציע־לע פעיקייטן. וואָס מער זיי האָבן זיך ביי אים אַנטפּלעקט, אַלץ דרייסטער איז ער געוואָרן, דרייסט און זעלבסטזיכער. די באַקאַנטשאַפט מיט זעלמאַן כייקין, דער וואַרעמער בליק, מיט וועלכן ער האָט סוליקן שטענדיק באַ־שאָנקען איז פאַר אים געווען אַ גרויסע דערמוטיקונג אין די אַלע שווערע און גורלדיקע יאָרן. און ווען סוליק איז צוליב זיין קורצזיכטיקייט באַ־פרייט געוואָרן פון רוסישן מיליטער, האָט זעלמאַן כייקין אים דאָס ערשטע מאָל פאַרבעטן צו זיך אין שטוב.

*

זעלמאַן כייקין מיט זיין קליינער פאַמיליע, מיט אַ פרוי און איינציקע. דערוואַקסענע טאָכטער, האָט פאַרנומען אַ גרויסע, פינף־שטוביקע דירה אין איינעם פון די הייזער אויף נאָוואָליפּקי גאַס. די כייקינס זענען מיט יאָרן צוריק געקומען קיין וואַרשע מיט זייער צוועלף־יעריק טעכטערל פון אַ גרעסער דרום־רוסיש שטעטל. אין דעם שטעטל איז ער געווען אַ גאַנץ בכבודיקער סוחר, אָבער נישט פון די גרויסע. זיין פרוי איז געווען אַ באַ־רימטע אין דער געגנט שיינקייט, זייער אַן עלעגאַנטע, נאָר פון אָפּגעקו־מענע עלטערן, וואָס זענען אַמאָל געווען גוטבאַזיצערס. כייקין האָט געהאַט אַן איינגעבוירענעם חוש און אַ שטאַרק, טיף שטרעבן צו רחבות און צו שיינקייט. דער דאָזיקער ווילן זיינער איז אים געווען אַ שטערונג צו דער־גיין צו דעם וואָס ער האָט געוואָלט און צו וואָס ער האָט געשטרעבט. ער האָט זיך פאַרליבט אין זיין צוקונפטיקער פרוי ווייסנדיק, אַז ער וועט קיין נדן נישט באַקומען. און ווייל ער האָט נישט געהאַט קיין קאַפּיטאַל, האָט

ער געוווּסט, אַז ער איז טאַקע זייער אַ געאַכטעטער סוחר, אַ מענטש צו וועלכן מען באַציט זיך מיט דרך־ארץ, אָבער קיין גרויסער סוחר וועט ער קיינמאָל נישט ווערן. ער האָט ליקווידירט זיין געשעפט אין דער רוסישער פּראָווינץ־שטאָט און געקומען מיט דער פאַמיליע קיין וואַרשע. קיין געלט האָט ער נישט געהאַט, אָדער זייער ווייניק, האָט ער זיך קיין געשעפט נישט געקענט עפענען. אָבער אַזוי ווי ער האָט געהאַט אַ סך באַקאַנטשאַפט אין די סוחרישע קרייזן — איז ער געוואָרן דערוויַיל אַ קאָמיסיאָנער. זיין הויז אין וואַרשע האָט ער נישט איינגעשטעלט לויטן „ליטווישן" נוסח, נאָר לויטן יידיש־פּוילישן. נישט וועגן אָפּשפּאָרן האָט כייקין געטראַכט, נאָר ווי אַזוי צו קענען פירן זיין הויז מיט אַ ברייטער האַנט. ער איז מיט דער ציַיט געוואָרן איינער פון די גרעסטע קאָמיסיאָנערן אין דער מאַנופאַקטור־בראַנזשע, געהאַט די בעסטע און רעיעלסטע קונדשאַפט, געווען באַקאַנט מיט זיין ערלעכקייט און אָפּגעהיטנקייט אין געלט־ענינים, אָבער צוליב זיין ברייט פירן זיך, צוליב זיין פאַרליבטקייט אין שיינע זאכן, שיינע מעבלען, שיין וויַינען — האָט ער זיך נישט דערשלאָגן צו קיין קאַפּיטאַל, און שוין אויף שטענדיק פאַרבליבן דער „דערוויַיליקער" קאָמיסיאָנער.

כייקין אַליין האָט זיך נישט געהאַלטן פאַר קיין „ליטוואַק", נאָר פאַר אַ פּוילישן, כאָטש ביי אים אין שטוב האָט מען, ווי ביי אַלע „ליטוואַקעס", גערעדט רוסיש, און די טאָכטער האָט ער געשיקט אין אַ רוסישער גימ־נאַזיע. געענדיקט האָט זי אָבער נאָר פיר קלאַסן. איר פאָטער האָט לויטן נוסח פון די פּוילישע יידן געזוכט פאַר זיין טאָכטער גיכער אַ תכלית אין אַ גוטן שידוך, ווי אין בילדונג. סיי כייקינס פרוי און סיי דערנאָך די טאָכטער, האָבן געטראָגן זייערע קליידער ביי קריסטלעכע שניַידערינס, ווי כ'איז געווען דער מנהג פון די רייכע יידישע פרויען אין וואַרשע.

שוין רײן אויסערלעך, מיטן בלויזן אָנטון, האָט זיך כייקינס פרוי און טאָכטער שטאַרק אויסגעטיילט פון אַלע אַנדערע ליטווישע פרויען. די טעכטער און די פרויען פון די „ליטוואַקעס" זענען געגאַנגען זייער באַשיידן אָנגעטון. אַ מיידל אין שול־עלטער האָט געטראָגן אַ גימנאַזיע־מונדיר, אַ גראַנאַט אָדער ברוין קליידל מיט אַ ווייס קעלנערל און ווייסע מאַנקעטן. איבערן קליידל — אַ שוואַרצער אַלפּאַגענער פאַרטוך אַרום

מיט אַ געדיכט געמאָרשטשעטער פּאַלבאַנע. דעם פאַרטוך האָט מען געטראָגן פאַרוואָרפן אויף די צוויי אָרעמס מיט צוויי שעלקעס פונעם זעלבן שטאָף און ביי די שענקלען האָט מען עס צוגעקנעפּלט צו די שעלקעס מיט צוויי קנעפּלעך. אויפן קאָפּ — אַ גראַנאַט, אָדער ברוינעם בערעט מיט אַ „גוויאַזדקע". די האָר פאַרקעמט גלאַטיק מיט אַ שרינט אינמיטן און אין די זייטן פאַרפלאָכטן אין צוויי צעפּ. די פרויען און עלטערע מיידלעך האָבן געטראָגן די האָר פאַרלייגט אין אַ „קאָקס", פאַרזיכערט מיט האָר־נאָדלען, אַ שוואַרץ אָדער ברוין, וואָלן קלייד און אַלס אויבער־מלבוש אַ לאַנגן, שוואַרצן פּאַלטן. קיין געפּוצטע הוטן האָבן זיי איינגאַנצן נישט געטראָגן, אָדער געגאַנגען אינגאַנצן אָן אַ הוט, אָדער זומער אין אַ שטרויענעם אַרומגעגנומען מיט אַ זיידענעם שאַרף.

כייקינס פרוי און טאָכטער האָבן אפילו אין שטוב געטראָגן די מאָ־דערנסטע שטאַטן. ווען די טאָכטער איז נאָך געווען אַ גאָר יונג מיידל און געגאַנגען אין גימנאַזיע, איז אין איר גימנאַזיע־מונדיר, אין דעם פּשוטן קליידל מיט דעם אלפּאגענעם פאַרטוך געווען עפּעס אַזעלכעס, וואָס האָט איר אויסגעטיילט פון אַלע איבעריקע חברטאָרינס. שפּעטער ווען זי איז רייף געוואָרן, און דערנאָך ווען איר קערפּער איז באַשאַנקען געוואָרן מיט די אַלע מתנות, מיט וועלכע ס׳ווערט באַשאָנקען דאָס לייב פון אַ יונגפרוי, האָט מען ערשט דערזען איר פאַרכאַפּנדיקע שיינקייט. זי איז געווען זייער ענלעך צו איר מוטער, נאָר די מוטער איז שוין געווען איצט אַביסל שווערלייביק און אויף איר איידל פּנים איז געלעגן אַן אויסדרוק פון אַ מענטש, וואָס איז פון לאַנג וואַרטן געוואָרן מיד. איר טאָכטער דאַקעגן איז נאָך געווען אין סאַמען אָנהויב. זי האָט נאָך אויף גאָרנישט און קיינעם נישט געוואַרט. זי איז געווען זיכער, אַז אַלץ און אַלע וואַרטן אויף איר. זי איז געווען הויך און פול־שלאַנק, געהאַט אַ קאָפּ געדיכטע האָר פון צ קאָליר ווי טונקל קופּער און אַ פּאָר גרויסע בלוי־גרינע אויגן. די האָר האָט זי געטראָגן פאַרקעמט אַרויף און זיי האָבן זיך געטורעמט וואָס אַמאָל העכער אויפן קאָפּ, ווי אַ קרוין. די פאַרקעמטע אַרויף האָר, האָבן אָפּגע־דעקט איר ווייס־ראָזא נישט הויכן שטערן, וועלכער איז געווען אויבן שמעלער און אונטן ברייטער און צוגעגעבן איר ערנסט און פאַרטראַכט

פּנים עפּעס קינדישס. זי האָט געהאַט אַ קליין געטאָקט נעזל מיט עטלעכע געציילטע זומער־שפּרענקעלעך אויף אים, וועלכע האָבן זיך אָנגעזען סיי זומער און סיי ווינטער און געמאַכט איר וואגיקע, מאַיעסטעטישע שיינקייט טיילמאָל שפּילעוודיק. איר פּנים, דער הויכער האַלדז און די אויסגעאיידל־טע הענט זענען געווען לייכט ראָזאַ מיט אַ שימער פון העלקייט. ווען זי האָט געערדט אָדער אַ שמייכל געטון, האָבן זיך פון צווישן אירע ראָזאַ, פולע ליפּן באַוויזן צוויי שורות גלייכע ציין, וואָס האָבן זיך מיט זייער אויסנעמלעכער ווייסקייט אַריינגעשניטן אין דער ראָזאַ־מאַטאָווער טאָנאַציע פון פּנים און אויסגעטיילט איר שיינקייט מיט גאָר אַ באַזונדערן רייץ. אירע ברוסטן זענען געווען קליינע, פולע און געגאַנגען אַרויף־צו, ווי עס וואַקסן צווייגן אויף אַ יונגן בוים. אינגאַנצן האָט איר פיגור אויסגעזען ווי אַ בלומען־וואַזאָן, אונטן שמאָל און אויבן ברייטער. זי האָט געהאַט הויכע געטאָקטע פיס, און כמעט שטענדיק געטראָגן לאַקירטע לאַטשן מיט גאָלדענע שנאַלן.

סיי כייקין סיי זיין פרוי האָבן געקוקט אויף דער טאָכטער מיט אַנטציקונג און מיט אומרו. די מוטער, צו וועלכע די טאָכטער איז געווען אַזוי ענלעך, האָט אין איר געזען נישט נאָר אַ בלוט־פאַרוואַנדשאַפט, נאָר אויך אַ פרויען־גורל פאַרבינדונג. זי האָט איר גאַנץ לעבן געשטרעבט צו רייכקייט און קיינמאָל דערצו נישט דערגאַנגען. זיי האָבן געפירט אַ בריי־טע שטוב, געקליידט זיך לויט דער לעצטער מאָדע, אָבער געלעבט שטענ־דיק איבער די כוחות. נישט געקוקט אויף דער שטאַרקער אָפּגעהיטנקייט אין געלט־ענינים, זענען די כייקינס געווען אפילו אַביסל פאַרפּלאָנטערט אין פּריוואַטע חובות. די מוטער האָט זייער מורא געהאַט, אַז דער טאָכטערס גורל זאָל נישט זיין דער זעלבער וואָס איר אייגענער.

די כייקינס האָט, אַ דאַנק זייערע כאַראַקטער־אייגנשאַפטן, שטאַרק געצויגן צום יידיש־פּוילישן לעבנס־שטייגער. זיי האָבן זיך געוואָלט דאָ, אין וואַרשע, איינבירגערן, זיך פאַרוואָרצלען. די איינציקע מעגלעכקייט דערצו האָבן זיי געזען אין שליסן אַ שידוך צווישן זייער טאָכטער און אַ פאַרגעשריטענעם יידיש־פּוילישן יונגנמאַן. נאָר אַזוי אַרום האָט זיך דער ליטווישער מענטש אין פּוילן געקאָנט דערשלאָגן צו אַ העכערער

סאָציאַלער שטופּע. ווי פּעיק דער ליטווישער מענטש אין פּוילן איז נישט געווען, וויפל ער זאָל נישט האָבן אַרויסגעוויזן איניציאַטיוו און לייכט־קייט ביים צופּאַסן זיך צו די געענדערטע אַרומיקע באַדינגונגען און זיך אין זיי איינצואָרדענען — איז ער דאָך פאַרבליבן דער עיקר אַ פּאַרמיט־לונגס־עלעמענט. די „ליטוואַקעס" זענען געווען פּאָדריאַטשעקעס, עקספּע־דיטאָרן, וואַיאַזשאָרן, אַקוויזיטאָרן, קאָמיסיאָנערן, ווינקל־אַדוואָקאַטן א.א.וו. פאַבריקאַנטן און גרויסע סוחרים זענען זיי געוואָרן כמעט נאָר דאַ־מאָלט, ווען זיי איז דורך אַ שידוך־פאַרבינדונג געלונגען זיך צו פאַראייניקן מיט אַ משפּחה פון אַלט־געזעסענע פּוילישע יידן.

די ליטווישע יונגעלייט און מיידלעך פון דעם מיטלשטאַנד האָבן זיך גערן פאַרבונדן מיט די פּוילישע. דעם ליטווישן יונגנמאַן, וועלכער האָט בדרך־כלל נישט יונג חתונה געהאַט, האָט געלאָקט דער ספּעציעלער אייראָפּעאישער גלאַנץ און מאַניערן, מיט וועלכע ס'האָט זיך אויסגע־צייכנט דאָס יונגע מיידל פון אַ פאַרמעגלעכער יידיש־פּוילישער שטוב. דעם ליטווישן מיידל האָט ווידער אימפּאָנירט דער פּוילישער בחור מיט זיין מילדער, איידעלער ראָמאַנטישקייט. ער איז געווען אַ היגער, אַן איינ־געבירגערטער און נישט באַדאַרפן דורכמאַכן דעם שווערן, מי־פולן וועג פון די צוגעקומענע ליטווישע בחורים. אַ דאַנק דעם, איז דעם יידישן בחור פון פּוילן געלונגען צו שאַפן ביי דעם ליטווישן מיידל דעם איינדרוק, אַז ערגעץ־ווו, אין אַ ווינקעלע פון זיין נשמה, האַלט ער זיך ווייט פון דער רעאַלער וועלט פון געלט און קרעדיט.

די כייקינס האָבן מיט אַלע כוחות געשטרעבט צו פאַרבונדן זייער ־ייצנד שיינע און גראַציעזע טאָכטער מיט אַ רייכער יידיש־פּוילישער פאַ־ ־ילייע. אָבער ווייל כייקין איז נאָר געווען אַ קאָמיסיאָנער, איז עס געווען גאָרנישט פון די לייכטע זאַכן.

גראַד דאַמאָלט האָט זיך אין זייער שטוב באַוויזן סוליק.

ווען סוליק איז דאָס ערשטע מאָל געקומען צו כייקינען אין הויז אַריין, האָט אים אויפגענומען כייקין אַליין. ער האָט זיך מיט אים קורץ באַגריסט און אַריינגענומען צו זיך אין קאַבינעט, וואָס האָט זיך געפונען באַנעט ביים פראָנט־איינגאַנג. ווי נאָר זיי זענען אַריין אין צימער האָט

כייקין פאַרמאַכט אונטער זיך די טיר, זיך אַוועקגעזעצט אין פאָטעל נעבן אַ גרויסן שרייב־טיש און אָנגעוויזן סוליקן אויף אַ שטול אַנטקעגנאיבער זיך. דער קאַבינעט איז געווען אויסגעקלעפּט מיט טונקל־באָרדאָ טאַפּעטן, פאַרענדיקטע מיט אַ גאָלדן קענטל. נעבן איין וואַנט איז געשטאַנען אַ ספרים־שאַנק און דערנעבן אַ שאַנק מיט ביכער. נאָנט צו דער צווייטער וואַנט איז געשטאַנען דער גרויסער שרייב־טיש, אינמיטן מיט אַ באָרדאָ טוך, נעבן דעם טיש אַ פאָטעל און עטלעכע שטולן איבערגעצויגענע מיט לעדער פון דעם זעלבן קאָליר. דאָס גאַנצע מעבל איז געווען פון טונקל־ברוינעם דעמב. האַרט נעבן דער וואַנט — אַן אײַזערנע קאַסע, אַ טונקל־ברוינע, ווי די שענק.

סוליק האָט זיך מיט גרויס נײַגער אַרומגעקוקט אין דער שטוב. ער האָט געקוקט אויף דער שאַנק מיט די ספרים געבונדענע אין ברוינעם לעדער, אויף די רוקנס פון די ביכער געליישטע מיט גאָלד. ער האָט געקוקט אויף דעם בראָנזענעם זשיראַנדאָל אין וועלכן ס׳האָבן געשטעקט איבער אַ צענדליק געלע ליכט, באַטראַכט גענוי די אײַזערנע קאַסע מיט די ניקלנע שלעסער און סודותדיקן מעכאַניזם. ער איז אַזוי געווען פאַרטון אין באַטראַכטן אַלץ, וואָס געפינט זיך אין שטוב, אַז ער האָט פאַרגעסן אין דעם זיצנדיקן אַנטקעגן כייקינען. פּלוצים, ווען ער האָט געוואָלט באַקוקן אויך דאָס, וואָס געפינט זיך פאַר אים, האָט זיך זײַן בליק צונויפגעטראָפן מיט כייקינס.

כייקין איז געזעסן אין אַ דריי־פּערטלדיקן ראָק, וועלכער איז איצט געווען פונאַנדערגעקנעפּלט, און זײַן הויכער טאָרס האָט געבלענדט מיט ווייסקייט פון דער פּיקענער פאָרלאַגע. פון די אַרבל פון ראָק האָבן זיך אַרויסגעזוזן די שטײַפע מאַנקעטן מיט גאָלדענע ספּינקעס. זײַן פול פּנים האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ צוגעשניטן פראַנצויזיש בערדל וואָס איז געווען שוואַרץ און אַדורכגעוועבט מיט אײַנצלנע ווײַסע האָר, ווי מיט ווײַסע זײַדענע פעדעם. זײַנע גרויסע, ברוינע אויגן, וואָס האָבן געקוקט מיט אַ שאַרפער דורכדרינגלעכקייט אויף סוליקן זענען אײַנצייטיק געווען פול מיט אומעט.

סוליק האָט זיך נישט נאָר פאַרשעמט פון כייקינס שאַרפן בליק, נאָר

כ׳האָב אייך אַרויפגעבעטן צו זיך געשעפּטלעך...

דער אומעט פון זיינע אויגן, האָט אים אַזש איבערגעשראָקן. דער אומעט פון כייקינס אויגן איז געווען אַזוי קאָנצענטרירט, אַזוי אויסדריקלעך גע־ווענדעט אויף סוליקס פּנים, אַז ס׳איז געווען קלאָר, ס׳איז געווען אויסער יעדן ספק, אַז דאָס איז ער צוליב סוליקן אַזוי אומעטיק. סוליק האָט זיך אינגאַנצן פאַרלוירן. ס׳איז אים געוואָרן הייס. זיין פּנים האָט זיך באַדעקט מיט אַ בלוטיקער רויטקייט און אויפן גלאַנצנדיקן שטערן זענען אַרויס דיקע טראָפּנס שווייס. ער האָט אַראָפּגענומען די בינאָקלען בכדי זיי איבער־פּוצן. אין דער ערשטער רגע האָט ער גאָרנישט געזען. עס איז אים גע־וואָרן אַזוי גוט פון דעם וואָס ער זעט נישט כייקינען, זעט נישט זיין שאַרפן בליק, זעט נישט דעם אומעט אין זיינע אויגן. אינדעם האָט זיך דערהערט כייקינס שטימע:

— מאַטוויעי, סוליק — האָט זיך כייקין פאַראַכטן. זייט ער איז געוואָרן משרת, האָט אים כייקין אויפגעהערט רופןביים נאָמען און אים גערופן מיט זיין פאַמיליע־נאָמען. — כ׳האָב איך אַרויפגעבעטן צו זיך געשעפטלעך.

סוליק איז נאָכנישט געקומען צו זיך. ער האָט גאָרנישט געענטפערט, נאָר בלויז אַרויפגעזעצט די בינאָקלען אויף דער נאָז.

כייקין האָט געזען סוליקס פאַרלוירנקייט, פאַרשעמטקייט, האָט ער נישט געוואַרט אויף זיין ענטפער נאָר גערעדט ווייטער.

— כ׳ווייס אַז איר האָט געלט. וויפל, איז נישט מיין דיעלאָ. נאָר ס׳איז נישט פּראַקטיש און נישט קלוג אַלץ אַוועקצולעגן אין דער „גאָסו־דאַרסטווענע באַנק״ אויף אַזאַ קליינעם פּראָצענט.

סוליק איז געווען איבעראַשט פון דעם וואָס ער האָט געהערט פון כייקינען. ער האָט דער עיקר געשטוינט פון דעם, וואָס כייקין ווייזט אַרויס אַזויפיל אינטערעס צו זיינע פּריוואַטע ענינים. אַ חוץ דעם האָט ער מיט זיין פלינקן שכל שנעל אויפגעכאַפּט די פּשוטע ריכטיקייט פון כייקינס ווערטער. ער האָט אָבער נישט געזען קיין אופן ווי אַזוי צו ענדערן דעם איצטיקן מצב. ער האָט ווידער פון פאַרלעגנהייט זיך געכאַפּט צו די בינאָקלען.

— לאָזט אָפּעט די בינאָקלען — האָט אים כייקין געזאָגט האַלב גוט־מוטיק און האַלב מיט חוזק. — הערט זיך צו, מ׳דאַרף מאַכן פּריוואַט־דיסקאָנטאָ.

סוליק האָט זיך דערשראָקן פֿאַר דעם געדאַנק. ער האָט קוים אַרויס־געשטאַמלט: — מעג מען דען עמעצן געטרויען אַ חוץ דער קאַזנאַ?

אין כייקינס בליק, מיט וועלכן ער האָט אַ קוק געטון איצט אויף סוליקן איז געווען אי ביטול אי רחמנות. פּלוצים האָט זיך דער דאָזיקער פּעיקער, דרייסטער, עטלעכע־צוואַנציק יעריקער יונגערמאַן פֿאַר אים אַנטפּלעקט ווי אַן אומבאַהאָלפֿן קינד. ער האָט פֿאַרשטאַנען זיין אומצוטרוי צו מענטשן. ער האָט געוווּסט פּונוואַנען ער נעמט זיך. סוליק האָט איצט פֿאַר דעם געשעפֿט, וווּ ער האָט געאַרבעט, געפֿירט גרויסע קרעדיט־טראַנזאַקציעס. ער איז געווען אַנטשלאָסן, אַ סך געשטעלט אויף זיך. נאָר זיך אַליין האָט ער נאָך אַלץ געפֿילט באַדראָט. אַרום זיך האָט ער נאָכנישט געזען קיינעם און גאָרנישט אויף וועמען און אויף וואָס ער וואָלט זיך גע־קאָנט פֿעסט אָנשפּאַרן. מיטאַמאָל האָט ער אַ קוק געטון אויף כייקינען, אויף זיין רחבותדיקער פּיגור, אויף זיין עלעגאַנטן אָנטון, ער האָט זיך פֿאַרשעמט פֿאַר זיינע געדאַנקען, פֿאַר זיין חשדנות. אָבער קיין זיכערקייט אין זיך האָט ער איצט אויך נישט געפֿילט.

— מע מעג און מע דאַרף — האָט זיך כייקין אָנגערופֿן, נאָך מינוטן פֿון שטילשווייגן. זיין ברייטע, טיפֿע שטימע האָט איצט אין זיך געהאַט עפּעס באַפּעלעריש׳ס. — אָט נאַ־פּרימיער, האָב איך זייער אַ רעיעלע קונד־שאַפֿט, און דאָך מאַכט זיך אַז עמיצער פֿון זיי דאַרף אַמאָל באַרע געלט, קאָן מען זיי דיסקאָנטירן קורצטערמיניקע וועקסלען אויף נישט קיין שלעכטן פּראָצענט, און עס באַקומט זיך אַרויס דערפֿון גאָרנישט קיין שלעכט געשעפֿט.

— אויב איר באַשטייט, — האָט כייקין ווייטער געצויגן דעם גע־שפּרעך, — וועל איך איבעררעדן מיט עטלעכע מיינע קונדן און צוגרייטן אייך אויף דער צווייטער וואָך עטלעכע וועקסלען, דערווייל אויף עטלעכע הונדערט רובל. נאָר פֿאַרשטייט זיך, וועגן דעם טאָר קיינער נישט וויסן אַ חוץ אונדז און דער וועמען איר מאַכט די דיסקאָנטאָ.

סוליק איז געווען דערשראָקן. ער איז ווייט נישט געווען צופרידן פון דעם גאַנצן ענין. דאָס וואָס די זאַך דאַרף בלייבן בסוד האָט נאָך פאַר־שטאַרקט זיין אומווילן צו דעם גאַנצן געשעפט. אָבער ער, וואָס האָט זיך קיינמאָל נישט אומגעקוקט וואָס יענער טוט, צי וואָס יענער זאָגט, ער וואָס איז זיך געגאַנגען עקשנות׳דיק און זיכער צו זיין פון פאָראויס באַשטימטן ציל — האָט איצט געגוי געווען, אַז אין דעם פאַל מוז ער זיך און וועט זיך אונטערגעבן. ער האָט געזען ווי פלוצים ווערט ער אויס בעל־הבית איבער זיך, און מיט אים פירט גאָר פון איצט אָן אַן אַנדערער מענטש, אַ מענטש וועלכן ער האָט וואָס אַן אמת, געפילט נעבן זיך, אָבער נישט איבער זיך. איצט, פון דער רגע אָן האָט ער ממש פּיזיש דערפילט ווי כייקין לייגט אים אַרויף די האַנט אויפן אַקסל און זאָגט אים: — גיי, גיי דאָרט ווו איך הייס דיר! סוליק האָט נישט געוווסט פאַרוואָס געשעט עס אַזוי, פאַרוואָס דאַרף ער דאָס, קעגן זיין אייגענעם ווילן, כייקינען פאָלגן, אָבער נישט פאָלגן האָט ער נישט געקאָנט. ער האָט געזען ווי עפּעס גורלדיקס געשעט מיט אים — און זיך דעם גורל אונטערגעגעבן.

*

אין אַ וואָך אַרום, נאָך דעם געשפּרעך מיט כייקינען, האָט זיך סוליק ווידער באַוויזן ביי אים אין הויז. כייקין האָט שוין געהאַט פאַר אים צו־געגרייט עטלעכע זייער קורצע וועקסלען. סוליק האָט באַרעכנט דעם אָפּגעשמועסטן, פּריוואַטן פּראָצענט. די סומע פאַר דעם פּראָצענט איז אים זייער געפעלן געוואָרן, נאָר ווען ער האָט באַדאַרפן אָפּציילן דאָס געלט פאַר די וועקסלען, האָט ער עס נישט געטון מיט קיין גרויסן חשק. אָבער ווען דער טערמין פון די וועקסלען איז אַריבער און ער האָט צוריק געזען זיין געלט מיטן ריווח — האָט ער זיך ערשט איבערגעצייגט וואָס פאַר אַ גוט געשעפט דאָס איז. ביסלעכווייז האָט ער זיך אין דעם געלאָזט אַריינציען, און עס איז דערגאַנגען דערצו, אַז ער האָט געוואָלט וואָס מער פּריוואַט־דיסקאָנטאָ. ער האָט אין אָנהויב אַרויסגענומען נאָר אַ העלפט פון זיינע אָפּשפּאָרונגען פון דער „גאָסודאַרסטוויעננע באַנק" און איבערגע־טראָגן אין דער „אזאָווסקאָ־דאָנסקער", ווו ער האָט זיך געעפנט אַ לויפנדן חשבון. אָבער מיט דער צייט האָט ער זיין גאַנץ געלט אַריינגעטראָגן אין

די דיסקאַנטאָ־געשעפטן, ער האָט זיך אפילו אַנגעהויבן אַביסל צו האַזאַר־דירן, געווען אַן אָפּטער אַריינגייער צו כייקינען. זיין פאַרמעגן האָט גע־האַלטן אין איין וואַקסן.

דורך די דיסקאַנטאָ־געשעפטן, וואָס סוליק האָט געפירט מיט כייקינס קונים האָבן זיי זיך צו אים טאָפּלט צוגעבונדן. ערשטנס איז ער געווען דער פעיקער, אַרבעטסזאַמער, זעלבשטענדיקער משרת וואָס האָט געקענט דורך און דורך יעדן קונה. ער האָט געוווּסט וואָס יעדערער פון זיי באַדאַרף, ער האָט געקענט יעדן קונה׳ס אָפּזאָץ־מאַרק, ער האָט אפילו געקענט דעם קונה׳ס קונים. ער האָט געוווּסט וואָס יענער דאַרף אמנוי־טיקסטן, ער האָט געקענט יעדנס פאַרקויפס־מעגלעכקייטן. ווען אימיצער פון די קונים איז נישט געווען אַזוי שטאַרק קרעדיט־פעיק, אָדער שוין געהאַט זיך גענוג פאַרשולדיקט, האָט סוליק געקענט אויף אַ מייסטער־האַפטן אופן שטילן יענעמס גיריקייט צו נעמען וואָס מער אויף קרעדיט. ער האָט עס אַזוי געמאַכט, אַז דער קונה האָט זיך נישט געכאַפּט, אין וואָס דאָ גייט. ער איז געווען זיכער, אַז סוליק איז נאָר אויסן זיין טובה. און זייער אָפט איז טאַקע פון אַזאַ אַרט צוגאַנג אַרויסגעקומען פאַרן קונה צום גוטן. איצט, ווען עס איז נאָך צוגעקומען סוליקס געהיימע פאַרבינדונג מיט אַ טייל פון די קונים, אַ דאַנק די דיסקאַנטאָ־געשעפטן — זענען זיי אינגאַנצן אַרונטערגעפאַלן אונטער זיין השפעה. זיי האָבן זיך דורך קיין אַנדערן משרת נישט געלאָזט באַדינען. אַלע קונים האָבן זיך נאָר צו אים געריסן, אפילו די, וואָס האָבן נישט געהאַט מיט אים קיין דיסקאַנטאָ־ענינים און אפילו וועגן די געשעפטן נישט געוווּסט, נאָר זעענדיק ווי אַנ־דערע קונים רייסן זיך צו אים האָבן זיי אויך געטון דאָס זעלבע.

מיט דער צייט האָט סוליק באַהערשט אַלע פּראָווינצער קונים. ער איז געוואָרן דער פאַקטישער פירער פון געשעפט. אָן אים האָט מען נישט געמאַכט קיין איינקויפן און אָן אים איז כמעט נישט געשלאָסן געוואָרן קיין פאַרקויף־טראַנזאַקציע, אין אַלעם און אומעטום איז געווען סוליק. דער בעל־הבית זיינער האָט אין אים געזען דעם מענטש, וועלכער איז אים אַראָפּגעשיקט געוואָרן ווי פון הימל צו אַנטוויקלען און פירן זיין גע־שעפט. ווי שטאַרק ער האָט נישט געוואָלט אַרויסהויבן אימיצן פון זיינע

פּוילישע יונגעלייט, די וואַרשעווער משרתים, האָט ער דאָך געמוזט דעם ליטוואַק סוליק אויפהייבן צו דער שטופּע פון אויבער־משרת, און אַ צייט שפּעטער אים געמאַכט פאַרן געשעפטס־פירער מיט אַ גאַר הויכן געהאַלט. דאָס אַלץ איז געטון געוואָרן נישט אָן כייקינס וויסן און עצה.

סוליק האָט דערגרייכט דאָס העכסטע, וועגן וועלכן ער האָט אַמאָל געקאָנט נאָר טרוימען. אַלץ אין אַלע אין געשעפט זענען איצט געווען פון אים אָפּהענגיק. אַ טייל פון פּערסאָנאַל האָט זיך אין משך פון די יאָרן געהאַט געטוישט. טייל האָבן חתונה געהאַט און פאַרלאָזט דאָס געשעפט בכדי זוכן גליק אויף אַנדערע פּאָסטנס, אין אַנדערע געשעפטן. אַנדערע ווידער זענען אַוועק אין די גרעסערע פּראָווינץ־שטעט זעענדיק אַז דאָ וועט זיי שווער זיין צו אַוואַנסירן. די גרעסטע צאָל משרתים זענען אָבער דאָך פאַרבליבן אין דעם זעלבן געשעפט. סוליק האָט נישט געגעבן צו פילן די משרתים, אַז ער איז איצט זייער בעל־הבית, כאָטש זיי האָבן שטאַרק מורא געהאַט פאַר דעם שוואַרצן ליטוואַק. ער איז אַזוי אינגאַנצן געווען אויסגעפילט מיט דעם, וואָס איז מיט אים געשען, זיין גליק איז געווען אַזוי פול און גאַנץ, אַז עס איז נישט געבליבן קיין אָרט אויף אַן אַנדער געפיל, אפילו נישט פאַר נקמה־געפיל, וועלכעס האָט שוין זיינע אויסגעפּרוווטע אופנים און וועגן ווי אַזוי אַריינצובאַקומען זיך דאָרט, ווו עס דאַכט זיך, אַז עס איז שוין אויף גאָרנישט קיין אָרט נישטאָ. אַזוי גוט ווי סוליק האָט די ערשטע צייט פון זיין אַרבעטן אין געשעפט נישט געזען גאָרנישט וואָס טוט זיך אַרום אים, ווייל ער האָט גאָרנישט געהאַט, אַזוי האָט ער איצט ווידער קיינעם און גאָרנישט נישט געזען, ווייל ער האָט שוין געהאַט אַלץ. אַזוי האָט זיך עס אים יעדנפאַלס אויסגעדאַכטן. ער האָט שוין איצט אפילו כייקינען אויך נישט געזען. ער האָט געקוקט אויף אים, גערעדט מיט אים וואָס אַמאָל מער געשעפטן, וואָס אָפּטער זיך מיט אים געטראָפן, אָבער געזען האָט ער אים נישט. ער האָט געזען נאָר דאָס געשעפט און זיין הויכן פּאָסטן.

*

דערווייל אין משך פון דער צייט, זענען זיך אין כייקינס לעבן פאַר־לאָפן שווערע געשעענישן. זיין פרוי איז קראַנק געוואָרן. אין אָנהויב איז

די דאָקטוירים נישט געלונגען פעסטצושטעלן גענוי די סיבה פון איר קראַנקהייט. מיט דער צייט האָבן זיך אָבער אַרויסגעוויזן בולטע סימנים פון גאָר אַ שווערער, האָפנונגסלאָזער קראַנקהייט. די דאָקטוירים האָבן דאָך זיך דעצידירט זי צו אָפּערירן. אַ קורצע צייט נאָך דער אָפּעראַציע איז זי געשטאָרבן.

דער טויט פון דער פרוי האָט כּייקינען דערשיטערט. אים איז גע־ ווען מוראדיק באַנג נאָך איר. עס האָט אים ווי געטון, וואָס זיין וונדער־ שיינע פרוי איז אַוועק פון דער וועלט אָן דעם, אַז כאָטש עפּעס פון אירע האָפענונגען זאָלן פאַרווירקלעכט ווערן. ער האָט איצט געקוקט אויף דער טאָכטער מיט אַלץ מער אַנוואַקסנדיקער שרעק. איר אויסערגעוויינלעכע שיינקייט האָט אים איצט נישט געפרייט, נאָר אַנגעוואָרפן אַ מורא. ער האָט איר געזען אַרומדרייען איינע אַליין אין די גרויסע שטובן ווי עפּעס אַן אויסדערוויילטע. אָבער אַן אויסדערוויילטע צו וואָס? אויסדערוויילט פאַר וועמען? — האָט ער זיך אַליין געפרעגט, און אויסגעמיטן זיך צו געבן אַ קאָנקרעטן ענטפער. אַזוי לאַנג ווי זיין פרוי האָט נאָך געלעבט, האָט טרוים נישט פאַרלאָזט זייער שטוב. זיי האָבן נאָך אַלעמאָל אויף עפּעס געוואַרט, געהאָפט. אָבער איצט? איצט האָט זיך אַלץ ענדגילטיק און אויף שטענדיק געענדיקט. אַ חוץ דעם האָט די קרענק פון דער פרוי אַריינגעפירט כּייקינען אין גרויסע חובות פון וועלכע ער האָט נישט געזען קיין מעגלעכקייט זיך צו באַפרייען אויף אַ פּשוטן אופן. ער האָט געטראַכט וועגן ליקווידירן די דירה און זיך אַריבערטראָגן אין אַ מער באַשיידענער וווינונג און בכלל איינפירן אינגאַנצן אַן אַנדערן לעבנס־סדר. ער האָט איצט, נאָך אַזויפיל יאָרן זיין אין וואַרשע און רחבות׳דיק לעבן, באַדאַרפט צוריקגיין צו דעם, מיט וואָס עס הויבן אָן די ניי־געקומענע ליטוואַקעס. קיין אַנדערן וועג ווי אַזוי אָפּצוצאָלן די חובות האָט ער נישט געזען. ער האָט אָבער וועגן די דאָזיקע פּראָיעקטן נישט געוואָגט צו רעדן מיט זיין טאָכטער, וועלכע איז געווען פאַרליבט אין אַ פאָרנעמען לעבנס־שטייגער. ער האָט זי ביז איצט בכלל געהאַלטן ווייט פון זיינע אַלע מאַטעריעלע זאָרגן.

אין איינעם אַן אָוונט, ווען ער איז אַזוי געזעסן פאַרלוירן אין זיינע

מחשבות איז אַרויפגעקומען סוליק וועגן אַ געשעפטס־ענין. כּייקין האָט אים ווי אַלעמאָל געבעטן זעצן אַנטקעגנאיבער זיך. ווען כּייקין האָט זיך דאָס מאָל געניי צוגעקוקט צו אים, צו זיין שמאָלער טונקעלער געשטאַלט, צו די קנייטשן, וואָס האָבן זיך איינגעשניטן וואָס אַמאָל טיפער אין זיין פּנים, האָט אים אַ געדאַנק אַ שלאָג געטון אין מוח, אַ קלאַפּ געטון מיט אַזאַ האַסטיקייט, אַז ער איז אויף עטלעכע מינוט געבליבן זיצן ווי אַ באַטויבטער. ווען ער איז געקומען צו זיך האָט ער, נישט אַוועקרייסנדיק זיין צעשראָקענעם בליק פון סוליקן, זיך אַליין געפרעגט: איז דאָס מעגלעך, אַז דעם אינטערעס, וואָס איך האָב אַרויסגעוויזן דעם אָרעמען, איינזאַמען בחור׳ל פון דעם טאָג, ווען איך האָב אים דאָס ערשטע מאָל געזען, און מיין איינשטעלן זיך פאַר אים דערנאָך ביי זיין בעל־הבית און אַלץ וואָס איך האָב פאַר אים שפּעטער געטון, און מיין באַמיען זיך צו פאַרגרעסערן זיינע קאַפּיטאַלן דורך פּריוואַט דיסקאָנטאָ, און מיינע עצות, וואָס איך האָב געגעבן זיין שעף לטובת אים — איז דאָס מעגלעך, אַז דאָס אַלץ האָב איך געטון מיט אַ פאַראויסיקער כּוונה? כּייקין האָט פאַרגעסן אַז אים פּנים אל פּנים זיצט סוליק און קוקט מיט שטוינונג אויף דעם וואָס אויף זיינע אויגן טוט זיך דאָס מיט אים אָפּ. כּייקין האָט פאַרבראָכן די הענט און מיט אַ באַוועגונג פול מיט צער און פאַרצווייפלונג זיי איינגעגראָבן אין זיינע נאָך גענוג געדיכטע האָר. ער איז געזעסן אינגאַנצן ווי אַ נישט דאָיקער און אַ שטים אין אים האָט אָפּגעענטפערט האַרט און קאַלט: יאָ, דאָס אַלץ איז געשען מיט אַ כּוונה...

אין פאַרכישופטן ראָד...

ווען כּייקין איז געקומען צו זיך פון דער גרויסער צעטרייסלונג, וואָס איז מיט אים פאָרגעקומען אין סוליקס אויגן — האָט ער שוין קלאָר געוווסט, אַז ער דאַרף עפּעס טון בכדי צו דערנענטערן זיין טאָכטער מיט

סוליקן. אַזוי לאַנג ווי די פּרוי האָט געלעבט האָט ער קיין איין מאָל נישט פּאַרבעטן סוליקן ווייטער, ווי אין קאַבינעט. נישט זיין פרוי און נישט די טאָכטער האָבן סוליקן נישט געקענט. זיי האָבן געהערט וועגן אים, ער האָט זיי דערציילט וועגן אים. אָבער דאָס אַלץ וואָס ער האָט געהאַט וועגן אים צו דערציילן, האָט גאָרנישט געהאַט אין זיך פון דעם, וואָס האָט געקאָנט די פרויען פאַראינטערעסירן. גיכער פאַרקערט. אין זיין לעבנס־אופן און אין זיין שטרעבן איז געווען דאָס, וואָס האָט די פרויען נאָר גע־קאָנט פון אים אָפּשטויסן. דאָך האָט שוין כייקין נישט איינמאָל געוואָלט סוליקן אַריינפירן אין די ווייטערדיקע צימערן. אָבער ווען ער האָט אַ קוק געטון אויף אים, האָט ער אַראָפּגעלאָזט די הענט. סוליק איז, ווי אַלע ליטוואַקעס אין פוילן, ביי זיין גאַנצער רעליגיעזער פרייקייט, ביי זיין גע־שעפטלעכער דרייסטקייט, געבליבן שטאַרק פּראָווינציעל. זיין האַלטונג און הילוך, ווי די האַלטונג און הילוך פון אַלע ליטוואַקעס. אייביק דער שוואַרצער „קאַטיעלאַק״, די בינאַקלען אויף דער נאָז, די אויפגעדרייטע, שטייפע וואָנסעס, דער טונקעלער פּידזשאַק און ווייסער, גומענער קראַגן, די ברוינע הויט אויפן פּנים, דאָס האַסטיקע באַוועגן מיט די ליפּן בעתן רעדן, דער שטענדיק גלאַנצנדיקער שטערן, די כסדרדיקע פאַרנומענקייט און אַריינגעטועניקייט, דאָס פאַרשלונגען ווערן אינגאַנצן אין דעם, וואָס ער האָט אין דער געגעבענער מינוט געטון, דאָס אַלץ האָט געמאַכט סוליקן, וועלכער איז שוין יאָרן לאַנג געווען אין וואַרשע, זייער קליינשטעטלדיק. כייקין האָט זיך נישט געקאָנט באַשליסן אים פאַרצושטעלן פאַר זיין פרוי און טאָכטער, ער איז פּשוט נישט געווען אינטערעסאַנט פאַר זיי, וואָס האָבן געטרוימט ווי אַזוי אַריינצוקומען און זיך פאַרבונדן מיט רייכע פּויליש־יידישע שטובן. כאָטש זיי האָבן גוט געזען, אַז נישט גע־קוקט אויף זייער שיינקייט, עלעגאַנץ און פיינע מאַניערן, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס זיי האָבן זיך באַמיט צו זיין אין אַלעם אַזוי פּויליש, זענען זיי פאַר די מענטשן פון די רייכע יידיש־פּוילישע היימען פאַרט געווען און געבליבן נישט מער ווי די פרוי און טאָכטער פונעם ליטווישן קאָמיסיאָ־נער כייקין, פונדעסטוועגן האָבן זיי געהאָפט, אַז דער טאָכטערס יוגנט־רייץ און איר פאַרפירנדע שיינקייט וועט איר דאָך העלפן גרייכן דאָרט, ווו זיי

האָבן זיך מיט אַלע כוחות געריסן. איצט האָט כייקין פאַרשטאַנען, אַז אַזוי וועט עס קיינמאָל נישט זיין. ער האָט מיט זיין קלאָרן שכל באַנומען, אַז ער מוז באַקענען זיין טאָכטער מיט סוליקן. ער האָט געפילט אַז ער מוז דאָס שוין טון. און וואָס גיכער, וואָס גיכער דאָס איבערקומען. ער האָט איבערגעבעטן סוליקן און אַריין אין איינעם פון די ווייטערדיקע צימערן. ער איז באַלד צוריקגעקומען און געזאָגט:

— נו, סוליק, היינט וועט איר טרינקען מיט אונדז טיי. ער האָט נישט געוואַרט אויף סוליקס ענטפער, נאָר אָנגענומען אים אונטערן אָרעם און אים אַריינגעפירט אין עס־צימער.

אין אַ ווינקל פון אַ גרויסער, לעדערנער קאַנאַפּע איז געזעסן כייקינס טאָכטער. ווען דער פאָטער איז אַריינגעקומען מיטן גאַסט, האָט זי זיך אויף אַ מינוט אויפגעשטעלט אָבער זיך באַלד צוריק אַוועקגעזעצט.

— אַניאַ, — האָט זיך כייקין געוואָנדן צו דער טאָכטער אַזוי שטיל, ווי ער וואָלט זי זייער דעליקאַט געוועקט פון שלאָף. — אַניאַ — האָט ער איבערגעחזרט — דאָס איז גאָספּאָדין סוליק, זייט באַקאַנט.

אַניאַ האָט זיצנדיק אויסגעשטרעקט אַ העל־ראָזע האַנט צו סוליקן. ער האָט זיך אַראָפּגעבויגן און קוים באַרירט די שפּיצן פון אירע פינגער. ער איז געווען דערשטוינט און צעמישט פון דער אויסערגעוויינטלעכער שיינקייט אירער. ער האָט אפילו נישט געוווסט, אַז דאָס הייסט שיין, ער האָט נאָר געוווסט, אַז דאָס איז עפּעס אויסערגעוויינטלעכס.

כייקין האָט סוליקן פאַרבעטן צום גרויסן טיש, וועלכער איז געווען אַרומגעשטעלט מיט צען געבעטע שטולן און צוויי פאָטעלן. זיי האָבן זיך געזעצט אין אַ ווינקל פון דעם דאָזיקן טיש.

— אַניאַ, — האָט זיך כייקין אָנגערופן — זיי אַזוי גוט און זאָג מאַלגאַשיען זי זאָל דערלאַנגען די טיי.

אַניאַ האָט זיך אויפגעשטעלט, זי איז געגאַנגען אָנגעטון אין אַ שוואַרץ סאַטען־דע־ליאָנער קלייד, מיט אַ הויכן קראַגן אַ־לאַ מאַריאַ סטואַרט, אַרומגענומען ביי דער טאַליע מיט אַ שאַרף. אַרום דעם אָפּגעדעקטן האַלדז האָט זי געטראָגן פאַרוואָרפן אַ דינעם, דורכזיכטיקן, זיידענעם שוואַרצן שאַל, זי איז געגאַנגען פאַרטראַכט, מיט פאַמעלעכע טריט.

זי איז פֿאַרשוווּנדן אין דער אָפֿענער טיר, וואָס האָט געפֿירט אין אַ צווייטן קאָרידאָר.

אין שטוב ביי כּייקינען האָט געהערשט אַ טיפֿער טרויער. נאָר סוליקן האָט זיך אויסגעוויזן ווי דאָ וואָלט געווען יום־טוב. די מעבלען, די פֿאָר־האַנגען, די גאָבעלינען, דער זשיראַנדאָל, דער רחבותדיקער כּייקין, זיין בלענדנדע טאָכטער, דאָס אַלץ איז געווען עפּעס אַזוי אַנדערש פֿון דעם, וואָס סוליק איז געווינט געווען צו זען, אַז אים האָט זיך אויסגעדאַכטן אַז די פּרעכטיקע שטובן וואַרטן כּסדר אויף געסט און בעלער.

ער האָט פֿאַרלוירן זיין גאַנצע זעלבסטזיכערקייט, וועלכע ער האָט זיך שוין געהאַט דערוואָרבן. ער האָט זיך געפֿילט פֿאַרלוירן. מען האָט אַריינגעבראַכט טיי. ביי כּייקינען האָט מען נישט גענוצט קיין סאַמאָוואַר, לויטן רוסישן סטיל, נאָר מען האָט דערלאַנגט די טיי אין גלעזער אויף אַ טאַץ, לויטן פּוילישן נוסח. מאַלגאָשיע, אַ פּויליש דינסט־מיידל אין אַ ווייס פֿאַרטוכל, האָט דערלאַנגט די טיי אויף אַ טאַץ און כּייקין אַליין האָט סערווירט. די טאָכטער האָט קוקנדיק ווי דער טאַטע פֿאָרעט זיך גע־שמייכלט פֿאַרלעגן מיט איר קינדישן שמייכל.

פֿאַר סוליקן איז דאָס אַלץ, וואָס ער האָט איבערגעלעבט דעם אָוונט, געווען צו פֿיל. ער איז נישט געווען בכּוח דאָס אַלץ צו באַנעמען, ער האָט נישט געהערשט איבער זיך, נישט געקאָנט צומאָל טרינקען די טיי. אונ־טער אַן אויסרייד, אַז ער האָט זיך מיט אימיצן באַשטעלט האָט ער זיך געזעגנט און אַרויס פֿון כּייקינס הויז.

ער איז נישט געגאַנגען, נאָר געלאָפֿן. נישט געלאָפֿן, נאָר אַנטלאָפֿן. ער איז אַנטלאָפֿן פֿון זיך, פֿון כּייקינען, פֿון זיין טאָכטער. ער האָט דאָס אַלץ נישט געוואָלט. דאָס אַלץ און זיי אַלע זענען נישט געווען פֿאַר אים. זיי זענען געווען אַזוי ווייט פֿון אים, אַזוי אַנדערש. ער האָט געוווּסט, אַז ער, ווי ער איז, קאָן קיינמאָל נישט האָבן מיט זיי קיין שייכות, אַ חוץ אַ צופֿעליקן. די דאָזיקע פֿעסטשטעלונג האָט אים אַביסל באַרויקט, אָבער נישט אויף לאַנג.

וואָס מער ער האָט געוואָלט פֿון דעם אַלעם, וואָס האָט זיך אים היינט פֿאַר זיינע אויגן אַנטפּלעקט, אַנטלויפֿן, אַלץ מער האָט דאָס אים

געצויגן צוריק. דאָס בילד פון כייקינס טאָכטער איז פון אים אויף אַ רגע פאַרשוווּנדן און ווידער אַרויסגעשווומען. ער האָט אייגנטלעך נישט גע־ווּסט וואָס פאַראַ שייכות קאָן דאָס אַלץ האָבן מיט אים, פאַרוואָס באַ־אומרויִקט אים דאָס אַזוי. ער האָט דערפילט צו זיי אַ פרעמדקייט, אַ נישט אָנגענעמע פרעמדקייט, אַ בייזע, געמישט מיט שנאה. אַזאַ פרעמדקייט קאָן מען דערפילן צו אַ מענטש, מיט וועלכן מען איז אַמאָל געווען זייער נאָנט. ווען ער האָט זיך דערמאָנט אין דער נאָנטקייט, וועלכע איז לעצטנס גע־ווען צווישן כייקינען און אים, איז ער ווידער געוואָרן אומרויִק. די איבער־לעבונג ביי כייקינען אין שטוב האָט אים נישט געגעבן אויף קיין רגע קיין מנוחה.

*

דערווייל האָט זיך סוליקס פאַרמעגן וואָס אַמאָל און כסדר פאַרגרע־סערט און זיינע דיסקאָנטאָ־געשעפטן פאַרברייטערט. ער איז געווען גאָר אָן אָפּטער איינגייער צו כייקינען און יעדעס מאָל ווען ער איז געקומען, האָט אים כייקין פאַרבעטן דאָ אויף אַ גלאָז טיי און דאָ אויף אַ נאָכטמאָל. כייקינס טאָכטער איז ביי די וויזיטן שטענדיק געווען אין שטוב, און ס׳האָט אויסגעזען ווי זי וואָלט בכלל די שטוב נישט פאַרלאָזט, אינגאַנצן נישט געהאַט קיין געזעלשאַפט. סוליק האָט אין אָנהויב געקוקט אויף איר מיט אַ צעמישטן, נישט־דאָיקן בליק, דערנאָך מיט עפּעס אַ פאַרשעמטקייט. ער איז אין איר אָנווּזנהייט געווען געוואָלטיק זשענירט. מיט דער צייט האָט ער אָנגעהויבן צו קוקן אויף איר וואָס אַמאָל דרייסטער און לסוף אינ־גאַנצן נישט געקאָנט פון איר אָפּרייסן די אויגן.

איר זענען נישט ליב געווען די הייסע בליקן, מיט וועלכע ער האָט געבריט דעם אָנטבלויזטן טייל פון איר נאַקן. זי האָט נישט גערן געהאַט דעם יונגנמאַן מיט די שטאָלענע, אומרויִקע אויגן, מיט זיין קליין, ברוין, האַרט פנים, אין וועלכן ס׳האָבן זיך געהאַט איינגעשניטן שווערע, טיפע קנייטשן. זי האָט פיינט געהאַט זיין געשעפטלעכע פאַרטועניקייט און ציל־באַוווּסטזיניקייט. זי האָט אָבער געזען וויפל אויפמערקזאַמקייט איר פאָ־טער שענקט דעם דאָזיקן יונגנמאַן. זי האָט אויפגעכאַפּט די היימישע

בליקן מיט וועלכע איר פּאָטער קוקט אויף אים, זי האָט געזען ווי הייס ער פּאַרטיידיקט סוליקס אינטערעסן פּונקט ווי זיי וואָלטן געווען זיינע אייגענע, האָט זי אָנגעהויבן פאַרשטיין זיינע פּאַרבאָרגענע כוונות. ווי שרעקלעך דאָס איז פאַר איר נישט געווען, ווי ווייַ דאָס האָט איר נישט געטון, ווי גרויס רחמנות זי האָט נישט געהאַט אויף זיך אַליין, האָט זי אָבער קיין אַנדערן אויסוועג פאַר זיך נישט געזען. זי האָט געוווסט, אַז קיין נדן האָט זי נישט, זי האָט געוווסט, אַז איר פּאָטער איז נישט מער ווי אַ קאָמיסיאָנער, זי האָט געוווסט, אַז איר פּאָטער איז פאַרזונקען אין חובות, זי האָט געוווסט, אַז לאַנג וועלן זיי דעם ביז־איצטיקן רחבותדיקן לעבנס־שטייגער נישט קאָנען אָנהאַלטן. זי האָט דאָס אַלץ געוווסט, כאָטש קיינער האָט פאַר איר קיינמאָל מיט קיין איין וואָרט וועגן דעם אַלעם נישט דערוועינט. ביי איר גאַנצן אויסערלעכן גלאַנץ און פּראַכט, ביי איר שפּילעוודיקייט און ווייטקייט פון אַלע פּשוטע לעבנס־ענינים, ביי איר גאַנצער שיינקייט און פאַרליבטקייט אין דער פּוילישער ראָמאַנטישקייט, האָט זי אויך געגומען בירושה דעם קלאָרן, לאָגישן שכל פון אַ ליטוואַק.

סוליק האָט דערפילט, אַז זיין ביז־איצטיק לעבן, וואָס איז געווען איין לאַנגע, שווערע, אייזערנע קייט פון כסדר זיך אָפּזאָגן פון פרייד און פאַרגעניגנס, איז אים געוואָרן דערווידער. ער האָט אָנגעהויבן צו קוקן אויף זיך אַליין מיט פאַרדאַכט און אפילו מיט עקל. זיין גאַנצע אַמאָליקע אַסקעטישע וועלט האָט זיך מיטאַמאָל איינגעבראָכן. אַלע אַרגומענטן, וועלכע ער האָט געהאַט צו פאַרטיידיקן זיין פּירונג און לעבנס־אופן, זענען איצט געווען קעגן אים. די יאָרן פון אויפגעצוווּנגענער אָרעמקייט און דחקות האָבן געפאָדערט באַצאָלונג, געפאָדערט באַלוינונג. יאָרן פון פאַר־טייעטער און אונטערדריקטער בענקשאַפט נאָך עפּעס שיינס און רחבות־דיקס, האָבן זיך אין אים מיט אַ פאַרשטאַרקטער קראַפט מיטאַמאָל אָנגע־רופן. סוליק האָט געפילט, אַז נאָר די וווּנדערשיינע, עלעגאַנטע, רייצנדע טאָכטער פון כייקינען, נאָר זי, וואָס באַוועגט זיך מיט אַזויפיל חן, נאָר זי קאָן אים צוריקגעבן דאָס אַלץ, פון וואָס ער האָט זיך ביז איצט אָפּגעזאָגט.

ער האָט זיך איינגערעדט, אַז ער האָט דאָס אַלץ געטון בכדי זי צו דערגרייכן, און קיין פּרייז האָט אים נישט אויסגעזען צו זיין צו הויך.

ער האָט געפילט, געפילט אויף זיכער, אַז טאָמער וועט זיך כייקינס טאָכטער פון אים אָפּווענדן — פאַרלירט זיין לעבן יעדע באַרעכטיקונג, יעדן זין.

סוליק האָט זיך נישט געקאָנט געפונען קיין אָרט. ער האָט זיך איצט געפילט אָרעמער און פאַרלאָזענער ווי אין די ערשטע טעג פון זיין קומען קיין וואַרשע מיט אַזוי פיל יאָרן צוריק. טיילמאָל האָט ער זיך געטראַכט: כייקין איז דאָך מיר אַזוי נאָנט און פלוצים, צוליב דער טאָכטער, ווערט ער אַזוי ווייט. די נאָנטקייט און די ווייטקייט האָבן אים געוואָרפן מיט אַ מוראדיקער האַסטיקייט פון איין געפיל צום צווייטן. כייקינס פריינט־שאַפט און האַרציקייט איז אים טיילמאָל געווען אַזש דערווידער. אים האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז ער טרייבט חוזק פון אים. און טיילמאָל האָט זיך אים געדאָכטן, אַז דאָס איז טאַקע אמתע, וואַרעמע נאָנטקייט, אַ נאָנט־קייט וואָס איז גרייט אויף אַלץ.

און איינמאָל, זיצנדיק ביי כייקינען אין קאַבינעט, האָט סוליק גע־זען, ווי כייקין נעמט זיין, סוליקס נאָטיצבוך פון פאָרטפעל און קוקט אין אים אַריין מיט אַזאַ נאַטירלעכער איבערגעגעבנקייט ווי דאָס אַלץ וואָלט געווען זיין אייגנס. אַ געדאַנק האָט סוליקן אַ שלאָג געטון אין מוח, אַ קלאַפּ געטון מיט אַזאַ האַסטיקייט, אַז ער איז אויף עטלעכע מינוט גע־בליבן זיצן ווי אַ באַטויבטער. ווען ער איז געקומען צו זיך האָט ער, נישט אָפּקערנדיק זיין פאַרוווּנדערטן בליק פון כייקינען, זיך אַליין גע־פרעגט: איז דאָס מעגלעך, אַז דעם אינטערעס וואָס כייקין האָט מיר, דעם אָרעמען, איינזאַמען בחורל אַרויסגעוויזן פון דעם טאָג ווען ער האָט מיך דאָס ערשטע מאָל געזען, און זיין איינשטעלן זיך פאַר מיר דערנאָך ביי מיין בעל־הבית, און אַלץ וואָס ער האָט שפּעטער פאַר מיר געטון, און זיין באַמיען זיך צו פאַרגרעסערן מיינע קאַפּיטאַלן דורך פּריוואַט־דיסקאָנטאָ, און זיינע עצות וואָס ער האָט געגעבן מיין בעל־הבית לטובת מיר — איז דאָס מעגלעך, אַז דאָס אַלץ האָט ער געטון אָן אַ פאַרויסיקער כוונה, סתם אַזוי? סוליק האָט פאַרגעסן, אַז אים פּנים אל פּנים זיצט כייקין און קוקט מיט שטוינונג אויף דעם וואָס אויף זיינע אויגן טוט זיך דאָס מיט סוליקן אָפּ. סוליק האָט פונאַנדערגענומען די הענט מיט אַ באַוועגונג פול מיט

פרייד, זיי אַוועקגעלייגט אויפן טיש אָפּענע, ווי צוויי געעפנטע שלעסער, און אַ שטים אין אים האָט געדעדט ווייך און וואַרעם: ניין, דאָס איז נישט געווען אָן אַ כּוונה...

*

ס׳איז אַוועק אַ צייט און סוליק האָט נאָך אַלץ נישט געהאַט קיין דרייסטקייט צו רעדן מיט כּייקינען וועגן זיין טאָכטער. אַלע דריי, סיי סוליק, סיי כּייקין און סיי זיין טאָכטער האָבן זיך שטאַרק געמאַטערט. כּייקין האָט שוין דאָס אַלץ געוואָלט איבערקומען. ער האָט געוואָלט ס׳זאָל שוין האָבן געשען, וואָס ס׳מוז געשען. ער איז טיילמאָל מוראדיק אין כּעס געווען אויף סוליקן פאַר זיין נישט דרייסטקייט. וואָלט ער געקומען און זי צוגענומען פון מיר — האָט ער זיך געטראַכט — מילא, וואָלט געווען פאַרפאַלן. און דאָ, זע איך, וועל איך זי אים נאָך דאַרפן אַליין געבן, אַליין זי אים אָנשלאָגן. ער איז געווען דערפון צעבראָכן און דערדריקט. ער האָט אָבער געזען, אַז קיין אַנדערע עצה איז נישטאָ, האָט ער אין איינעם אַן אָוונט זיך אָנגערופן צו סוליקן:

— מאַטוויעי, — איצט האָט ער אים גערופן ביים נאָמען — מיר דאַכט זיך, אַז איר וואָלט שוין געקאָנט רעדן מיט מיין אַניאַ וועגן אַ תּכלית.

זיי האָבן זיך ביידע דערשראָקן. אַ פּחד איז אויף זיי אָנגעפאַלן. ביי ביידע איז דאָס בלוט אָפּגעפלאָסן פון פּנים און ביידע זענען געבליבן זיצן טויט בלייכע. סוליק האָט זיך דערשראָקן פאַר דער מינוט וועלכע דער־נענטער זיך און אין וועלכער ער שטעלט איין זיין גאַנץ לעבן אויף דער איינער קאָרט. כּייקין האָט זיך דערשראָקן פאַר דעם וואָרט „תּכלית״. וואָס האָט זיך אים אַרויסגעגליטשט פון מויל. ס׳האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז מיט דעם קאַלטן, טרוקענעם, האַרטן וואָרט „תּכלית״ האָט ער זיין אויס־געצערטלטע, שיינע און מלא־חנעוודיקע טאָכטער אַריינגעשטעלט אין סוליקס צעראַטן ביכל צווישן די קאָלומנעס מיט חשבונות. אים איז גע־וואָרן ביטער, געוואָרן שלעכט, ס׳איז אים געוואָרן ענג. נאָר ס׳איז שוין געווען שפּעט. צוריקציען דאָס וואָרט האָט ער נישט געקאָנט.

שבת־צונאַכט, עטלעכע טעג נאָך דעם ווי כייקין האָט מיט אים גע־רעדט, איז סוליק געקומען צו די כייקינס. ער איז געווען אָנגעטון אין אַ טונקעלן זשאַקעט, אויפן קאָפּ אַ שוואַרצן צילינדער און אַ גאָלדענעם צוויקער אויף דער נאָז. ער האָט זיך באַגריסט מיט כייקינען און אַריין, דאָס ערשטע מאָל אַליין, צו דער טאָכטער.

כאָטש זי האָט געוווסט, אַז ער דאַרף קומען, כאָטש זי האָט געוווּסט וועגן וואָס ער וועט רעדן, אָבער זעט־אויס, אַז דאָס וואָרט „תכלית" האָט גענומען נקמה. זייַן געשפּרעך איז געווען אַזאַ זאַכלעכער, אַז זי איז אין אָנהויב געזעסן אַ פאַרציטערטע. זי האָט געפילט ווי אַלץ וואָס איז געווען ביז איצט — פאַרשווינדט. דערנאָך איז זי געבליבן פאַרשטיינערט, גע־שמייכלט מיט אַ ווייטן שמייכל און צו אַלעם צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ...

יידישע שטובן

אמאָל...

דאַמאָלט, אין יענער צייט, זענען די פּאָדלאָגעס אין די דירות פונעם יידישן סוחרישן שטאַנד אין וואַרשע געווען געמאָלן אויף רויט. זיי זענען געווען געמאַכט פון לאַנגע, גלאַטיק־געהיבלעוועטע ברעטער און באַמאָלן מיט אייל־פאַרב פון ציגל קאָליר. בלויז אין איין שטוב, אין דער גרעסטער, וועלכע מען האָט גערופן דער „סאַלאָן", ווו עס זענען געשטאַנען פּלושענע פאָטעלן און פּלושענע קאַנאַפּקעס איבערגעדעקטע מיט „פאָקראָווצעס", וואָס האָבן ביינאַכט געשראָקן מיט ווייסקייט פון טויטע, בלויז אין „סאַלאָן" איז די פּאָדלאָגע געווען פון ברוינע פּאַסאַדזקעס.

ביי אונדז אין דער דירה אויף פּאָקאָרנע איז דער „סאַלאָן" געווען אין דערמיט, צווישן עס־צימער און שלאָף־צימער. אין מיטן שטוב איז געשטאַנען אַ האַלב־רונדיק, שוואַרץ טישל איבער וועלכן עס האָט אַראָפּ־געהאָנגען אַ שווערער, בראָנזענער זשיראַנדאָל, באַהאָנגען מיט קרישטאָ־לענע גלעזלעך, ווי מיט אייז־צאַפּנס. אין זייערע שאַרפע, געשליפענע דריי־עקן פלעגן זיך די זונען־שטראַלן צעפלאַמען אין רויט, בלוי און אין גריי. צווישן די צוניפגעהעקלטע מיט דרעטלעך לאַנגע שנורן קרישטאָ־לענע גלעזלעך, וואָס האָבן ווי שלאַנגען זיך געוויקלט אַרום דעם זשיראַנ־דאָל, האָבן אַרויסגעקוקט דריי־רערנדיקע לייכטער אין וועלכע עס האָבן געשטעקט געלע, וואַקסענע ליכט. דעם דאָזיקן זשיראַנדאָל האָט מען ביי אונדז נישט לאַנג צוריק געהאַט איבערגעמאַכט אויף אַ גאַז־לאָמפּ. צווישן זיינע לייכטער מיט די געלע ליכט האָט מען איצט געזען ברע־נערס אויף וועלכע ס'האָבן זיך געהאַלטן מאַטאָווע גלעזערנע קלאָשן, וואָס האָבן מילך־מילד געמאַכט די ברייטע צעהעלטקייט פון דער אויפגעקומע־נער גאַז־באַלויכטונג און זיך באַמיט שלום מאַכן צווישן איר און די פאַרשעמטע, געלע וואַקסענע ליכט.

אַרום דעם שוואַרצן טישל זענען געשטאַנען עטלעכע הויכע שטולן

געבעטע מיט גרינעם פּלוש. עטלעכע פּאָטעלן און אַ קאַנאַפּקע מיטן זעלבן פּלוש און פון זעלבן האָלץ ווי דאָס טישל, זענען געשטאַנען אַרום די ווענט. איבער די טירן האָבן געהאָנגען שווערע, דיקע, פּלושענע פּאָרטיערן. אויף רעמען פון גאָלד־קאָליר האָבן איבער די פענצטער געהאָנגען געהאָפטענע פאָרהאַנגען דראַפּירטע אין געדיכטע פאַלדן. די לאַמברעקינעס און די זייטיקע שאַלן זענען געווען פון גרין־גאָלדענעם אַדאַמאַש.

די שטולן, די פּאָטעלן און די קאַנאַפּקע איז געווען באַצויגן מיט ווייסע צודעקס פון אַ דיקן שטאָף אין פּאַסן. אויפן טישל איז געשטאַנען אַ זילבערן קוישל אין וועלכן ס׳זענען געלעגן פאַרגעלטע, ראש־השנהדיקע ווונטש־קאַרטן, און אויף בלוי און ראָזאַ זיידן־פּאַפּיר געדרוקטע איינלאַדונגען אויף „פּערלאָבונגען״ און „פּערמעלונגען״. אויף די קאַרטן האָב איך, קניענדיק אויף אַ פּלושענער שטול און אָנגעשפּאַרט מיט אַ האַנט אויפן טיש, זיך אויסגעלערנט ציילן.

די פּאָדלאָגעס פלעגט מען יעדן טאָג, אינדערפרי, פּראָטערירן מיט האָלצערנע באַרשטן, וואָס האָבן זיך מיט גומעס געהאַלטן אויף די פיס אַרום די סטאָפּעס. זומער, ווען די פענצטער זענען געווען אָפן האָט מען געקאָנט זען, ווי אין דער זעלבער צייט אין די פרימאָרגן שעהען, גייען אין אַלע דירות יידישע און קריסטלעכע דינסט־מיידלעך אין אַ ווילדן טאַנץ, אין אַ משונהדיקער פּאַנטאָמימע פון האַסטיקע באַוועגונגען. דאָס פּראָטערירט מען אין הויז אויף פּאָקאָרנע די פּאָדלאָגעס מיט האָלצערנע פיס־באַרשטן.

מיטאַמאָל האָט זיך דאָס בילד געענדערט. אין די הענט פון די דינסט־מיידלעך האָבן זיך באַוויזן לאַנגע שטעקנס מיט וועלכע זיי שטופּן פאַר זיך גרויסע, שווערע, מיט אייזערנע פּרעסן באַדעקטע פּראָטעריר־באַרשטן. אויף דער אויבערשטערט אייזערנער טייל פון דער באַרשט האָבן עגלאַנצט געמאָלענע מיט גאָלד די אותיות פון דער פירמע: אַלעקסאַנדער פּייסט, וואַרשע. ס׳איז געוואָרן די אַמביציע פון יעדער באַלעבאָסטע צו האָבן פּייסטס אַ פּראָטעריר־באַרשט. די באַלעבאָסטעס פלעגן קומען איינע צו דער צווייטער באַקוקן די באַרשטן. זיי פלעגן זיי אויפהייבן, מעסטן די גרויס, פּרובירן זייער וואָג און דערבײַ זיך אַריינזאָגן שטעכווערטלעך וועגן

קאָרגשאַפט, וועגן באַלעבאַטישקייט, וועגן זיך קענען באַגיין מיט דינסטן, זוינקען מיט די אויגן און זיך פּייכט מאַכן די ליפּן מיט די שפּיצן פון זייערע שאַרפע צינגלעך.

*

אין די עס־צימערן האָבן אויף די ווענט אַנטקעגנאיבער די פענצטער געהאָנגען אין טונקל־דעמבענע קעסטלעך זייגערס מיט העלע צעשפּילטע אומרוען צווישן שווערע, ערנסטע, מיושבדיקע געוויכטער, וואָס האָבן זיך אײַנגאָנצן נישט־באַמערקבאַר באַוויגן אויף גאָלדענע קייטן. פון ביידע זייטן זייגער האָבן געהאָנגען צוויי לאַנדשאַפטן: אַ זומערדיקע און אַ ווינטערדיקע. אויף דער זומערדיקער האָט מען געזען אַ בליענדיקן גאָרטן, אַ בריקל איבער אַ קליין טייכל, אַ דאַמע מיט אַ הער, אָנגעטון לויט דער ווינער מאָדע פון יאָהאַן שטראַוס צײַטן, גייען שפּאַצירן געאָרעמט. אָדער: אַן אַלטאַנע, אַ ווילע אין באַראָק־סטיל, זון־אונטערגאַנג. אויף דער ווינטער־דיקער לאַנדשאַפט: אַ טיפער שניי, אַ ווייס־בלויער אויף ברוינער ערד, צוויי ברוינע פערד געשפּאַנטע אין אַ שמאָלן שליטן. אַ הייזל, אַ ברוינס, הויך באַדעקט מיט שניי. נעבן הייזל אַ שניי־מענטש מיט אַ בעזעם אין האַנט. צוויי יעגער מיט ביקסן אויף די אָרעמס און מיט הינט נעבן זיי.

אונטערן זייגער, אויף אַ טשוואָק, איז געהאָנגען אַ ניקעלן טעצל מיט אַ בערשטל אין דער פאָרם פון אַ סערפּ. דאָס הענטל פון בערשטל איז געווען אויפן דינסטן אָרט אַרומגענומען מיט אַ גרויסער, ראָזאַ, זײַדענער שלייף. דאָס איז געווען דאָס טעצל מיטן בערשטל אַראָפּצושאַרן נאָכן עסן די קרישקעס פון שבתדיקן טיש.

דאַמאָלט זענען אין אַלע עס־צימערן פון דעם יידישן סוחרישן שטאַנד אין וואַרשע געשטאַנען דעמבענע טישן מיט „וויאַנזאַניעס" און מיט האַלב־געבעטע, לעדערנע שטולן אַרום זיי. ס'זענען געשטאַנען טונקעלע קרע־דענסן מיט געשניצטע טירן און אינדערמיט מיט לייבן, וואָס האָבן געהאַלטן אין זייערע אָפענע מײַלער בראָנזענע רינגען. אין די קרעדענסן זענען געשטאַנען רויטע, פּירעקיקע בלעכענע שאַכטלען מיט אויסגעמאָלענע אויף

זיי כינעזער מיט לאַנגע, ביזן סוף פון זייערע קימאָנאָ־קראַגנס, שמאָלע, געדרייטע וואָנסעס. די כינעזער האָבן געהאַלטן אין די הענט טאַצן מיט מעפּלעך טיי. ס׳זענען געשטאַנען אין די טיפע קרעדענסן זילבער־בלעכענע פּושקעס מיט „וואַן־הוטענס״ קאַקאַאָ און הויכע, קיילעכדיקע פּושקעס, געמאָלן אויף גאָלד־קאָליר, מיט האַרטן ווייס־בלויען, געהאַקטן צוקער.

פון די קרעדענסן האָבן שוין לאַנג געהאַט אויסגעוועפּט די חומש ריחות פון די מתנות וואָס די ברידער האָבן פאַר יוספן געפירט קיין מצרים. זייער אָרט האָט איצט פאַרנומען דער ריח פון פעקלעך בראַזיליאַנישער קאַווע, אין וועלכע מ׳האָט געקאָנט געפינען זייגערלעך אָדער גאָלדענע קייטלעך. ס׳האָט זיך געטראָגן דער אַראָמאַט פון די פלעשלעך אונגאַרישן וויין און פון שוסטאָווס קאָניאַק מיט די גאָלדענע גלאָקן.

אין די אַלטע, שאַרפע ריחות, וואָס האָבן זיך געטראָגן פון די יידישע מאכלים האָט זיך איצט אַריינגעריסן דער גוֹיישער ריח פון מושטאַרדע. דאָס אָרט פון וואַרעמען קוגל האָט אָנגעהויבן פאַרנעמען דער קאַלטער אָמלעט אַדורכגענעצט מיט וויין און איבערגעלייגט מיט קאַרשן פון ווישניק. דער פּרוכטן־קאָמפּאָט האָט אַרויסגעשטויסן דעם מייערן־צימעס און אויפן אָרט פון די אַלטע געטראַנקען, ווי ראָסל־באָרשט און רויטן־קוואַס, האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן אויף די יידישע טישן מינעראַל־וואַסערן — „שפּרודל״ און „באָרזשאָם״.

דער יידישער רייך־געוואָרענער סוחרישער קלאַס האָט צונויפטרעפנ־דיק זיך מיט דער נישט־יידישער וועלט קודם־כל פאַרזוכט, אַ לעק געטון, פון זייער עולם־הזה.

*

דאַמאָלט, ווען מען האָט נאָר־וואָס געהאַט אַריינגעצויגן אין די יידישע פאַרמעגלעכע שטובן גאַז, האָבן די זשיראַנדאָלן געברענט מיט די פלאַמען אַרויף. צו אַ רער פון דעם זשיראַנדאָל האָט מען צוגעשרויפט אַ ברענער, ווו אויף אַ קליין בערגעלע האָט מען אַריינגעשטעקט אַ דרעטל, ווי אַ הערינג־גופּעלע מיט צוויי ציין. אויף דעם דרעטל האָט מען אָנגעטון

אַ העמדל (שיאַטקע) פון דינעם מושליך, אַרום העמדל — אַ גלעזל, און אויפן גלעזל — אַ קלאָש.

דאָס ניי־פּאַרלייגטע העמדל האָט מען געמוזט איבערברענען. מען פלעגט זייער פּאָרזיכטיק צולייגן דערצו אַן אָנגעצונדענע זאַפּאַלקע און די שיאַטקע פלעגט זיך איבערברענען ווי אַ טרוקענע שטרוי. דאַביי האָט דאָס שניי־ווייסע, דיניטשקע, איידעלע העמדל אַרויסגעגעבן פון זיך שוין גאָר נישט קיין שיינעם ריח.

נאָכן איבערברענען איז דאָס העמדל געווען ווי אַ קינסטלעך אויס־געהאָפטן ביסל ווייס אַש. יעדער ריר מיטן זשיראַנדאָל, יעדער קלאַפּ אויפן סופיט, יעדע נישט געשיקטע באַוועגונג האָט געבראַכט מיט זיך אַ קאַטאַ־סטראָפע, דאָס צעפאַלן זיך פון העמדל, אַן וועלכן דער גאַז האָט געברענט אָבער נישט געלויכטן. ס׳איז געווען מאָדנע, ווי דאָס ביסל שוואַכע אַש, וואָס האָט קוים זיך געהאַלטן, צוימט, האַלט פעסט אין זיך, מאַכט מילד און העל דאָס שטיק רויע, רויט־בלוי פייער, וואָס רייסט זיך מיט כוח פון ברענער אַרויס. דאָס אָנצינדן אַ גאַז־לאָמפּ איז שוין גאָרנישט געווען פון די פשוטע זאַכן. ס׳איז געווען אַן אויפגאַבע וועלכע מען האָט געטרויט נאָר אַ דערוואַקסענעם דערפאַרענעם מענטש.

ס׳זענען געווען גרויסע ספּעציאַליסטן וואָס האָבן געקענט אָנצינדן די גאַז־לאָמפּן מיט אַ זאַפּאַלקע, צולייגנדיק זי צו דעם אָרט ווו ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דער ברענער. אָבער אַממייניסטן האָט מען זיי אָנגעצונדן מיט אַ לאַנג שטיק ברענענדיק פּאַפּיר, וואָס מען האָט צוגעלייגט פון דער הויך, צום ראַנד פונעם גלעזל. דאָס איז געווען דער אַממייניסטן אָנגענומע־נער, כאָטש דער סאַמע געפערלעכסטער אופן פון אָנצינדן די גאַז־לאָמפּן, ווייל דאַמאָלט איז דאָס העמדל שטענדיק געשטאַנען אין אַ גרויסער סכנה צעשיט צו ווערן.

ס׳זענען געווען לאָמפּן מיט צען פייערן, מיט פינף, מיט דריי און צוויי און מיט איין פייער אויך. די לעצטע האָט מען גענוצט נאָר אין קיך. דאָס גאַז־ליכט איז געווען ווייס און געלבלעך, ווי לבנה־ליכט. ס׳איז געווען אַ העל ליכט אָבער נישט קיין פריילעכס. פון די עטלעכע פּאַראַפין־ליכט וואָס האָבן געברענט שבת ביי אונדז אויפן טיש איז געווען אַ סך

פּריילעכער און יום־טובדיקער, ווי פון די פינף ברענענדיקע פייערן פון דעם גאַז־לאָמפּ.

פּרייטיק פאַרנאַכט האָט מען ביי אונדז אָנגעצונדן אַלע לאָמפּן אין אַלע שטובן, אַ חוץ אין שלאָף־צימער. אַרום עלף ביינאַכט פלעגט קומען וולאַדעק, פּאַוועל דעם סטרוזשס געהילף, אויסלעשן דעם גאַז. מען האָט אים מכבד געווען מיט אַ שטאַרקן טרונק בראָנפן און מיט אַ גרויסער מוציא אייער־חלה. ער האָט קודם כל אויסגעטרונקען דעם בראָנפן צוגעוווּנטשן, גענומען די מוציא חלה אין איין האַנט און מיט דער צווייטער געלאָשן די לאָמפּן. ווען ס׳האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז חסידים, אָדער סתם־געסט, זענען נאָך דאַמאָלט ביי אונדז געזעסן און ס׳האָט זיך זיי נישט געגלוסט אָוועקצוגיין, האָט שוין וולאַדעק געוווּסט, אַז ער דאַרף קומען נאָך אַמאָל, אָדער זיך הייסן דערלאַנגען עטלעכע ליכט און זיי אָנצינדן פאַרן פאַרלעשן די גאַז־לאָמפּן. וולאַדעק האָט געוווּסט דעם דיך, אַז הייסן אים אָנצינדן ליכט — טאָר מען נישט.

איינמאָל האָט זיך געטראָפן, אַז וולאַדעק איז גראַד קראַנק געוואָרן און אויסלעשן די לאָמפּן איז געקומען דער סטרוזש פּאַוועל אַליין. ס׳איז אויך אַזוי געשען, אַז פּונקט דעם פּרייטיק־צונאַכטס זענען געקומען צו אינדז זייער אָנגעלייגטע געסט. ווען פּאַוועל איז געקומען איז דער שמועס נאָך געווען אין פולן ברען. די געסט האָבן נישט געהאַט קיין חשק שוין אַוועקצוגיין. פּאַוועל האָט אויסגעטרונקען דעם גאַר שטאַרקן בראָנפן, וואָס מיין טאַטע אַליין האָט אים אָנגעגאָסן, ער האָט גענומען די גאַר גרויסע מוציא חלה וואָס מיין מאַמע אַליין האָט אים דערלאַנגט, און דאַן האָט זיך דער טאַטע צו אים אָנגערופן:

— פּאַוויליע, צאָ בענדזשיע יעשלי פּאַוועל זגאַשי לאַמפּי אַ מי זאָסטאַניעמי פּאָ ציעמקו? (פּאַוועל, וואָס וועט זיין ווען פּאַוועל וועט אויס־לעשן די לאָמפּן און מיר וועלן בלייבן אין דער פינצטער?).

אַלע זענען געווען זיכער, אַז פּאַוועל וועט זיך הייסן דערלאַנגען ליכט און וועט זיי אָנצינדן, אָבער דאָ האָט פּאַוועל גאַנץ תמימותדיק צי גאָר כיטרע געענטפערט:

— נאָ, פּראָשע פּאַנאַ, טאָ שיע פּואידזשיע ספּאַטש. (נו, ווערט מען גיין שלאָפֿן).

און ס׳איז געווען פֿאַרפֿאַלן, מען האָט זיך געמוזט צעשיידן מיט די געסט און טאַקע גיין שלאָפֿן.

אין אַ ווינקל אין פֿאָדער־צימער איז געשטאַנען דער גאַז־זייגער (גאַזאָמעטער) איבערגעדעקט מיט אַ האָלצערן שענקל. בכדי דער גאַז זאָל ברענען, האָט מען געמוזט אַריינוואַרפֿן אין גאַזאָמעטער אַ זילבערנע מטבע פֿון צוואַנציק קאָפּיקעס (אַ „פּערציקער״). ווען ס׳האָט זיך אויסגעברענט דער סכום גאַז פֿאַר די צוואַנציק קאָפּיקעס איז דאָס ליכט פֿון די לאָמפּן פֿון זיך אַליין אויסגעגאַנגען. מען האָט שטענדיק געמוזט האָבן אין זאַפּאַס אַ זילבערנעם פּערציקער און ווי נאָר מען האָט געזען, אַז דאָס ליכט הויבט אָן ווערן טונקעלער, האָט מען שנעל געמוזט אַריינוואַרפֿן דעם פֿרישן פּערציקער. די קינדער ביי אונדז האָבן זיך געריסן אַריינצוואַרפֿן די מטבע אין גאַזאָמעטער. דאָס איז געווען אַ גאַנצער ענין, אַ פֿאַנטאַסטי־שע שפּיל. ווייל ווי נאָר ס׳האָט זיך דערהערט דער זילבערנער קלאַנג פֿון דעם אַריינפֿאַלנדיקן פּערציקער אין דער פּושקע, וועלכע איז געווען טיף באַהאַלטן אינעם אינגעווייד פֿון דעם גאַזאָמעטער, האָט זיך דאָס אויס־גייענדיקע ליכט צוריקגעכאַפּט צום לעבן און מיט אַ פֿרישן חשק זיך העל צעלויכטן.

די מאַמע האָט אַזוי איינגעשטעלט דעם סדר, אַז יעדעס מאָל האָט אַן אַנדער קינד באַקומען דעם פּערציקער אַריינצוואַרפֿן. אויף שבת האָט מען אַריינגעוואָרפֿן עטלעכע זילבערנע פּערציקערס מיט אַמאָל, בכדי ס׳זאָל זיך חלילה נישט מאַכן, אַז דאָס ליכט זאָל אויסגיין פֿאַר דער צייט, ווייל שבת האָבן געברענט אַלע לאָמפּן און ס׳האָט זיך פֿאַרנוצט אַ סך גאַז. מיטן אַריינוואַרפֿן די עטלעכע פּערציקערס מיט אַמאָל לכבוד שבת פֿלעגט שטענדיק דער טאַטע מיך מכבד זיין. דאָס איז געווען מיין פּריווילעגיע ווי אַ בן־יחיד. דאָס אַריינוואַרפֿן פֿרייטיק פֿאַרנאַכט די זילבערנע מטבעות איז געווען אויסער דער פּשוטער ריי און מיינע שוועסטערן האָבן שוין געוווּסט, אַז דאָס איז מיין ספּעציעלער זכות און נישט געמאַכט קיינמאָל וועגן דעם קיין טענה.

איינמאָל אין חודש פלעגט קומען אַ הויכער, בלאָנדער קריסט מיט אַ בוך אונטערן אָרעם. דאָס איז געווען אַן אינקאַסענט פון גאַז־אַנשטאַלט. אויף אַ לעדערנעם פּאַס האָט ער ביי דער לינקער זייט געטראָגן אַ גרויסן בייטל, וואָס האָט זיך מיט אַ קנאַק פאַרמאַכט אויף צוויי איבערגעלייגטע מעטאַלענע צייך. ווען ער פלעגט אַריינקומען אין אַ נישט גאַנץ פאַרמעגלעכער שטוב ווו מ׳האָט זיך געהיטן נישט אויסברענען קיין סך גאַז, האָט ער אַרויסגענומען דאָס פודעלע מיט די פּערציקער, זיך אויסגעשיט אויף דער האַנט די פּאָר שטיק, שנעל זיי איבערגעציילט און אַרויסגעגעבן אויף דער סומע אַ קוויטאַנציע. אָבער ווען ער איז אַריינגעקומען אין אַ פאַרמעגלעכער שטוב, ווו ער האָט געוווּסט, אַז דאָס פּושקעלע איז פול, האָט דאָס גאָר פּייערלעך אויסגעזען. דער הויכער קריסט פלעגט אַרויסלייגן פון דער האַנט דאָס בוך וואָס ער האָט געהאַלטן, אַראָפּנעמען די פּלאָמבע פון אַ טירעלע, וואָס איז געווען אין גאַזאָמעטער, אַריינשטעקן דאָרט טיף די האַנט און אַרויסנעמען דאָס פּושקעלע מיט די פּערציקערס. ער האָט עס מיט ערנסט צוגעטראָגן צום טיש אין עס־צימער און געבעטן דערלויבעניש זיך אַוועקצוזעצן און אויסצוציילן דאָס געלט. ווען ער האָט זיך אַוועקגעזעצט האָט ער אויסגעשיט דאָס געלט און געמאַכט לאַנגע שלאַנגען פון די פּערציקערס און זיי איבערגעציילט. דערנאָך האָט ער אויסגעשטעלט אַ קוויטאַנציע, זיך זייער העפלעך פאַרנויגט און אַוועקגעגאַנגען.

ביי אונדז זענען די פּושקעלעך מיט די פּערציקערס שטענדיק געווען פול, און דער הויכער קריסט, וואָס פלעגט זיי נאָכן אָפּציילן, זיך אַריינשיטן אין גרויסן לעדערנעם בייטל אַריין — האָט זיך פאַרהאַלטן מיט גרויס דרך ארץ. אַ חוץ פאַוולען דעם סטרוזש און וולאַדעקן זיין געהילף האָב איך נישט געזען אַז אַ קריסט זאָל זיך מיט אַזויפיל רעספּעקט פאַרהאַלטן אין אַ יידישער שטוב. יאָ, ס׳איז נאָך געווען דער טאָטער, סאַוועלי, וואָס האָט געאַרבעט ביי מיין טאַטן אין געשעפט אַלס פּאַקער און געהאַט גרויס דרך־ארץ פאַר מיין טאַטע־מאַמע. אָבער סאַוועלי איז געווען מיין טאַטנס אַן אַרבעטער. דאָס איז געווען גאָר עפּעס אַנדערש. אונדז קינדער איז מיט אים געווען פריילעך, מיר האָבן אים שטאַרק ליב געהאַט, נאָר דאָס איז שוין גאָר אַן אַנדערע מעשה...

קעכינס און רייפּערקעס

אין די קיכן פון די יידישע פאַרמעגלעכע הייזער אין וואַרשע האָט נאָך דאַמאָלט כמעט זעלבשטענדיק געהערשט דאָס קופּער און מעש. פיש אויף שבת און יום־טוב האָט מען נאָר געקאָכט אין קופּערנע ראַנדלעס, גענדזנס און קעלבערנס האָט מען געבראָטן אין קופּערנע בראָט־פּאַנען, טיי אויף שבת האָט מען צוגעשטעלט אין מעשענע קעסלען. דאָך האָט דאָס „בלויע־געפעס" זיך ביסלעכווייז אָנגעהויבן אַריינרייסן אויך אין די באַלעבאַטישע, פאַרמעגלעכע שטובן. דער בלויער טשייניק האָט אַרויס־געשטופּט די קופּערנע באַנקע אויף טיי, די בלויע שיסל — די מעשענע. זיי זענען נאָך דערוויל געשטאַנען אויף די פּריערדיקע, בכבודיקע ערטער אויף דער האָלצערנער פּולקע איבער דעם קיך־טיש, מען האָט נאָך זיי פון צייט צו צייט איבערגעפּוצט, זיי האָבן נאָך געגלאַנצט און אָפּגעגלאַנצט מיט יוסטער באַלעבאַטישקייט, אָבער גענוצט האָט מען זיי שוין מער נישט.

די דינסט־מיידלעך זענען געווען צופרידן פון דעם, וואָס זיי מוזן נישט אַזוי אָפט רייבן און פּוצן די קופּערנע באַנקעס און מעשענע שיסלען. פון דער פּאַמאַדע מיט וועלכער זיי האָבן געפּוצט דאָס מעש און דאָס קופּער, האָבן די דינסטן באַקומען אַ שוואַרצע, נעגערישע הויט אויף זייערע ראַציקע הענט. זיי האָבן די הויט געריבן מיט אש און מיט סאָדע בכדי כאָטש אויף שבת, ווען זיי וועלן אַרויסגיין שפּאַצירן, זאָלן די הענט זייערע עפּעס צוריקבאַקומען פון זייער נאַטירלעכער קאָליר. איצט האָבן זיך די דינסט־מיידלעך געפרייט וואָס זיי ווערן פּאַמעלעך פּטור פון דעם פּוצן און רייבן. פונדעסטוועגן איז אין דעם „בלויען־געפעס" געלעגן עפּעס אַן אָרעמקייט, און אַפילו די דינסטן איז געווען אומעטיק פון דעם, וואָס דער שימער און גלאַנץ פון קופּער און מעש פאַרשווינדט פון דער קיך און זייער אָרט פאַרנעמט איצט די „בלויגעפעסענע", בלעכערנע ביליקייט און פּראַקטישקייט.

אויך דאָס האַלצערנע געשיר איז ביסלעכווייז פאַרשווונדן פון דער קיך. דאָס האַלצערנע ברעטל אויסצוזאַלצן פלייש און די גרויסע האַלצערנע זאַלץ־מעסטלעך איבער די קיכן, זענען פאַרטרעטן געוואָרן דורך „בלוי־געפּעסענע" כלים פון דער זעלבער פאָרעם, וואָס די האַלצערנע. אפילו דאָס פּסחדיקע פעסל אויף רויטן באָרשט איז פאַרטוישט געוואָרן אויף אַ גרויסן, בלעכערנעם, געגלייזטן קעסל.

נישט אַלע באַלעבאָסטעס האָבן אַזוי גיך אַריינגעלאָזט צו זיך דאָס בלויע געפּעס. געווען אַזעלכע, וואָס האָבן דאָס בשום אופן נישט געוואָלט טון. זיי האָבן געהאַלטן, אַז וואָס גרינגער מען מאַכט די דינסטן, אַלץ פוילער ווערן זיי...

*

נאָך איידער האָדעס איז פון אונדז אַוועקגעגאַנגען, האָבן זיך אָנגע־הויבן ווייזן רייפערקעס. דאָס זענען געווען כמעט בלויז עלטערע, נידריקע ווייבער מיט גאַנץ גרויסע בייכער. זיי זענען געגאַנגען אַרומגעוויקלט אין גאָר ברייטע, קראַטענע טיכער, געטראָגן טיפּע, פעלענע שייטלען, אָדער וואָלענע טיכלעך אויף די קעפּ. זיי האָבן כמעט אַלע געהאַט געשוואָלענע פיס, געטראָגן נישט־פאַרשנורעוועטע, גרויסע מענער־שיך און דערציילט זועגן אויסגעשניטענע פון בויך „גוזן", צו אַכצן און צו צוואַנציק פונט.

צווישן זיי זענען געווען אלמנות און גרושות, אָבער אַממיינסטן זענען דאָס געווען עגונות, וואָס אין אַ שיינעם העלן טאָג האָבן די מענער זיי פאַרלאָזט און פאַרפאַלן געוואָרן, ווי אין ים אַריין. זיי זענען פאַרבליבן, די ווייבער, מיט אַ טשאַטע קינדער און מיט אַ פאַרטיליקטן זכרון וועגן האַסטיקע פאַרגעניגנס מיט אַזוי ווייניק צערטלעכקייטן. דער זכרון פון די פאַרגעניגנס האָט זיי נישט געמאַכט בעסער, נאָר ערגער, נישט געמאַכט ווייכער, נאָר האַרטער. האַרט און אכזריותדיק. זייער האַרטקייט און שאַרפקייט האָט ביי זיי צוגענומען דאָס רעשט ביסל ווייבלעכקייט, וואָס די אָרעמקייט האָט זיי נאָך געהאַט איבערגעלאָזט. זיי זענען געוואָרן מענ־לעך, באַפעלעריש און אפילו סאַדיסטיש. בלויז די קליידונג און די פרויען־קראַנקהייטן האָט זיי און אַנדערע דערמאָנט צו וואָס פאַראַ מין זיי געהערן.

זיי האָבן אַלע געוווינט אין סוטערינעס (קעלער־שטובן). נישט נאָר

צוליב אָרעמקייט האָבן זיי דאָרט געוווינט, נאָר אויך צוליב אויסגע־רעכנטקייט און בייזקייט. די סוטערינע איז געווען דער שאַרפסטער כלי־זין, מיט וועלכן די רייפערקעס פלעגן צעברעכן און באַהערשן די דינסט־מיידלעך. סיי די, וואָס זענען געקומען פון דער פּראָווינץ, וואָס ווי אָרעם זיי זענען נישט געווען, זענען זיי געווען געוווינט צו זון, לופט, צו פעלד און וואַלד; סיי די מיידלעך, וואָס זענען געקומען פון רייכע שטעלעס, ווו זיי האָבן געהאַט זייער ריין און שיין ווינקל, האָבן אַריינפאַלנדיק אין דער סוטערינע זיך געפילט דערנידעריקט און דערדריקט און געלאָזט מיט זיך טון וואָס די רייפערקעס האָבן געוואָלט.

מיט יעדער רייפערקע פלעגן מיטקומען צו עטלעכע דינסט־מיידלעך מיטאַמאָל. געווען צווישן זיי אַזעלכע, וואָס זענען דאָס ערשטע מאָל אין זייער לעבן געווען אין וואַרשע. זיי זענען געקומען אַהער פון קליינע פּויליש־יידישע שטעטלעך זוכן אַ שטעל. דאָס זענען געווען נאָך גאָר יונגע מיידלעך פון שטאַרק פאַראָרעמטע יידישע שטובן, מיידלעך וואָס קיין פאַכן האָט מען זיי נישט געלערנט, וואָס געבן זיי צו עסן האָבן די עלטערן נישט געהאַט, קיין תכלית פאַר זיי האָט מען נישט געזען, איז נאָר געבליבן דער איינציקער אויסוועג צו שיקן זיי קיין וואַרשע, ווו זיי זאָלן זיך איינדינגען אויף אַ שטעל, אָפּאַרבעטן אַ פּאָר יאָר, צונויפזאַמלען אַ פּאָר הונדערט רובל און צוריקקומען אין שטעטל אַריין טון אַ שידוך.

אַזאַ מיידל האָט נישט געקאָנט אָנקומען אויף אַ גרויסער שטעל, ווו מען האָט גוט באַצאָלט. אויף אַ גרויסער שטעל האָט מען געפאָדערט, אַז דאָס מיידל זאָל קאָנען גיין אַ גאַנג, ווען מען וועט באַדאַרפן, זי זאָל קאָנען קאָכן, קאָנען דערלאַנגען שיין צום טיש, קאָנען זיך פאַרהאַלטן ווען ס׳וועלן קומען געסט. און אַ מיידל פון אַ פּראָווינצער שטעטל האָט אַ חוץ אַ בענק־שאַפט זיך צו עפּעס צו דערשלאָגן, אַ חוץ אַ ווילן צו זען אַ וועלט און אַ פאַרבאָרגענעם חשק זיך צו דערנענטערן צו אירע רייצן, אויך מיטגע־ברענגט מיט זיך אַ פּחד פאַר דער גרויסער שטאָט, ווו עס האָבן אויף איר געלויערט טויזנטער אמתע און טויזנט מיט איין צוגעטראַכטע געפאַרן. אַזאַ מיידל האָט מורא געהאַט אַרויסצושטעקן דעם קאָפּ פון טויער אין דער רעשיקער גאַס אַריין טאָמער וועט זי פאַרבלאָנדזשען. זי האָט מורא

געהאַט מען זאָל זי נישט פאַרפירן, אויפכאַפּן און פאַרקויפן קיין אַרגענ־טינע. אויף איר לייב האָט נישט איינמאָל געלויערט אַ פאַרפעצטער אויס־געלאַסענער באַלעבאָס, אָדער זיינע צעלאָזענע זין. ס׳איז געווען פאַר וואָס מורא צו האָבן.

זענען זיי געשטאַנען נעבן די רייפּערקעס וואָס האָבן זיך ברייט צעזעצט אויפן דינסט־מיידלס בעטל, געטרונקען טיי מיט אַ סך צוקער און צוגעביסן אַ זעמל מיט באָרוועקעס, אָדער אַ שטיקל קוכן, מיט וועלכן די באַלעבאָסטעס האָבן זיי מכבד געווען. די מיידלעך זענען געשטאַנען אויסגעשראָקענע, בלוי פון פאַרהונגערטקייט און אָנגעטאָן אין בילע־וואָס. ווייל ווי נאָר זיי זענען אָנגעקומען קיין וואַרשע און אַריינגעפאַלן אין די סוטערינעס צו די רייפּערקעס, האָבן די לעצטע קודם־כל ביי זיי צוגענו־מען פאַר אַ משכן זייערע אָרעמע קוישלעך מיטן ביסל אָנטועכץ. זיי האָבן דאָס געהאַלטן פאַר אַ משכן ביזוואַנען דאָס מיידל איז אָנגעקומען אויף אַ סטאַלער שטעל. דאַמאָלט האָט די באַלעבאָסטע באַצאָלט דער רייפּערקע אויפן מיידלס חשבון פאַר דער צייט וואָס דאָס מיידל איז ביי איר געווען מיט עסן און שלאָפן, כאָטש געשלאָפן זענען די מיידלעך אויף דער ערד און געגעסן בלויז ברויט מיט טיי, זעלטן אַ לעפל געקעכטס.

ס׳האָט גאָר נישט לאַנג געדויערט און אַזאַ מיידל האָט פאַרשטאַנען, אַז אויף קיין גרויסער שטעל וועט זי נישט אָנקומען. דאָס אַרומוואַלגערן זיך ביי דער רייפּערקע, דאָס הונגערן, די מורא פאַרן מאָרגן, די שרעק וואָס האָט אָנגעוואָרפן אויף איר די פינצטערע און טוכלע סוטערינע, די געהיימע געשפּרעכן פון די מער לעבנס־דערפאַרענע דינסט־מיידלעך, האָבן געטון דאָס זייעריקע. דאָס מיידל האָט זיך אונטערגעגעבן און אָנגע־קומען אויף אַ שטעל אין אַ קליינער דירה פון צוויי אָדער דריי שטובן, אין אַ בעל־מלאכיש הויז, וואָס האָט זיך געהאַט אַרויפגעאַרבעט. מען האָט איר באַלד אָנגעוואָרפן די קליינע קינדער און די נישט געאָרדנטע באַלע־באַטישקייט. דאָ האָט זי זיך קיינמאָל נישט אויסגעלערנט קאָכן קיין געשמאַקע מאכלים, דאָ האָט זי זיך נישט צוגעאייגנט קיין פיינע מאַניערן, דאָ האָט זי קיינמאָל נישט געהאַט די געלעגנהייט צו זען, ווי אַזוי מען באַנעמט זיך אין אַ בעסערער געזעלשאַפט, דאָ האָט זי זיך געמוזט באַגנו־

גענען מיט אַ קליינעם זמן־געלט און פון דאַנען האָט זי שוין קיינמאָל ניט געקאָנט דערגיין צו קיין שטעלע אין אַ גרויס, רייך הויז.

די דינסט־מיידלעך פלעגט מען צונעמען אויף אַ גאַנצן זמן, פון נאָך פסח ביז נאָך סוכות, און פון נאָך סוכות ביז נאָך פסח. ס׳האָט זיך זייער זעלטן געטראָפן, אַז מען זאָל אָפּזאָגן אַ דינסט־מיידל אין מיטן זמן. דערצו האָט געמוזט זיין גאָר אַ וויכטיקע סיבה. ס׳האָט זיך געטראָפן, אַז אַ מיידל האָט אָפּגעאַרבעט אַ שטיק צייט און זיך געהאַט אָנגעזאַמלט אַביסל געלט איז געקומען צו איר דער טאַטע, אָדער די מאַמע, אָדער אימיצער פון די שוועסטער און איר דערציילט, אַז אין שטוב הונגערט מען, אָדער אַז אימיצער פון די נאָענטע איז קראַנק און מען מוז אים ראַטעווען. אָדער ס׳איז געקומען דער טאַטע און דערציילט, אַז עס מאַכט זיך אים עפּעס אַ מעגלעכקייט צו פאַרדינען אויף פּרנסה, נאָר ער דאַרף דערצו אַביסל געלט. האָט דאָס מיידל, די טאָכטער, גענומען דאָס, וואָס זי האָט געהאַט אָפּגעשפּאָרט און נאָך געבעטן ביי די באַלעבאַטים אַביסל געלט פאָראויס און אַוועקגעגעבן דעם אָרעמען טאַטן. אַזוי פלעגט זיך דאָס איבערחזרן פון צייט צו צייט. דערוויל זענען די יאָרן געלאָפן. קיין נדן האָט זיך דאָס מיידל נישט אָנגעזאַמלט, קיין חתן נישט באַקומען, און אַזוי פאַרבליבן אויפן גאַנצן שווערן לעבן אַ פאַרהאָרעוועטע דינסט־מויד, מיט דער איינ־ציקער דאגה, וואָס האָט איר נישט געגעבן קיין מנוחה, אַז אויף דער עלטער וועט זי נישט האָבן קיין אייגן ווינקל ווו אַוועקצולייגן דעם מידן גוף.

ס׳זענען געקומען מיט די רייפּערקעס דינסט־מיידלעך, וואָס האָבן שוין אין וואַרשע געדינט אין רייכע הייזער עטלעכע יאָר. מען האָט זיי אָפּגעזאָגט, ווייל זיי זענען שוין געווען צו היימיש, שוין אַביסל פאַר־חוצפּעט. אָדער זיי אַליין האָבן שוין געהאַט גענוג. ס׳זענען זיי שוין מיאוס געוואָרן דער באַלעבאָסטעס קאַפּריזן און דעריבער באַשלאָסן אַוועקצוגיין. אַזעלכע מיידלעך זענען געגאַנגען שיין אָנגעטון, אין אַ זשאַקעט, אָדער קאָסטיום מיט הענטשקעס און אַ בייטל אין האַנט. אין דעם בייטל איז געלעגן אַ שוואַרץ „סלוזשבאָווע־ביכל״ מיט רעקאָמענדאַציעס געשריבן אין רוסיש און אין פּויליש. אַזעלכע מיידלעך האָט מען גערופן „פּאַצעט־

קעס״. נישט יעדער האָט זיי גערן צוגענומען. נערוועזע און קאַפּריזנע באַלעבאָסטעס האָבן פאַר זיי מורא געהאַט. די מיידלעך האָבן אָבער געוווּסט, אַז זיי זענען גוטע דינסטן, און זיך נישט געשראָקן, אַז זיי וועלן בלייבן אָן אַ שטעל. זיי האָבן זיך אויסגענומען, אַז קיין וועש וועלן זיי ג׳ישט וואַשן, העכסטנס מאַכן אַ מאָל אַ „פּזשעפּיערקע״. זיי האָבן זיך געהייסן גוט באַצאָלן, זיך אויסגעפּרעגט וויפל „נעבן־באַר״ פאַלט אַריין דער דינסט אין משך פון זמן, צי ס׳קומען געסט און לאָזן איבער לעצטגעלט, צי מען שפּילט אין קאָרטן און ס׳פאַלט אַראָפּ דער דינסט קאָרטן־געלט. געווען צווישן די מיידלעך אַזעלכע ספּעציאַליסטקעס, וואָס האָבן געקענט גאָר געשמאַק קאָכן, פירן אַליין דאָס באַלעבאַטישקייט. אַלץ איינגעקויפט אויף אייגענער האַנט, ווו און וויפל זיי האָבן געוואָלט. אַזעלכע דינסט־מיידלעך האָבן געפאָדערט אַ סך געלט, געפאָדערט זעלבשטענדי־קייט, איינגאַנצן נישט געוואָלט וואַשן, געערעדט מיט פאַרשאַרטע בליקן וועגן ברודיקע מענער־וועש, צו וועלכער זיי האָבן זיך געמיאוסט צוצורירן, געפאָדערט אַ הילף צו דער גראָבער אַרבעט.

די רייפּערקעס האָבן די דאָזיקע דינסט־מיידלעך געלאָזט רעדן וואָס זיי האָבן געוואָלט. דערנאָך האָבן זיי אַליין אָנגעהויבן רעדן. זיי האָבן אַזוי גערעדט, ווי די מיידלעך וואָלטן דערביי נישט געווען קיין מענטשן, נאָר זאַכן.

— די — האָט אַ רייפּערקע אָנגעוויזן אויף אַ געפּוצט, הויך מיידל, — זאָלט איר נישט נעמען. זי איז אַ פלאָנדרע. — די, — האָט זי אָנגעוויזן אויף אַ צווייטער, — איז אַ פלעיטוך, די איז אַ שליאָך, די אַ האָליסראַק א.א.וו. די רייפּערקע האָט דיקטירט דער באַלעבאָסטע וועלכע פון די מיידלעך זי זאָל נעמען. טאָמער האָט זיך אַ דינסט־מיידל געוואָלט ווערן קעגן דער רייפּערקעס ווערטער, האָט זיך אַזאַ נידעריקע יידענע מיטן גרויסן בויך אַ שטעל אויף געטון אויף אירע געשוואָלענע פיס און אַראָפּגעלאָזט דער פּאַצעטקע אַ פּליאַסק אין פּנים אַז עס האָט אַ הילך געטון.

ס׳האָט זיך געטראָפן, אַז ווען מען האָט שוין געהאַט צוגענומען אַ דינסט און באַצאָלט רייפּערקע־געלט, האָט די זעלבע רייפּערקע אָפּגע־רעדט די דינסט פון דער שטעל און זי איינגעדונגען ערגעץ אַנדערש, און

ווידער גענומען באַצאָלט. ס׳האָט זיך אויך געטראָפן אַז איין רייפּערקע האָט אָפּגערעדט דינסטן פון אַ צווייטער און זיי איינגערעדונגען צו אירע באַלעבאַטים. דאַמאָלט האָט די ערשטע רייפּערקע פאַרהאַלטן ביי זיך דעם דינסט־מיידלס קוישל אַזוי לאַנג, ביז זי האָט נישט באַקומען פון איר באַצאָלט קיין אויסקויף־געלט.

*

אַנשטאָט האָדעסן איז אָנגעקומען צו אונדז אַ דינסט גענענדל. זי האָט שוין געהאַט געדינט אין וואַרשע עטלעכע יאָר. זי איז געווען אַ בריה און ליב געהאַט שווערע אַרבעט. געווען אַ הויכע און אַ ברייט־ביייניקע מויד, געהאַט אַ געשטיפּלט פּנים, העלע אויגן מיט גראָבע, גרויע ווייסלען און אַ צעשויבערטן קאָפּ העל־געלע האָר.

גענענדל האָט געזאָלט טראָגן די האָר פאַרלייגט אויף אַ קינסטלעכן וואַלעק. אַזוי ווי זי האָט נישט געהאַט קיין צייט צו פאַרקעמען זיך, האָט זיך דער וואַלעק אַרומגעוואַלגערט אין דעם טואַלעטן־ווינקל אין דער קיך. ער האָט אויסגעזען ווי אַ האַלבע לבנה, נאָר געווען העל־ברוין און ווייך. מיך האָט געעקלט דערפון. מיין שוועסטער עווא פלעגט ספּעציעל אַרויס־נעמען פאַרבאַהאַלטענערהייט דעם וואַלעק און מיך מיט אים סטראַשען.

אַלע פּרייטיק איז געקומען דער טאָטער, סאַוועלי, העלפן גנענדלען. ער פלעגט אויסוואַקסענען די פּאָדלאָגעס און זיי איבערפּוצן. ער האָט אַראָפּגעטראָגן די דיוואַנעס און זיי אויסגעקלאַפּט. אָבער גענענדל איז געווען אין כעס צוליב דעם. זי איז געווען אין כעס ווען זי האָט שווער געאַרבעט און נאָך מער, ווען מען האָט איר געוואָלט צוהעלפן. טיילמאָל האָט זי געהאַט גאָר שטאַרקע אָנפאַלן פון כעס, אָבער דאָס איז געשען נאָר דאַמאָלט, ווען ס׳איז קיינער פון די דערוואַקסענע מענטשן נישט געווען אין שטוב. זי פלעגט זיך דאַמאָלט איינבייגן אין דער העלפט, שיקן דעם צעשויבערטן קאָפּ פאָראויס, די שוואַרץ־אַפּלען זענען דאַמאָלט ערגעץ־ווו פאַרשווונדן, און אירע אויגן זענען געוואָרן אינגאַנצן ווייס. נאָר די לעכעלעך פון איר געשטופּלט פּנים זענען געוואָרן רויט, אינגאַנצן אָנגעגאָסן מיט בלוט. גענענדל האָט אַרויסגעוואָרפן פון זיך אין פוסטן חלל אַריין משונהדיקע ווערטער, אויסטערלישע קללות זענען געפאַלן פון איר

מויל. אַזוי האָט זי זיך לאַנג אָפּגערעכנט מיט די באַלעבאַטים פאַר די יאָרן פינצטערער האָרעוואַניע.

אויב ס׳האָט זיך גראָד אַזוי געמאַכט, אַז איך בין געווען מיט געגענדלען איינער אַליין ווען זי איז אַריינגעפאַלן אין כעס, האָט זי מיך אין די ערשטע מינוטן אינגאַנצן נישט באַמערקט. נאָר פלוצים, ווי אויפ־געוואַכט פון שלאָף, האָט זי מיך דערזען. איר קול איז געוואָרן שאַרף און דין. די ווילסטע קללות, וואָס זענען איצט געפאַלן אויף מיין קאָפּ, זענען געווען צונויפגעמישט מיט חוזק פון מיין אָוואַל־פּנימל, פון מיינע דינע פיסלעך, פון מיין ווייסן פיקענעם קאָלנער און שיין אַנצוגל. איך פלעג בלייבן אינגאַנצן אַ צעטומלטער און דערשראָקענער. מיך האָבן געוואָרגן אירע נישט־פאַרשטענדלעכע ווערטער און איר שאַרף קול. כ׳פלעג אויס־ברעכן אין אַ געוויין. דאַמאָלט האָט זיך געגענדל דערשראָקן, זי האָט זיך אַרומגעקוקט, צוגעפאַלן צו מיר, געקושט מיין פּנים מיט די גראָבע ליפּן פון איר צעהיצט מויל.

ווען געגענדל איז צו אונדז אָנגעקומען האָט זי נאָך געפּוצט די פּאָדלאָגעס מיט פּיס־באַרשטן. יעדן אינדערפרי האָט זי אָנגעטון אויף די גרויסע, רויטע פיס אַ פּאָר ברייטע האָלצערנע באַרשטן. זי האָט דערביי געשיקט, ווי ביים שעלטן, דעם קאָפּ פאָראויס, אָפן געהאַלטן דאָס מויל און באַוועגט מיט די הענט, ווי זי וואָלט פאַרצווייפלט געשווומען. מיט יעדן „פּאַסאַזש״, וואָס זי האָט געמאַכט, האָט אויפגעגלאַנצט אַ פּאַס רויטע פּאָדלאָגע און אין דער לופט איז געבליבן הענגען אַ פּאַס געדיכטער, זויע־רער ריח פון דינסט־מיידלעשן שווייס.

אָבער ווען ס׳איז אויפגעקומען די מאָדע פון פּייסטעס פּאָדלאָגע־באַרשטן האָט געגענדל באַקומען אַ גאָר גרויסע און שווערע באַרשט. צו איר האָט זי באַקומען אַ גאַנץ פּעקל באַשרייבונגען, אין וועלכע ס׳איז געווען אויפגעקלערט און געוויזן ווי אַזוי זי דאַרף די באַרשט וואַשן, קעמען, רייניקן. געגענדל האָט די באַשרייבונג נישט געקענט און נישט געוואָלט לייענען. נאָר צו דער גאַלעריע העלדן וועלכע זי פלעגט כמעט יעדן טאָג באַשענקען מיט קללות איז איצט צוגעקומען: אַלעקסאַנדער פּייסט.

בוידעמער

אויפהערנגעגן די וועש פלעגן תמיד גיין די קריסטלעכע וועשין מיטן יידישן דינסט־מיידל. זיי האָבן אַריינגעלייגט די נאַסע וועש אין אַ גרויסן, האַלב־קיילעכדיקן, געפלאָכטענעם קויש און אים אַרויפגעטראָגן אויפן בוידעם. איינמאָל האָב איך זיך אַרויסגעכאַפּט פון דער שטוב און מיטגע־לאָפן מיט יאַדוויגען דער וועשין און מיט געגנענדלען דער דינסט דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן אויפן בוידעם אַרויף. עס איז גראָד געווען אַ שיינער, זוניקער טאָג. ווי נאָר מען האָט אַראָפּגענומען דאָס שלעסל פון דער נידעריקער, שמאָלער טיר און יאַדוויגע מיט געגנענדלען האָבן זיך קוים אַדורכגעשטופּט מיטן קויש וועש, האָב איך דערזען, אַז דער גאַנצער בוידעם איז הויך — ביי די בעלקעס — אַרומגעוואַקסן מיט שטריק ווי מיט אַ דיקן שפּין־וועבעכץ. דאָס פענצטערל אין סאַמע מיטן דאַך איז געווען אָפן און דאָס שטיק זון, וואָס איז דורך אים אַריינגעפאַלן איז געלעגן אויף דעם שטריקענעם שפּין־וועבס, ווי אַ גרויסע גאָלדענע שפּין.

ס׳האָט מיר אַ קרעל געטון אין האַלדז אַ טרוקנקייט פון אַדורכגע־ברענט זאַמד און אין דער נאָז האָט אַ שלאָג געטון אַ שאַרפער, מיאוסער ריח פון קעצישן קויט. יאַדוויגע האָט מיט אירע קנאָכיקע הענט געווישט מיט אַ טרוקענער שמאַטע דעם שטויב פון דעם שטריק, דערנאָך האָט זי צוזאַמען מיט געגנענדלען גענומען יעדעס שטיק וועש, פאַמעלעך עס פונאַנדערגענומען און פאָרזיכטיק אויפגעהאָנגען, גלייך, אַ שפּיץ צו אַ שפּיץ. די גרויסע שטיקער וועש, די ציכן, די קאָנווערטן און ליילעכער זענען געבליבן הענגען שווער, נאַס, אומעטיק און פויל, נאָר זייער עטוואָס בלויע ווייסקייט האָט געבלענדט מיט ריינקייט און יום־טובדיקייט.

מיר האָט דער בוידעם מיט דעם קרומען דאַך איבער אים, וואָס אין דערמיטן איז ער געווען הויך און ביי די קליינטשיקע פענצטערלעך אַזוי נידעריק, אַז בלויז אַ קאַץ האָט געקאָנט דאָרט אַדורך, דער בוידעם

מיט די באַלקנס, קראָקוועס און שטיצבאַלקנס — אויסגעזען צו זיין אַ שיף, וואָס איך האָב געזען אין די ביכלעך, וועלכע מיינע שוועסטערן האָבן געליִיענט און איבער זיי געוויינט. נאָר דאָרט, אין די ביכלעך, האָט די שמאָלע זייט פון דער שיף געשטעקט אין וואַסער און דאָ — אין הימל. כ'האָבן אויך ביי די פענצטערלעך געפעלט די „גאַלעריקעס" (קאַטאַרזש־ניקעס), וואָס זאָלן זיצן צוגעשמידט מיט קייטן און אַרבעטן ביי די רודערס.

אויפן בוידעם זענען געשטאַנען גרויסע, געפלאָכטענע פּירעקיקע קוישן, מיט צודעקן, מיט סקאָבלעס דורך וועלכע מען פלעגט דורכציען אַן אייזערנעם פּרענט און אין אייך זייט פאַרשליסן אויף אַ שלאָס. ווען מיר פלעגן אַרויספאָרן אויף זומער־וווינונג איז געקומען דער טאַטער סאַוועלי, אַראָפּגענומען די קוישן, זיי אויסגעוואַשן, אויסגעטריקנט און דערנאָך אין זיי פאַרפּאַקט די וועש מיט די מלבושים, וועלכע מען פלעגט מיטנעמען אויף זומער־וווינונג.

פאַרפּאַקטע קאַסטנס מיט פּסחדיק געפעס און קיך־געשיר זענען אויך דאָרט געשטאַנען. בלויז אויף די אַכט טעג פּסח האָט מען זיי אַריינגענומען אין שטוב אַריין. דערנאָך ווידער אַרויפגעשיקט אויפן בוידעם אויף אַ גאַנץ קיילעכדיק יאָר.

טייל לאָקאַטאָרן האָבן דאָרט אַרויפגעשטעלט אַלטע מעבל־שטיקער, וועלכע זיי האָבן שוין נישט גענוצט, נאָר זיי אַוועקגעבן אָדער אַרויסוואַרפן האָבן זיי קיין האַרץ נישט געהאַט. אַזוי האָט דער קאַפּעליוש־מאַכער, וואָס האָט געוווינט ביי אונדז אויפן הויף אויף פּאָקאָרנע, דער וואָס ביי אים פלעגן בראָודעס חברה אַרויסגנבענען האָלצערנע קאָפּ־שיידלעך צו פּרעסן קאַפּעליושן און מיט זיי ביינאַכט סטראַשען די לאָקאַטאָרן, זיך געקויפט אַ האַלב טוץ ווינער שטולן און די אַלטע אַרויפגעשטעלט אויפן בוידעם. אין אַ לאַנגער צייט אַרום איז אַ ייד אַרומגעגאַנגען איבער די שטובן און זיך געפרעגט אויף אַלט מעבל. דער קאַפּעליוש־מאַכער האָט זיך דער־מאָנט אין זיינע אַלטע שטולן. סתם אַזוי אויף קאַטאָוועס האָט ער אַראָפּ־געבראַכט איין שטול פון בוידעם און אים באַוויזן דעם ייד. לויט דעם אינטערעס וואָס דער אויפקויפער האָט אַרויסגעוויזן צו דער שטול האָט זיך דער קאַפּעליוש־מאַכער געכאַפּט, אַז דאָס מוז זיין עפּעס אַ געשעפט.



געשטאַנען מיט אָפּענע מיילער און אויפגעריסענע אויגן פאַרקוקט
אין דעם פאַנטאַסטישן בילד...

ער האָט זיך אָנגענומען מיט מוט און געהייסן זיך געבן צו צען רובל פאַר אַ שטול. דער ייִד, דער אויפקויפער האָט זיך אַביסל מכלומרשט געקווענקלט אָבער באַצאָלט פאַר די זעקס צעבראָכענע שטולן גאַנצע זעכציק רובל. דער קאַפּעליוש־מאַכער האָט זיך שפּעטער געריסן די האָר פון קאָפּ, זיך אַליין געזידלט, געשריגן אויף זיך „אידיאָט", „בהמה". ער האָט געטענהעט, אַז ער האָט אַרויסגעוואָרפן מיט די אייגענע הענט אַ פאַרמעגן. ווען ער הייסט זיך געבן צו פינף און צוואַנציק רובל פאַר אַ שטול וואָלט מען אים אויך געגעבן.

די קוישן, די קאַסטענעס און דאָס אַלטע מעבל זענען אויפן בוידעם געווען צונויפגעלייגט אויף איין אָרט. איינס אויפן צווייטן. ווען אַ ווינט האָט זיך אַריינגעריסן דורך די פענצטערלעך און זיך געיאָגט אויפן בוידעם, געריסן דעם דאַך, געפייפט אין די קוימענס, האָט זיך אויסגעדאַכט, ווי די איינוווינער פון דעם הויז וואָלטן האָבן פאַרפאַקט זייער האָב און גוטס און זיך געלאָזט מיטן גאַנצן הויז ערגעץ־ווו שווימען איבער אַ צעבושעוועטן ים.

אין אַ זוניקן טאָג האָבן דורך די פענצטערלעך, דורך די קלאַפּעס און דורך אַלע אַנדערע עפענונגען אינעם דאַך, זיך אַריינגעריסן אויפן בוידעם זונען־שטראַלן, ווי לאַנגע אָנגעצויגענע, גאָלדענע סטרונעס. אויף דעם אָרט ווו די שטראַלן האָבן זיך אַריינבאַקומען האָבן זיך געשאַפן גאָלדענע שטויב־זיילן, ווי טראַנסמיסיע־פּאַסן. די זיילן זענען געווען באַוועגלעך. מיליאָנען־מיליאָנען שטויבעלעך האָבן אין זיי וויברירט און דאַך האָבן זיי אויסגעזען צו זיין מאַסיוו, ווי געגאָסן. איך האָב זיך ספּעציעל אַריינגעשטעלט אין אַזאַ זייל, אים איבערגעשניטן מיט זיך. אָבער אין דער זעלבער רגע ווען כ'האָב דאָס אָרט פאַרלאָזט, איז דער שטויב־זייל ווידער געוואָרן גאַנץ, מיט דער אַבסאָלוטער גאַנצקייט, וואָס נאָר דאָס פאַנטאַסטישע שפּיל פון ליכט קאָן פאַרן אויג באַשאַפן.

די דורכגעלויכטענע שטויב־זיילן זענען געגאַנגען אין דער קווער. זיי האָבן זיך איבערגעשניטן איינער דעם צווייטן, זיך געקרייצט און באַהאַפטן.

אַמאָל פלעגט זיך אונדז, עטלעכע קינדער מיט בראָודע'ס אַ ייִנגל

אין דער שפּיץ, איינגעבן זיך אַריינצוכאַפּן אויפן בוידעם צו די שטויב־זיילן. מיר האָבן מיט זיי קאָמבינירט ווי מיט רעפלעקטאָרן ביינאַכט. בראָודע׳ס יינגל האָט אָנגעפירט מיט דעם שפּיל. מיט אַ הויכן דראַנג האָט ער אַראָפּגעלאָזט די קלאַפּע, וואָס איז געווען אָפן אין סאַמע מיטן דאַך — און מיטאַמאָל זענען עטלעכע שטויב־זיילן פאַרשווונדן געוואָרן, זיך אויס־געלאָשן. דאָ האָט ער מיט אַ שמאַטע פאַרשטעלט איין פענצטערל — און די גאָלדענע זיילן האָבן געענדערט זייער ריכטונג. דאָ האָט ער זיי צונויפ־געפירט, דאָ ווידער פונאַנדערגעשיידט. און מיר זענען געשטאַנען מיט אָפענע מיילער און אויפגעריסענע אויגן פאַרקוקט אין דעם פאַנטאַסטישן בילד. מיר זענען אַזוי געשטאַנען שעהען לאַנג, ביז וואַנען עס האָט זיך דערהערט דאָס רופן פון די מאַמעס און דינסט־מיידלעך, אַז די קינדער זאָלן קומען עסן מיטאָג.

*

סטאַלע איינוווינער פון די בוידעמער זענען געווען קעץ. דאָ פלעגט אין די נעכט דער קאָטער אויסיאָמערן זיין גלוסטונג צו דער קאַץ. דאָ פלעגט אַ קאַץ, באַהאַלטן און פאַרבאָרגן פאַר אַ מענטשנס אויג, געבוירן אירע קעצעלעך. נישט איינמאָל פלעגט מען וועלנדיק אַראָפּנעמען אַ ליידיקן קויש, געפינען דאָרט אַ קאַץ אַרומגעלייגט מיט פינף, זעקס נאָך בלינדע קליינוואָרג, וואָס האָבן מיט זייערע ראָזע פּיסקלעך גענורעט אין איר בויך זוכנדיק זייער חיונה־קוואַל. אַן אויסגעצויגענע און אַ פאַרהונ־גערטע פלעגט די קאַץ אַראָפּלויפן אין גאַס אָדער אין קעלער זיך אונטער־לענען דאָס האַרץ און ווי אַ געיאָגטע, צוריק אַרויפלויפן און האַלב־רונדיק, ווי אַ בויגן, זיך אויסלייגן אַרום די קעצלעך.

ביי טאָג זענען די קעץ געלאָפן איבער דער גאַס, גענישטערט אין די קעלערס, זיך אַריינבאַקומען אין די שטובן, נאָר אויף ביינאַכט זענען זיי געקומען אין זייערע היימען אויפן בוידעם. די פּאָקאָרנע גאַס איז אַ גאַנצן טאָג געווען פול מיט רעש, פול מיט מיליטערישע וועגעלעך און וועגענער, וואָס זענען געפאָרן אין און פון ציטאַדעל. די קעץ פלעגן מיט שרעק איבער־שפּאַנען די טומלדיקע גאַס פון איין טראָטואַר אויפן צווייטן. כמעט יעדן טאָג פלעגט אַ טויטע איבערגעפאָרענע קאַץ בלייבן ליגן אין מיטן דער

גאַס. אויף דער פּאָקאָרנע האָט זעלטן אַ קאַץ פאַרענדיקט איר לעבן מיט אַ נאַטירלעכן טויט.

אין יעדן הויז־איינגאַנג איז געווען איין אָדער צוויי בוידעמער, מיט וועלכע עס האָבן זיך באַנוצט די לאָקאַטאָרן, וועמענס אַריינגאַנג צו זייערע דירות האָט זיך דאָרט געפונען. ווען ס׳פלעגט קומען די צייט פון די גרויסע־וועשן, האָבן די באַלעבאָסטעס צווישן זיך געמוזט איינשטעלן דעם סדר ווער עס וואַשט פריער און ווער שפּעטער. דאָס איז נישט געווען קיין פשוטע זאַך, נאָר אַ גאַנצע סטראַטעגיע. ווייל נישט אַלעמאָל, ווען דער בוידעם איז געווען פריי, האָט די וועשין צו וועלכער די באַלעבאָסטע איז געווען געוווינט — געהאַט צייט. פלעגן וועגן די בוידעמער אַרויסקו־מען צווישן די באַלעבאָסטעס קריגערייען, צאַנקערייען, ברוגזן. אַ גרויסע ראָל אין די קריגערייען האָבן געשפּילט די דינסט־מיידלעך. זיי פלעגן אונטערהעצן זייערע באַלעבאָסטעס קעגן די אַנדערע. זיי האָבן זייער ליב געהאַט צו זען, ווי די מאַדאַמען רייסן זיך צווישן זיך. געווען דינסטן וואָס האָבן צעטראָגן „פּליאָטקעס" (רכילותן), וואָס איין באַלעבאָסטע האָט געזאָגט אויף דער אַנדערער. געווען אַזעלכע וואָס האָבן געשטיצט זייערע מאַדאַמען אין זייער קריגעריי מיט די אַנדערע. געווען אויך פּראָוואָקאַטאָ־רישע טיפּן צווישן זיי, אַזעלכע וואָס עפּנטלעך האָבן זיי געשטיצט זייער מאַדאַם און אונטער די אויגן געהעצט קעגן איר. די מאַדאַמען פלעגן סוף־סוף זיך איבערבעטן און דאָס דינסט־מיידל, וואָס האָט איר געוואָלט צודיי־נען, איז געפאַלן אַ קרבן. מען פלעגט זי, ווי אַ „פּליאָטשוך" אין מיטן זמן אַרויסוואַרפן פון דער שטעל.

אונדזער גענענדל איז געווען אַן ערלעכע, איבערגעגעבענע קעמפּע־רין פון אונדזער שטוב. ווען עס האָט זיך אַמאָל געמאַכט, אַז ביי אונדז האָט מען דורך עפּעס אַ פאַרזען געוואַשן און דער בוידעם איז גראַד געווען פאַרנומען, איז גענענדל גרייט געווען אַריינצורייסן זיך אויפן בוידעם, אַראָפּצוּוואַרפן יענעמס וועש און אויפהענגען אונדזערע. די מאַמע האָט שטענדיק געמוזט צוימען אירע ווילדע איינפאַלן, קילן איר היציקייט, רעדן צו איר מילדע רייד, זי איינּנעמען. די שטוב־מענטשן פלעגן שמייכלען הערנדיק ווי אַזוי די מאַמע רעדט צו גענענדלען. די מאַמע האָט אין

אַזעלכע פֿאַלן אַלעמאָל איבערדערציילט די געשיכטע מיט מאַטעלע דער שניידערינס שוועסטער.

מאַטעלעס יונגערע שוועסטער, אַ העפּטערקע, איז געווען אַ סאָציאַ־ליסטקע. אין יאָר 1905, בעת דער רעוואָלוציע, איז זי געלאָפֿן אויף אַלע מיטינגען און דעמאָנסטראַציעס. זי איז גאַנצע טעג געווען אין גאַס, צוגע־האָלפֿן פֿירן די שטרייקן. ווען זי פֿלעגט אַמאָל אַריינפֿאַלן אין שטוב עפּעס אָפּצועסן האָט די אַלטע מאַמע, איינגאַנצן אַ ציטערנדיקע, זיך ביי איר געבעטן: — „רבקה'שי, הער שוין אויף, לאָז שוין אָפּ, זאָל שוין ניקאָלאַי זיין קייסער".

גענענדל האָט נישט געקעמפֿט קעגן קייסער, זי האָט געקעמפֿט פֿאַר אונדזער פֿאַרמעגלעכער, איינגעפּונדעוועטער שטוב. ווען זי איז אַריינגע־פֿאַלן אין כעס האָט זי מסתמא מיין טאַטע־מאַמע אויך נישט געזשאַלעוועט, אָבער איר כעס אויף די גבירים איז געווען געווענדעט קעגן אָרעמקייט. זי האָט געהאַט טענות צו די רייכע פֿאַרוואָס זיי קוילען נישט מיט איינמאָל אויס די אָרעמעלייט, אַז אַ סוף זאָל דערצו נעמען. אַן אָרעמאַן, האָט זי געשריגן, דאַרף נישט לעבן!

ווינטער־צייט, ווען מען האָט די וועש געמוזט לאָזן הענגען איבער נאַכט, פֿלעגט גענענדל אַלע פּאָר שעה, מיט אַן אָנגעצונדן ליכט אין דער האַנט, אַרויפֿגיין זען צי אַלץ איז אין אָרדענונג. ווען מען וואָלט איר געלאָזט, איז זי גרייט געווען צו נעכטיקן אויפֿן בוידעם אפֿילו אין גרעסטן פֿראָסט. מאָדנע האָט זי אויסגעזען ווען דאָס רויט־בלויע פֿלעמל פֿון דעם ליכט, וואָס זי האָט געהאַלטן אין דער דלאָניע ווי אין אַ גאָרשטש, האָט באַלויכטן איר געשטופּלט פּנים. זי איז געווען ווי האַלב ווילד. זי איז מיט אַזאַ פֿאַרביסנקייט אַרויפֿגעגאַנגען אויפֿן בוידעם, ווי זי וואָלט אויף זיכער געוווּסט, אַז דאָרט איז פֿאַראַן אַ גנבֿ אויף וועלכן זי וועט זיך מוזן וואַרפֿן און אים וואַרגן.

*

טאָקע אין שייכות מיט בוידעמער האָב איך אַזוי ערנסט און אמתדיק געהערט רעדן וועגן גנבֿים און איינמאָל אַליין, מיט די אייגענע אויגן, דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן געזען אַ גנבֿ.

אין איינעם אַ טאָג, נאָך גאַנץ פרי האָב איך ביי אונדז אויפן הויף געהערט אַ געוואַלד. כ׳בין אַרויס אויפן באַלקאָן און דערזען, אַז אויפן הויף איז עפּעס אַ „גראַטשקע״. עטלעכע מענטשן מיט פּאַוועלן דעם סטרוזש זענען געשטאַנען און געהאַלטן פאַר די אָרעמס און פאַרן קאָלנער אַ הויכן, ברייטן מענטש אין אַ גראַנאַטן היטל מיט אַ לעדערנעם דאַשיק און אין אַ טונקעלעם פּאַלטן. נעבן די מענטשן איז געשטאַנען די קאַפּע־ליוש־מאַכערין, געהאַלטן אין ברייטן פאַרטוך שטיקלעך ווייסע וועש און געשריגן מיט אַ „מאַראַלישער״ שטימע: מאַן פראַצע! מאַן פראַצע!.

אינדעם איז אַריינגעקומען וולאַדעק, פּאַוועלס געהילף, און דער סטאַיקאָווע דאָס „רבילע״, וועלכן וולאַדעק איז געלאָפן רופן. ווי נאָר די קאַפּעליוש־מאַכערין האָט דערזען דאָס „רבילע״ האָט זיך איר „מאָראַ־לישע״ שטימע איבערגעבראָכן אין צווייען און פון איר אויפגעריסן מויל איז אַרויס אַ טאָפּלטער, ווילדער קוויטש: מאַן פראַצע! מאַן פראַצע!

פּאַוועל און וולאַדעק האָבן אָנגעכאַפּט דעם מענטש פאַר די הענט און זיי אים אַרונטערגעדרייט אויף דער פּלייצע, דאָס „רבילע״ האָט די פאַרלייגטע פון אונטן הענט געשלאָסן אין קייטן. ווען דער מענטש איז שוין געשטאַנען אין די קייטן האָט זיך דאָס „רבילע״ אויסגעדרייט צו אים, צו זיין פּנים, אים אַ ווילע אָנגעקוקט און אַראָפּגעלאָזט צוויי פּלאַמעדיקע פּעטש, אַז דאָס היטל מיטן לעדערנעם דאַשיק איז אַראָפּגעפלויגן דעם גנב פון קאָפּ אַראָפּ.

וולאַדעק האָט אויפגעהויבן דאָס היטל פון דער ערד און עס אַרויפ־געלייגט דעם געשמידטן אויפן קאָפּ, דערנאָך האָט אים דאָס „רבילע״ אַ קאָפּ געטון מיט זיין באַשטיוולטן פוס אין אַ געוויס אָרט און דערמיט אים געגעבן אָנצוזעהערן, אַז ער זאָל אָנהויבן גיין. פאָראויס איז געגאַנ־גען דער געשלאָסענער אין קייטן, אים פון איין זייט איז געגאַנגען דאָס „רבילע״ מיט זייער אַן ערנסטער מינע און פון דער צווייטער זייט — פּאַוועל דער סטרוזש, אונטער זיי איז געגאַנגען די קאַפּעליוש־מאַכערין מיט די וועש אינעם פאַרטוך און נישט אויפגעהערט שרייען: מאַן פראַצע! מאַן פראַצע!.

אַרויסקומענדיק אויף דער גאַס האָט זיי אַרומגערינגלט פון אַלע

זייטן אַ כאַפּטע קינדער, יינגלעך און אפילו דערוואַקסענע, סתם טשעקאַווע מענטשן און ליידיגייערס. דאָס „רבילע״ האָט אַלע פּאָר מינוט געכאַפּט די שווערד אין דער האַנט און געיאָגט דעם כסדר אַנוואַקסנדיקן עולם. אָבער אין אַ מינוט אַרום האָט שוין דער נייגעריקער עולם זיי ווידער אַרומגערינגלט, ביז זיי זענען אָנגעקומען צום צירקל האָט דער עולם באַגלייטערס דערגרייכט אין די הונדערטער.

דער געשלאָסענער אין קייטן איז געווען אַ בוידעם־גנב, אַ „פּאַיענ־משאַזש״ האָט עס געהייסן אויף פּויליש. זיי פלעגן זיך אַריינכאַפּן אין אַ הויז ביינאַכט פאַרן שליסן דעם טויער, זיך פאַרבאַהאַלטן ערגעץ אויף די שטיגן אַ גאַנצע נאַכט, און פאַרטאָג, ווען מען האָט געעפנט דאָס טויער, זיך אַרויסשאַרן מיט דער באַהאַלטענער גניבה.

פּאַוועל האָט שוין געוווּסט ווען אימיצער פון די לאָקאַטאָרן וואַשט וועש און דאַמאָלט גאָר שטאַרק געהיט דעם טויער, ספּעציעל אין די פריי־מאָרגן שעהען, ווען עס פלעגן געשען אַלע בוידעם־גניבות. ער איז דאָס מאָל נישט געווען שטאַרק אָנטציקט, ווען עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער האָט געכאַפּט אַ גנב, וואָס האָט געגנבעט ביים קאַפּעליוש־מאַכער. ער האָט בעסער געוואָלט, אַז מען זאָל האָבן באַגנבעט אַ רייכן לאָקאַטאָר. דאַמאָלט וואָלט ער באַקומען אין האַנט־אַריין אַ לייטישע מטבע. ער איז דעריבער שטאַרק אין כעס געווען אויף דעם שלימזלדיקן גנב און אויפן גאַנצן וועג אין צירקל אַריין אים געזונט געדזשאָכעט אין אַ זייט אַריין.

*

אויף איינעם פון די בוידעמער ביי אונדז אויף פּאָקאָרנע האָט מען געפונען אין אַ פרימאָרגן הענגען אַ דינסט־מיידל, וואָס האָט געדינט ביי איינעם פון די לאָקאַטאָרן. מיט דער דאָזיקער שרעקלעכער געשיכטע איז באַלד אינדערפרי געקומען אַרויפצולויפן צו מיינע שוועסטער מאַניע, בראָודעס טאָכטער. זי האָט זיך געקניפּט אין די באַקן און שטיקנדיק זיך מיט די ווערטער, נישט קאָנענדיק כאַפּן דעם אָטעם, זיי עפּעס שטילער־הייט דערציילט. מיינע שוועסטערן זענען געווען שטאַרק איבערגענומען, נאָר צו מאַניען האָבן זיי געשריגן: „אידזש יוזש, אידזש יוזש!״ (גיי שוין, גיי שוין!). זיי האָבן זי אָפּגעשטופּט, געיאָגט פון זיך, ווי אַ זלידנע אָנטשע־

פּעניש. איך בין אויך געווען מוראדיק טשעקאַווע צו הערן וואָס זי דער־ציילט. צו מיר איז אָבער נאָר דערגאַנגען דאָס, אַז דאָס מיידל האָט זיך אויפגעהאָנגען צוליב אַ בויך.

איך האָב נישט פאַרשטאַנען פאַרוואָס דאַרף מען דאָס צוליב אַ בויך זיך אויפהענגען. וואָס דאָס איז אַזוינס „זיך אויפהענגען" האָב איך אויך נישט געוווסט. כ'האָב זיך נאָר אָנגעשטויסן, אַז דאָס מוז זיין זייער אַ „פּזשיקרע" זאַך. אָבער דער עיקר האָב איך געוואָלט דערגיין פון מיינע שוועסטער, וואָס איז דאָס געווען מיטן בויך. זיי האָבן מיר גאָרנישט געוואָלט זאָגן. זיי זענען דאָס מאָל געווען שלעכט צו מיר, מיך געיאָגט פון זיך פאַר מיינע פראַגן. וואָכן לאַנג נאָך דער געשיכטע מיטן מיידל בין איך אַרומגעגאַנגען אַ צערודערטער און געקוקט אויף מיין אייגענעם בויך מיט גרויס פאַרדאַכט און מיט שרעק...

קעלערס

די בוידעמער האָבן געהערט צו אַלע לאָקאַטאָרן פון הויף. אפילו דער רייכסטער האָט נישט געהאַט קיין בוידעם פאַר זיך. דאַקעגן האָט יעדער לאָקאַטאָר געהאַט אַ קעלער. פאַרשטייט זיך, אַז נישט די אָרעמע, נאָר די רייכע. יעדער לאָקאַטאָר, וואָס האָט פאַרנומען אַ דירה אָנהויבנדיק פון דריי שטובן מיט אַ קיך, האָט ביים אַריינציען זיך באַקומען אַ שליסל צו אַ קעלער, וואָס האָט זיך געפונען אינעם זעלבן הויז־איינגאַנג אין וועלכן דער לאָקאַטאָר האָט געוווינט.

האַרבסט־צייט האָט מען אָנגעפילט דעם קעלער מיט אַ זאַפּאַס קוילן און האָלץ, עס זאָל סטייען אויף אַ גאַנצן ווינטער צו הייצן די אויוונס. מען האָט דאָרט אָפּגעלייגט עטלעכע קערץ קאַרטאָפל און בינטן רויטע בוראַ־קעס, געהאַלטן דאָרט די מאַרינאַטן, די איינגעמאַכצן און די פּאָווידלעס זיי זאָלן נישט קאַליע ווערן.

אין די גרויסע היצן, פּלעגט מען פּרייטיק פאַרנאַכט אַראָפּשטעלן די שבת׳דיקע מאכלים. מען האָט דאָרט אויך געהאַלטן דאָס מילכוואַרג צו די זומערדיקע, מילכיקע שלוש־סעודותן.

די מאַרינאַטן, דאָס איינגעמאַכץ און די פּאָווידלעס זענען געשטאַנען אין קעלער אין סלאָיען אויף ספּעציעל געמאַכטע דערצו פּאָליצעס. יעדער סלאָי איז געווען באַדעקט מיט אַ שטיין, דאַקעגן די פיש, דאָס פליייש און דאָס מילכוואַרג האָט מען געשטעלט אויף דער ערד, איבערגעדעקט מיט אַ שיסל און די שיסל ווידער איבערגעדעקט מיט דער האָלצערנער באַליע, וועלכע מען האָט געהאַלטן אין קעלער זי זאָל נישט צעלעכצט ווערן און זיך נישט צעפאַלן אויף קלעפּקעס. דאָס אַלץ האָט מען געטון דערפאַר, אַז קעץ און שטשורעס זאָלן זיך צום עסנוואַרג נישט צוקריגן.

בדרך־כלל פלעגן די קעץ נישט קומען אין די קעלערס, פּונקט ווי די מייז און שטשורעס זענען נישט געקומען אויף די בוידעמער. די מייז האָבן מורא געהאַט צו קומען אויף די בוידעמער צוליב דער גרויסער צאָל קעץ, וואָס האָבן זיך דאָרט געפונען, און די קעץ האָבן מורא געהאַט צו קומען אין די קעלערס צוליב דער גרויסער צאָל מייז און שטשורעס, וואָס האָבן זיך דאָרט געפונען. זיי פלעגן זיך שטענדיק טרעפן אויף אַ נייטראַלן באָדן: אין די שטובן, געוועלבער, סטראַשאַנעס. דאָ האָבן זיי געפירט די מלחמה אויף טויט און לעבן. נאָר אויב אַ קאַץ איז שוין געווען גאָר הונגעריק, פלעגט זי זיך איינשטעלן דאָס לעבן און זיך אַראָפּלאָזן אין קעלער אַריין. אַזוי זענען אויך די מייז נאָר אין אויסנאַמס־פאַלן געקומען אויפן בוידעם.

ביי אונדז אין קעלער איז אַ חוץ אַלעם געשטאַנען וויין. פאַר יעדן יום־טוב, דער עיקר פאַר פסח, פלעגן צו אונדז אָנקומען קאַסטנס וויין פון פאַרשידענע ערטער. דעם אַלעקסאַנדערער רבינס קינדער האָבן געהאַנדלט מיט וויין, פלעגן זיי אויף אַלע ימים־טובים שיקן וויין. דאָס זעלבע האָט געטון דעם רבינס ברודער, דעם פשיסכער רבינס קינדער און אייניקלעך האָבן אויך געהאַנדלט מיט וויין, האָבן זיי אויך געשיקט. אַ חוץ דעם פלעגט צו אונדז פאַר יעדן פסח אָנקומען פון בעסאַראַביע אַ פעסל רויט־וויין. אין די קאַסטענעס זענען די פלעשער געלעגן אָנגעטון אין שטרויע־

נע העמדלעך, ווי שקאָפּקעס. זיי זענען אין דער הויך געווען פאַרלאַקעוועט מיט רויטן אָדער געלן לאַק און געסטעמפּלט מיט אַ מעשענעם סטעמפּל. פון סאַמע אָנהויב העלדזל ביזן סוף האָבן זיך איבערן פלעשל געצויגן שמאָלע ריטשקעלעך בלאָטע. די בייכיקע פלעשער פריילעכער ווײַן האָבן פון דרויסן אויסגעקוקט אַלט און פאַרוויינט.

ביים אַראָפּטראָגן דעם ווײַן אין קעלער פלעגט בײַזײַן דער טאַטע אַליין. ער האָט אויסגעטון די פלעשער פון די העמדלעך און זיי געלייגט אין שורות ווי האַרמאַטן־קוילן, סאָרט ביי סאָרט, יאָר צו יאָר. פאַר די ימים־טובים און פאַר באַשטימטע שבתים, ווען מען האָט געוווּסט, אַז עס דאַרפן צו אונדז קומען חסידים, פלעגט דער טאַטע אַליין אַראָפּגיין אין קעלער אויסקלייבן פאַרשידענע סאָרטן ווײַן און זיי געהייסן אַרויפנעמען אין שטוב אַריין. ער פלעגט אויסקלייבן די פלעשער מיט אַ ברייטער, רחבותדיקער האַנט, עס זאָל נישט אויספעלן, עס זאָל זײַן גענוג און איבערגענוג. מיט דער צייט האָט זיך אָבער דאָרט אָנגעזאַמלט אַ גרויסער עודף, אַזוי איז אונדזער קעלער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ ווײַן־קעלער. מען האָט אויפגעהערט אין אים האַלטן קוילן און האָלץ און דער שליסל צו אים איז איבערגעגאַנגען פון דער מאַמעס הענט אין טאַטנס.

*

די אָרעמע לאָקאַטאָרן האָבן געמוזט אָנקומען צו די רייכע זיי זאָלן זיי דערלויבן עפּעס אַראָפּצושטעלן אין קעלער. נישט אַלע רייכע זענען דערויף אײַנגעגאַנגען. געווען אַזעלכע, וואָס האָבן סתם פּיינט געהאַט מיט אימיצן זיך מישן. געווען אַזעלכע וואָס האָבן נישט געוואָלט אַז „יענער" זאָל זען, וואָס זיי האַלטן דאָרט, בפרט אויב דער „יענער" איז נאָך דערצו געווען נישט קיין גביר. געווען ווידער אַזעלכע, וואָס האָבן מורא געהאַט פאַר אַ בייז, נישט פאַרגינעריש אויג, „און די אָרעמעלייט, האָבן זיי גע־טענעט, האָבן אַ וויסטע טבע אומעטום אַרײַנצושטופּן זייערע נעז און אומעטום צו האָבן זייערע אויגן". איז גאָרנישט געווען אַזוי לײַכט פאַר אַ נישט פאַרמעגלעכן לאָקאַטאָר צו באַקומען אַן אָרט ווו עפּעס אַראָפּצו־שטעלן אין אַ הייסן טאָג. ווען עס האָט זיך שוין געפונען אַזעלכער, וואָס

האָט יאָ געוואָלט דערלויבן צו געניסן פון זיין קעלער, איז ווידער אַרויס־געשוווּמען אַ פרישע שוועריקייט: געטרויען דעם שליסל, האָט מען נישט געוואָלט. מיטשיקן אַ שטוב־מענטש, האָט געהייסן אָפן פאַרשעמען אַ שכן, האָט מען אויך נישט געוואָלט. האָט מען זיך אונטער פאַרש׳ידענע תרוצים אַרויסגעדרייט פון געבן דעם שליסל. נישט איינמאָל האָט מען געזען, ווי אין אַ שטיקענדיקן, דעמפּיקן, זומערדיקן פרייטיק־פאַרנאַכט לויפט אַרום אַ פאַרצווייפלטע אָרעמע פרוי מיט אַ טעפּל פיש אין די הענט און זוכט אַן אָרט אין אַ קעלער פאַר איר און איר הויזגעזונטס ביסל שבת׳דיקן תענוג — און געפינט נישט...

דאָס אַראָפּגיין אין קעלער איז שוין גאָרנישט געווען פון די פשוטע זאַכן. עס איז געווען אַ גאַנצע אונטערנעמונג, אַ געשעעניש. ביינאַכט איז מען בכלל אין קעלער נישט געגאַנגען, אפילו ווען מען האָט גאָר נויטיק עפּעס פון דאָרט באַדאָרפן. ביינאַכט האָט מען באַטראַכט אַלץ וואָס האָט זיך געפונען אין קעלער, ווי עס וואָלט אויף דער וועלט נישט געווען. קיינעם איז גאָרנישט געקומען אויפן געדאַנק, אַז מען קאָן דאָרט אַראָפּ־גיין. עס וואָלט קיינער זיך נישט איינגעשטעלט דאָס צו טון, אפילו נישט דער סאַמע דרייסטער מענטש, נישט וולאַדעק און אויך נישט פּאַוועל. אויך ביי טאָג איז מען אין קעלער נישט געגאַנגען אַליין. אָדער עס פלעגן זיך צונויפנעמען עטלעכע דינסטן און זענען צוזאַמען אַראָפּגעגאַנגען, אָדער מען האָט מיט דער דינסט מיטגעשיקט איין צי גאָר עטלעכע שטוב־מענטשן. דערביי האָט מען מיטגענומען ליכט. זיך צוגעגרייט זאַפּאַסאָווע זאַפּאַלקעס און נישט זעלטן מיטגענומען אַ גראָבן שטעקן.

דער קעלער האָט געשראָקן נישט נאָר מיט זיין סודותדיקן אויסזען, מיט זיין פינצטערניש און שווערן, רויען געבוי, נאָר דער עיקר מיט די משונהדיקע און שרעקלעכע געשעענישן וועלכע זענען זיך דאָרט פאַרלאָפן.

נישט איינמאָל האָט זיך פון די שטילע קעלערישע קאָרידאָרן דער־טראָגן אַ ספּאַזמאַטיש געשריי. ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן האָבן די אַראָפּגיי׳ער אין זייער, פול מיט שרעק פינצטערן קעלער־גאַנג, אָנגעטרעטן אויף עפּעס אַ לעבעדיקער זאַך. דאָס איז אָפטמאָל געווען אַ שיכור, וואָס איז אַרויס פון דער קריסטלעכער שענק און אַ געיאָגטער דורך פּאָליציי, אַרום־

געריגגלטער מיט צענדליקער קינדער, וואָס האָבן אין זייער קינדישער פאַרביסנקייט און אומברחמנותדיקייט אים אויף קיין רגע נישט אָפּגעלאָזט און נישט אויפגעהערט צו שרייען „אַלעמביק" — געזוכט ערגעץ־ווו אַן אַנטרינונג און אַ באַהעלטעניש. זיינע פיס האָבן שוין נישט געקאָנט דער־טראָגן דעם צו שווערן גוף זיינעם, וואָס איז אַזוי לייכט געווען אומצופאַלן ביי דער מינדעסטער שטרויכלונג. די וועלט איז אים געווען ווייט און ברייט, אַזוי לויז און אַזוי ענג. זי איז יעדער רגע פון אים אַוועקגעשווומען, און די ערד האָט זיך אַפּערגעגליטשט פון אונטער זיינע פיס. האָט ער געזוכט אַן אָרט ווו צוצופאַלן צו עפּעס באַשטענדיקס, עפּעס ממשותדיקס אויף וואָס ער זאָל זיך קאָנען אָנשפּאַרן, אָנלענען און בלייבן ליגן כאָטש אַ מינוט און כאָטש אַן אייביקייט. מיטן אינסטינקט פון אַ געיאָגטער חיה האָט ער אויסגענוצט די רגע ווען פּאַוועל דער סטרוזש האָט זיך אויף עפּעס פאַרקוקט, ער איז קונציק פאַרשוווּנדן פון די צענדליקער פּאָר קינדי־שע אויגן, פון דעם דורכדרינגלעכן בליק פונעם פּאָליציאַנט און אונטער דער סאַמער נאָז פון פּאַוועלן זיך אַדורכגעשאַרט, אַריין אין הויף, אַריין אין אַ הויז־איינגאַנג, אַראָפּ אין קעלער און צוגעפאַלן צו דער פייכטער, פּוילער ערד, וואָס איז געווען איצט אַזוי ליב און נאָענט ווי אַן אייגן, וואַרעם לייב.

טייַלמאָל איז די לעבעדיקע זאַך אויף וועלכער די מענטשן האָבן זיך אָנגעטראָפן אין קעלער, געווען אַ פּאַרל, אַ יונגע שיקסע, אַ קריסטלעכע דינסט, מיט איר קאַוואַליר. וואָכן און חדשים האָבן זיי זיך אַרומגעבלאָנ־קעט מיט זייערע געפילן, מיט זייער גלוסטונג צו זיך. זייער נאָענטקייט איז געווען אויסגעשטעלט אויף אַלעמענס אויגן. זייער אויפגעברויזט בלוט האָט געזאָטן אונטער פרעמדע שפּאָטישע בליקן. זיי האָבן אָפּגעענטפערט די שפּעטער מיט אַ צעיושעטן, חיהשן גלי פון זייערע אויגן, וואָס האָט געמאַכט גליווערן דאָס בלוט אין די אָדערן. זייער עלנטקייט אין ים פון מענטשן, זייער איינזאַמקייט פון נישט קיינמאָל זיין אַליין, האָט פאַרווירט זייער בלוט און געמאַכט זיי טויב און בלינד אויף דעם אַלעם וואָס קאָן קומען, און נישט צוגעלאָזט דעם מינדעסטן שיין פון אַ קלאָרן געדאַנק, נישט דעם מינדעסטן אָנזאָג פון וועלכן עס איז חשבון. אין זייער גרענעצ־

לאָזער פּאַרצווייפלונג האָבן זיי אויסגעשטרעקט זייערע הונגעריקע הענט נאָך גרענעצלאָזן תּענוג. זיי האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אין קעלער און דאָ אויף דער ערד, פון וועלכער עס האָט זיך געפילט דער פאַרפוילטער ריח פון טויט, צווישן ווערעם, צווישן שפּינען, צווישן מייז און שטשורעס, האָט זיך יונג ליבע מיט יונג לייב צונויפגעקלאַמערט, און מיט אַ בייזן אימפּעט, צו להכעיס דער וועלט און צום אייגענעם אומגליק, אויף קורצע רגעס געשטילט זייער בענקשאַפט נאָך גליק.

זינט מען האָט אין אַ שכנותדיקן קעלער געפונען די שיינע זיבעציניע־ריקע מאַגדאַ אַ טויטע, מיט אַ דורכגעשניטענעם האַלדז, איז גאָר געוואָרן אַ פּחד אַראָפּצוגיין אין קעלער אַריין. דער פּחד האָט איינציייטיק געוועקט אַ נישט געזונטן נייגער. די דרייסטערע קינדער האָבן זיך אָנגעהויבן אַריינגנבענען אין דעם פאַר־קעלער, בכדי זיך דאָרטן אַ שפּיל טון אין טאַטע־מאַמע.

*

דער אַריינגאַנג אין קעלער איז געווען אינדערנידער אין הויז־איינגאַנג, נאָנט צו דער טיר, וואָס האָט געפירט אין הויף אַרויס. ווען מען האָט געעפנט די טיר פון הויזאיינגאַנג אין קעלער אַריין, האָט זיך באַוויזן אַ טיפער, האַלבער שטאָק טונקעלע, פייכטע, האַלצערנע שטיגן, וועלכע האָבן געפירט אַראָפּ אין אַ האַלב פינצטערן קאָרידאָר, פון וואַנען עס זענען זיך ווידער צעגאַנגען טירן אין די באַזונדערע קעלערס אַריין. די ערשטע טיר פון הויזאיינגאַנג איז געשטאַנען אָפן, די שטיגן האָבן נישט געהאַט קיין אָנהאַלט און געווען זייער הויכע ווי ביי אַ לייטער. אונטן, אין קעלער־קאָרידאָר איז דער סופיט געווען אַ נידריקער, אַ דיקער, אַ שווע־רער און אַ האַלב־קיילעכדיקער. מען האָט די גאַנצע צייט געמוזט גיין איינגעבויגן, ווי מען וואָלט געווען באַלאָדן מיט אַ שווערער משא. דער סופיט, די ווענט און די שטיקער פונדאַמענט זענען נישט געווען געטינ־קעוועט און עס האָבן זיך אָנגעזען רויע, רויטע ציגל ערטערווייז באַדעקט מיט שימל. די שטיקער פונדאַמענט זענען דאָס געווען די נאַקעטע, גראָבע פיס אויף וועלכע עס איז געשטאַנען דאָס אויסגעפּוצטע, שיין אָפּגעמאָלענע הויז. די ווינקלען פון די טונקעלע קעלערווענט זענען געווען פול באַקלעפּט

מיט גריך־גרויען שפּינוועבס. יעדער שטיק שפּינוועבס האָט אויסגעזען ווי אַ פליגל פון אַ פלעדערמויז און אָנגעוואָרפן אַ פּחד. די שפּינען וואָס זענען אויף זיי געזעסן זענען געווען אַלטע, גרויסע, דיקע, מיט קרייצן אויף די רוקנס. וואָס ווייטער מען איז געגאַנגען אין שמאָלן, ענגן קאָרידאָר איז געוואָרן וואָס אַמאָל טונקעלער. די מענטשן וואָס פלעגן גיין נאָך עפּעס אין קעלער, פלעגן זיך כסדר אויסדרייען און מיט שרעק קוקן אונטערווייַלעכץ צו דעם אָרט, ווו עס האָבן זיך געענדיקט די שטיגן און ווו עס האָט זיך נאָך געהעלט דאָס ביסל קאַרגע ליכט, וואָס איז אַריינגעפאַלן פון דער אָפענער טיר פון הויזאייַנגאַנג. דערנאָך איז די טונקלקייט געוואָרן אַזוי געדיכט, אַז מען האָט געמוזט אָנצונדן אַ ליכט. ווי נאָר עס האָט אויפגע־בליצט דאָס שמאָלע ליכט־פלעמל, איז דאָס נעפּלדיקע ביסל העלקייט וואָס איז געבליבן שטיין ביי דער טיר, מיטאַמאָל פאַרשוווּנדן. פון דעם פייער פון דעם ליכט האָבן זיך די שפּינען דערשראָקן און אָנגעהויבן אין אַ ווילד געלויף פאַרלאָזן זייערע שפּינישע הענגבעטן. די שפּינען זענען געלאָפן זייטיק, האַלברונדיק. צוליב זייער קיילעכדיקייט האָט מען נישט געוווּסט געגוי די ריכטונג אין וועלכער זיי לויפן, און די מענטשן וואָס זענען געווען אין קעלער האָט זיך אויסגעדאַכטן, אַז זיי לויפן גלייך אויף זיי. עס האָט זיך געטראָגן אַ ריח פון פאַרפוילטער ערד, עס האָט זיך געהערט אַ בלינ־דער געשאָרך ווי פון זיך שאַרנדיקע שדים.

דער קעלער האָט געהאַט קרייץ־וועגן. ווען די מענטשן פלעגן צוקו־מען צו אַזאַ קרייץ־וועג, האָבן זיי צוליב דער טונקלקייט, שרעק און געשפּאַנטקייט אַלעמאָל פאַרגעסן ווו זיי דאַרפן גיין, רעכטס צי לינקס. דאָס האָט נאָך פאַרגרעסערט זייער פּחד. עס האָט זיך זיי אויסגעדאַכטן אַז זיי האָבן פאַרבלאָנדזשעט, אַז זיי ווייסן נישט ווו צו גיין, אַז זיי וועלן פון קעלער קיינמאָל שוין נישט אַרויס. אָבער דער אינסטינקט האָט זיי געפירט, ווי ער פירט בלינדע. יעדער האָט געטראָפן צו דער טיר, צו וועלכער ער האָט באַדאַרפט. אין האַלבקיילעכדיקע, דיקע געוועלבן זענען געווען נידערי־קע, דיקע, האַלצערנע טירן פאַרלייגטע אויף פרענטן. אויף זיי האָבן געהאַנגען שוואַרצע, גלאַנצנדיקע שלעסער ווי גרויסע זשוקעס.

ווען מען איז אַריין אין קעלער האָט מען זיך נאָך מער געמוזט אַראָפּ־בייגן ווי ביז איצט אין קאָרידאָר. אין די קעלערס איז געווען אינגאַנצן פינצטער. די קליינע פענצטערלעך מיט די אייזערנע קראַטעס וואָס זענען געווען אָנגעשפּאַרט אין טראָטואַר פון דעם שטיינערנעם הויף, זענען געווען פאַרקלאַפּט מיט ברעטלעך. זייער אָפט פלעגט געשען, אַז אַזויווי מען איז אַריינגעקומען אין קעלער איז דאָס ליכט אויסגעגאַנגען און זיך בשום אופן נישט געוואָלט מער אָנצינדן. די מענטשן אין קעלער האָט אַרומגעכאַפּט אַ שטיקנדיקער פּחד. זיי האָט זיך אויסגעדאכטן, אַז קיין אויסגאַנג איז שוין נישטאָ, זיי זענען געווען זיכער, אַז אַ ליאדע מינוט וועט דער נידריקער סופיט אויף זיי אַרויפפאַלן און זיי דערדריקן, אָדער דאָס גאַנצע הויז וועט איינפאַלן און זיי פאַרשיטן, באַגראָבן אונטער זיך.

פון שרעק האָבן זיך די אויגן פון זיך אַליין פאַרמאַכט און וואָס־אַמאָל זיך שטאַרקער צוגעקוועטשט. זיי האָבן זיך אַזוי שטאַרק צוגע־קוועטשט, אַז אַ רויטקייט, אַזויווי פון אַ ווייט פייער אין אַ פינצטערער נאַכט, האָט זיך באַוויזן אונטער די פאַרמאַכטע אויגן־לעפלעך. און אָט דאָס כלומרשטע ליכט האָט געפירט דאָרט ווו ווער האָט באַדאַרפן, אַריינ־געשטעקט אין האַנט דאָס, וואָס מען האָט געזוכט. דאָס דאָזיקע ליכט האָט די מענטשן וואָס זענען געווען אין קעלער, צוגעפירט צום קרייץ־וועג. דאָרט האָט געהעלט דער פלעק וואָס איז אַריינגעפאַלן אין קעלער פון הויז־איינגאַנג. פון דעם אָרט אָן איז מען שוין געגאַנגען פריי ביז מען איז אַרויס פון טוכלען, פינצטערן קעלער און אַריינגעפאַלן אין ברייטן, ליכטיקן שטח פון בלויען הויף.

קריסטלעכע דינסטן (שיקסעס)

די שיקסעס וואָס האָבן געדינט ביי אַ טייל לאָקאַטאָרן פון אונדזער הויף אויף פּאָקאָרנע, זענען כמעט אַלע געווען מיט געשטיפּלטע פּנימער,

מיט בלויע, העלע אויגן, מיט לאַנגע, בלאָנדע, געפלאָכטענע צעפּ, ברייט־בייניקע, מיט גרויסע הענט און מיט צעטשאַפּעטע פיס און גערעדט האָבן זיי מיט אַ האַלב שטאָטישער און האַלב דאָרפישער שפּראַך. בלויז מאַרטאָ, די דייטשקע, וואָס האָט געדינט ביי אונדזער שכן, דעם אַדוואָקאַט, אַגניעשקאָ, וואָס האָט געדינט ביי וואָזניאַקן, דעם קאָמיוואָיאַזשאָר, און די שיינע, יונגע מאַגדאָ, וועלכער מ׳האָט אין אַ קעלער איבערגעשניטן דעם האַלדז, בלויז זיי זענען געווען אַן אויסנאַם.

מאַרטאָ איז שוין געווען אַן עלטערע, אַ פולע, מיט אַ גלאַטיק, אביסל רויט פּנים און מיט אַ הויכן ביוסט. זי איז געווען שטענדיק אַריינגעטון אין באַלעבאַטישקייט, אייביק פאַרנומען, און אַלץ וואָס זי האָט געטון האָט זי געטון מיט גרויס ערנסט, אַריינגעלייגט אין דעם אַלע אירע חושים. זי האָט קיינמאָל נישט געהאַט קיין מאַן און געווען פול מיט פאַרבאָרגענע פאַרלאַנגען. איך פלעג אַריינקומען צום אַדוואָקאַט אין שטוב אין די נאָכמי־טאָג־שעהען. מאַרטאָ איז כסדר געשטאַנען איבערן פּרעס־ברעט און גע־פּרעסט. איר גאַנצן ברען, איר גאַנצע פּאַסיע האָט זי אַריינגעלייגט אין פּרעסן די מענער־וועש. פון אַ שעפער האָט זי יעדעס מאָל געגעבן אַ ציי־אַריין אַ פול מויל מיט וואַסער, געשפּריצט דורך די פאַרקלעמטע ציין, ווי אַ פאָנטאַן אויף די צונויפגעקנוילטע ווי טייגן שטיקלעך וועש, און זיי אָנגעהויבן פונאַנדערפּרעסן. אין אַ גלאָז, וואָס איז געשטאַנען נעבן איר, האָט זי געטונקען אַ ווייס שטיקל לייוונט אין קראָכמאַל, אַ שמיר געטון דאָס שטיק וועש אַלעמאָל אויף אַן אַנדער אָרט, אַ פּיר געטון מיטן אָפּגע־פוצטן פּרעס־אייזן, און דאָס אָרט איז אַרויס פון אונטער איר האַנט שטייף און גלאַנציק ווי אַ קאָרט. אין דער קיך האָט אונטער דער פּליטע געברענט אַ גרויס פייער. מאַרטאָ האָט אָפּט מיט אַן אייזן, אַ „פּאָגזשע־באָטש״, פונאַנדערגערוקט די פייערקעס און מיט זיין שפּיץ, אַרויסגעצויגן פון צווישן די צעברענטע קוילן אַ פייערדיקע „דושע״ ווי אַ צעפלאַמטע צונג. זי האָט אויפגערוקט דאָס טירעלע פון מעשענעם פּרעס־אייזן, אַרויס־געוואָרפן פון דאָרט אין פייער אַריין דאָס אָפּגעקילטע, פּאָפּיעלאַטע אייזן און אַריינגעלייגט דאָס פייערדיקע. זי האָט דאָס געמאַכט אַזוי שנעל און געשיקט, אַזוי אַן דער מינדעסטער מורא פאַר פייער, אז איך פלעג קוקן

אויף איר און גאַפן. מיר האָט מאַרטאַ אויסגעזען צו זיין אַ העלדין. איך בין געווען זיכער, אַז זי קאָן באַווייזן די גרעסטע קונצן אויף דער וועלט. כאָטש איך האָב שוין דאַמאָלט געהאַט געזען קונצנמאַכער, וואָס שלינגען פייער און ציען אַרויס פון מויל פאַרשידענע סטענגעס, בענדער, נאָר זיי האָב איך געזען פון דערווייטנס און עס איז מיר אַלעמאָל פאַרבליבן אַ הונגער פון עפּעס נישט־דערזעענס, אָבער מאַרטען האָב איך געזען פון דער נאָנט. איך בין געשטאַנען נעבן איר, איר באַרירט, גערעדט מיט איר און געזען אירע גבורות. איך בין געווען געוואַלטיק פאַרבליפט און פאַר־כאַפּט פון איר דרייסטקייט. איך אַליין בין געווען אַזוי נישט דרייסט, אַזוי אויסגעצערטלט און אַנגעשראָקן, אַז מיר האָט זיך אויסגעדאכטן, אַז די דרייסטע מאַרטאַ דאַרף זיין די גליקלעכסטע אין דער וועלט.

מאַרטאַ איז געווען פאַרטראַכט, פאַרשלאָסן אין זיך און אומעטיק. מיר איז געוואָרן אויפּפאַלנד די סתירה צווישן איר דרייסטקייט און אומע־טיקייט. איך האָב דאָס באַמערקט, אויפגעכאַפּט מיט דער פרישקייט פון אַ קינד וואָס הויבט אָן וען, וואָס עס טוט זיך אַרום אים. איך פלעג זיך אַוועקשטעלן נעבן איר, ברייט פונאַנדערעפענען די אויגן און איר קוקן גלייך אין די אויגן אַריין. מאַרטען פלעגט ווערן אומהיימלעך פון מיין עקשנותדיקן קוקן אויף איר. פלעגט זי מיר גלעטן דאָס פּנימל און אויף אַ מינוט פאַרשטעלן מיט איר גרויסער האַנט מיינע אויגן.

מאַרטאַ האָט געשטאַמט פון דעם אָרעמען פּאָדליאַשע. אירע עלטער־זיידעס, דייטשע האַנטווערקער, בעל־מלאכות, און מייסטערס, וואָס האָבן זיך שפּעטער פּאָלאָניזירט — זענען מיטן קאָלאָניזאַציע־שטראָם, מיטן אייביקן דייטשן „דראַנג נאַך אָסטן", פאַרטראָגן געוואָרן אַהער, אין די פּאָדליאַסקע דערפער, וווּ זיי האָבן געפירט אָן אַרבעטזאַם נאָר אָרעם לעבן און זיך אויסגעמישט מיט די האָלענדישע משפחות, וועלכע פּעטער דער ערשטער האָט אַראָפּגעבראַכט קיין רוסלאַנד, און האָבן אויף אַ משונהדיקן אופן פאַרוואַנדערט אַהער, אויף פּאָדליאַשע, וווּ זיי זענען געבליבן וווינען ביזן היינטיקן טאָג.

דער אַדוואָקאַט, מאַרטעס באַלעבאָס, האָט מסתמא געוווּסט וועגן אירע קוועלן און בענקשאַפטן. ער האָט דאָס אויסגענוצט, געלאָזט זיך כסדר פון

איר באַדינען. ווען ער איז געזעסן ביים טיש און געגעסן, האָט אים אַלעמאָל עפּעס אויסגעפּעלט. ער האָט נישט געוואַרט ביז מאַרטאַ וועט די דער־לאַנגטע זאַך אַוועקשטעלן אויפן טיש, נאָר עס אַרויסגענומען איר פון האַנט. דערביי האָט ער עס נישט אַרויסגענומען פון אירע פינגער, נאָר אַרויפגע־לייגט זיין שווערע, פלייִשיקע האַנט הויך אויף איר אָרעם און זי פּאַמעלעך געגליטשט איבער איר האַנט ביז ער האָט דערגרייכט צו דער זאַך, וועלכע זי האָט געהאַלטן.

ווען מיר פלעגן זיך מיטן אַדוואָקאַטס קינדער שפּילן אין דער „בלינדער באָבען״ האָט זיך דער אַדוואָקאַט אַלעמאָל אַריינגעמישט אין דער שפּיל, געלערנט מיט אונדז די כללים, וועלכע מיר אַלע האָבן אָן אים גוט געקענט, געוויזן ווי אַזוי מען דאַרף אויסמיידן נישט אַריינצופאַלן, וואָס מיר האָבן געוווּסט בעסער פאַר אים. לסוף האָט ער זיך אַריינגעדרייט און געשפּילט מיט אונדז צוזאַמען. ער האָט אויך מיט געוואַלט אַריינגעשלעפּט מאַרטען אין דער שפּיל. דאַמאָלט פלעגט ער זיך אַליין פאַרבונדן די אויגן און געלאָפן אונדז כאַפּן, אָבער געכאַפּט האָט ער אַלע מאָל נאָר מאַרטען און דאָס נאָר ביי איר הויכן ביוסט.

ווי מאַרטע האָט זיך נישט געשעמט פאַר דער באַלעבאָסטע, ווי פּשיקרע דאָס איז איר נישט געווען, ווי ווייט דאָס האָט נישט געפּאַסט צו איר געמיטס־צושטאַנד, האָט זי זיך אָבער פון דעם ביסעלע פאַרגעניגן נישט געקאָנט אָפּזאָגן.

*

גאָר אַנדערש איז געווען אַגניעשקאַ. זי איז געווען פול מיט לעבנס־לוסט און פרייד. אַ הויכע, א בלאָנדע, אַ שיינע. צעהעלט און געזונט, האָט זי געגאָסן פון לעבן ווען עס איז נאָר געווען אַ פּאַסנדיקע געלעגנהייט דערצו. זי האָט נישט געקאַרגט פון די חנען און רייצן פון איר לייב פאַר דעם, וואָס האָט איר אויסגעזען צו זיין כאָטש אַביסל דאָס ווערט. זי איז אָבער קיינמאָל נישט געפאַלן ביי זיך, ווען עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זי האָט געהאַט אַ טעות. זי איז קיינמאָל נישט געווען קיין אַנטוישטע, ־י פלעגט נאָר ווערן אויף אַ קורצער צייט אַביסל אומעטיק.

ווען איך האָב זי געזען, איז זי שוין נישט געווען קיין יונגע, שוין אָביסל איבערגערייפט, נאָר רחבותדיק און שיין. אַגניעשקאַ האָט געשטאַמט פון אַן אָרעמער פּויערים־משפּחה פון לאָמזשער געגנט. זיי זענען געווען אוניטן (געהערט צו דער מזרח־קאַטוילישער קירך). אַגניעשקאַ איז פון קינדווייז אָן געווען געוווינט צו קאַמפן: רעליגיעזע, נאַציאָנאַלע און אַפילו אויך סאָציאַלע. נישט קענענדיק לייענען און נישט שרייבן, האָבן אָבער די קאַמפן אַנטוויקלט אין איר אַ באַזונדערע פעיקייט זיך צו אָריענטירן אין לעבן און אין געשעענישן. ווען זי איז שפּעטער אַוועק פון איר היים און אויסגעשטעלט געוואָרן אין דער גרויסער שטאָט, אַ דאַנק איר שיינקייט, אויף פאַרשידענע נסיונות, איז זי דעם לעבן געגאַנגען אַנטקעגן אָן פּחד. זי האָט געקוקט אויף אַלעם אָפן און דרייסט און דעריבער קיינמאָל זיך נישט געלאָזט פאַרפלאָנטערן. זי האָט זיך אַלעמאָל אַן עצה געגעבן און אין אַלעם געפונען אַן אויסוועג. זי איז אין לעבן זייער גוט אויסגעקומען בלויז מיט חיבור און חיסור, כפלען און טיילן האָט נישט געהערט צו איר. זייענדיק נאָך פון דער היים פריי פון פאָראורטיילן איז איר אָבער פאַרבליבן אַן איינגעוואָרצלטע צוגעבונדנקייט צו רעליגיע, וועלכע זי האָט געהיטן מיט סעקטאַנטישער צוגעבונדנקייט, טראָץ איר פריי לעבן, פול מיט ערדישער פרייד. נאָך דער קאַטאַסטראָפע ביי וואָניאַקן, ווי זייער הויז איז פלוצים אָרעם געוואָרן, האָט שוין אַגניעשקאַ נישט געזוכט קייט אַנדערע שטעל. זי איז געפאָרן אין איר געבורטס־אָרט און שפּעטער דאָרט חתונה געהאַט מיט אַ רייכן פּויער, וואָס איז געוואָרן אַן אלמן.

*

מאַגדאַ איז, באַלד נאָך אַגניעשקאַס אַוועקפאָרן, אָראָפּגעפאַלן צו אונדז אויפן הויף, ווי עפּעס אַ טייערער שפּילפויגל, וואָס האָט דאָ פאַר־בלאָנדזשעט פון אַ ווייט לאַנד. זי איז געווען קוים זיבעצן יאָר אַלט, דראַבנע און פול, מיט קליינע הענט און קליינע פיס, מיט טיפע בלויע אויגן און טונקעלע וויעס און מיט לאַנגע, בלאָנדע צעפּ ווי פון זייד. געקומען איז זי פון לובלינער געגנט, פון אַן אָרעמער פּויערישער, פרום־

קאַטוילישער שטוב. געזאָגט האָט מען אויף איר, אַז זי איז נישט קיין געזעצלעך קינד, אַז זי איז אַ טאָכטער פון אַ פּריץ, וועלכן עס האָט זיך פאַרגלוסט אַ הוליע צו טון מיט אַ שיין דאָרפיש מיידל. ווען דאָס מיידל איז שוואַנגער געוואָרן האָט זי דער פּריץ חתונה געמאַכט מיט זיין פאָרנאַל, געבנדיק איר עטלעכע מאָרגעס ערד נדן. ווען מאַגדאַ איז אַלט געוואָרן עפּעס מער ווי פופצן יאָר, האָט זי געמוזט אַנטלויפן פון שטוב. איר שיינקייט האָט געריסן די אויגן און צוליב איר זענען פאָרגעקומען אין שטוב סקאַנדאַלן צווישן טאַטע־מאַמע.

אין אָנהויב איז מאַגדאַ אַוועק אין אַ שכינותדיקן דאָרף, ווו זי האָט זייער שווער געאַרבעט. אָבער צו זיבעצן יאָר איז זי פון דאָרט אַנטלאָפן קיין וואַרשע. זי איז אָנגעקומען דינען אין אַ ייִדישער שטוב. די גוואַלטיקע, פאַרטרייסלדיקע ענדערונג אין איר לעבן, דאָס אַריינפאַלן פון אַ פּויליש, קאַטויליש דאָרף אין אַ ייִדישער שטוב און סביבה, די גרויסע שטאָט, די רוישיקע גאַס, דער הויף, די קאַוואַלירן וואָס האָבן געצויגן צו איר שיין, יונג לייב, ווי פליגן צו זיסקייט, אָט די קאַוואַלירן צווישן וועלכע עס זענען געווען אָרנטלעכע, ערלעכע, וואָס האָבן געמיינט אויפריכטיק מיט זייער ליבע צו איר, אָבער צווישן וועלכע עס זענען אויך געווען אויסנאַרערס, אָפּנאַרערס און פאַרפירערס, אַזעלכע וואָס האָבן שוין געהאַט אַ פרוי מיט קינדער, צי גאָר עטלעכע פרויען, און נישט זעלטן זענען צווישן זיי געווען גאַנצע און האַלבע אַלפאָנסן, אָט דאָס אַלץ האָט געמאַכט מאַגדאַן אַזוי גערייצט, אַז טיילמאָל האָט זיך געדאַכטן, אַז זי איז אַראָפּ פון זינען. זי האָט כסדר געלאַכט. אַלע טאָג האָט מען זי געזען מיט אַן אַנדערן קאַוואַליר. קיינער פון זיי האָט נישט געוווּסט צי זי מיינט אים ערנסט, אָדער טרייבט פון אים חוזק. אויף אַלע פראַגעס האָט זי געענטפערט מיט אַ פּערלדיקן געלעכטער, וואָס איז איינצייטיק געגאַנגען פון איר מויל און אויגן. זי פלעגט די קאַוואַלירן צעברענען ביז העליש פייער, דערפירן ביז משוגעת און פלוצים זיי נעלם ווערן פון אונטער די הענט.

לאַנג האָט זי אַזעלכע וועלטן נישט געפירט. בסך־הכל עטלעכע חדשים, נאָך דעם ווי זי איז אָנגעקומען צו אונדז אויפן הויף, האָט מען

זי געפונען אין אַ שכנותדיקן קעלער מיט אַן איבערגעשניטענעם האַלדז אַ טויטע אין אַ קאַלוזשע פאַרגליווערט בלוט.

*

די קריסטלעכע דינסט־מיידלעך (שיקסעס) האָט מען נישט צוגענומען דורך רייפערקעס, ווי די יידישע, נאָר דורך אַ פאַרמיטלונגס־ביוראָ פאַר דינסטן און אַמען. דאָרט זענען זיי געזעסן אויף אַ באַנק, מיט די סלוזש־באָווע־ביכלעך אין די הענט, מיט די קלימיקלעך זאַכן אויף די שויסן און געוואַרט, אַז די באַלעבאָסטעס זאָלן קומען און זיי אויסקלויבן. די מאַדאַמען זענען געקומען אין ביוראָ, געריעדט מיטן „קיעראָווניק", איבערגעקוקט די רעקאָמענדאַציעס אין די סלוזשבאָווע־ביכלעך, טאַקסירט מיטן אויג יעדע שיקסע, און זיך אויסגעקליבן איינע פון זיי. געווען באַלעבאָסטעס וואָס האָבן געזוכט שיינע שיקסעס, אַז די אונטערוואַקסנדיקע זין זייערע זאָלן נישט דאַרפן גיין זוכן קיין ליבע אין גאַס. געווען אַזעלכע, וואָס האָבן דווקא געזוכט מיאוסע, אַז דעם מאַן זאָל נישט גיין צו גוט.

די שיקסעס האָבן בעסער געוואָלט גיין דינען צו יידן, ווי צו קריסטן. ביי די קריסטן האָבן זיי געאַרבעט עבודת־פרך, זעלטן געהאַט אַ פרייען טאָג, באַקומען קנאַפּ און שלעכט צו עסן. מען האָט זיי קיינמאָל נישט געגעבן קיין גוט וואָרט און פּאָר שלעכט, צי נישט גענוג שנעל אויספירן אַ באַפעל, געגעבן פּעטש. די ווייניקער שטאַנדהאַפטיקע שיקסעס פלעגן נאָכן אָפּדינען עטלעכע יאָר זיין אַזוי פאַרהוקעט און געהעמט, אַז זיי פלעגן שוין אויפן גאַנצן לעבן פאַרבלייבן האַלבע קאַליקעס.

איינמאָל האָבן מיר געהאַט צוגענומען צו די הילפס־אַרבעטן אַ שיקסע, וואָס האָט געדינט אין אַ קריסטלעכער שטוב עטלעכע יאָר. די מאַמע האָט באַמערקט, אַז ווען מען זאָגט איר זי זאָל עפּעס ברענגען איז ביז זי גייט אַריין אין קוך אַריין, פאַרגעסט זי נאָך וואָס זי איז געגאַנגען. די מאַמע האָט איר געפרעגט: מאַרישאַ, פאַרוואָס דערלאַנגט נישט מאַרישא דאָס, וואָס איך האָב געבעטן. מאַרישאַ האָט דערויף געענטפערט:

— באַלעבאָסטע, מיר, אַז מ׳הייסט עפּעס טון, מוז מען מיר באַלד

געבן אַ פּאַטש אין פּנים אַריין. אויב מען גיט מיר נישט איבערן קאָפּ, געדענק איך נישט.

אין אַ יידישער שטוב האָט מען אַביסל מורא געהאַט פאַר אַ קריסט־לעכער דינסט און אַביסל דרך־ארץ געהאַט פאַר דער אָרעמער, סאָציאַל־געשלאָגענער, אָבער דאָך צוגעהעריקער צו דער מעכטיקער קריסטלעכער וועלט. אין אַ יידישער שטוב האָט מען אַ שיקסע געגעבן גוט צו עסן, מען האָט איר זעלטן געזאָגט דו, אַמאָפטסטן גערופן ביים נאָמען, געקויפט איר מתנות אויף „באָזשע־נאַראָדזעניע" אויף „ווילעקאַנאָץ", און קיינמאָל נישט אויפגעהויבן אויף איר קיין האַנט. נישט זעלטן האָט מען אין אַ יידישער שטוב בעסער באַהאַנדלט אַ קריסטלעכע דינסט, ווי אַ יידישע.

*

אין די הויז־איינגענג צווישן די טירן פון הויף און קעלער זענען אין די פאַרנאַכטן געשטאַנען שיקסעס מיט זייערע קאַוואַלירן. שעהען לאַנג זענען זיי אַזוי געשטאַנען אָנגעשפּאַרט איינער אין אַנדערן און האַלטנדיק זיך ביי די הענט, דלאָניע צו דלאָניע צונויפגעלייגט, פינגער מיט פינגער צונויפגעפלאָכטן. זיי האָבן זיך געקוקט אָפן און דרייסט אין די אויגן אַריין און גערעדט זייער פּאַמעלעך געציילטע, אָרעמע ווערטער. פון לאַנג שטיין פלעגן זיי די פיס מיד ווערן, ס'האָבן געברענט די סטאָפּעס אין די ביליקע שיך, פלעגן זיי אויף עטלעכע רגעס אויפהייבן צו איין פיס אינדערלופטן ער זאָל זיך אַביסל אָפּרוען, און דערנאָך דאָס זעלבע געטון מיטן צווייטן פוס און אַזוי כסדר. אָבער די הענט וועמענס מידקייט איינער האָט אַריינ־געלייגט אין צווייטנס דלאָניע האָבן זיך געקוויקט פון רו און פאַרגעניגן.

זיי פלעגן שטיין אַזוי לאַנג ביזוואַנען די באַלעבאָסטעס האָבן זיי אָנגעהויבן רופן אַרויפצוקומען אין שטוב דערלאַנגען דאָס נאַכטמאָל. אין אָנהייב האָבן זיי זיך געמאַכט נישט הערנדיק, אָבער ווען זייערע נעמען האָבן זיך אָנגעהויבן איבערחזרן, עפּטער און בייזער, האָבן זיי זיך אָנגעהויבן צעשיידן. פּאַמעלעך האָבן זיך די פינגער פאַנאַנדערגעפלאָנטערט, לויז געוואָרן. יעדער האָט ווידער דערפילט די מידקייט פון די אייגענע

אויסגעהאָרעוועטע הענט. די שפּיצן פון די פינגער האָבן זיך נאָך עטלעכע רגעס באַוירט און זיך צעגאַנגען.

ווען וואָלאַדעק, פּאַוועל דעם סטרוזשס געהילף, וואָס פלעגט פאַרנאַכט פונאַנדערטראָגן די אָנגעצונדענע לעמפלעך אויף די שטיגן, האָט זיך אָנגעטראָפן אויף אַ פּאָרל פאַרבאַהאַלטן צווישן די טירן, פלעגט שטענדיק אויסברעכן צוליב דעם אַ סקאַנדאַל. וואָלאַדעק האָט זיך געטשעפּעט צו זיי, ער האָט זיי פאַרגעוואָרפן אַז זיי טוען דאָ אָפּ מיאוסע מעשים, אָדער אַז זיי פאַרקלייבן זיך דאָ סתם עפּעס צוצוגנבענען. נישט זעלטן פלעגן אַרויסקומען צווישן אים און די קאַוואַלירן בלוטיקע געשלעגן.

וואָלאַדעק איז געווען שטאַרק אייפערזיכטיק. ער האָט ביי די שיקסעס אין הויף נישט אויסגענומען, נישט געהאַט ביי זיי קיין „פּאָוואָדזעניע". ער איז געווען אַ דאַרער, מיט קליינע, קרומע אייגעלעך, ווי ביי אַ קאַלמיק. ער איז געווען אויסגעקאַכט מיט די דערוואַקסענע יינגלעך פון הויף, אָבער מיט מיידלעך האָט ער נישט געקאָנט רעדן. אַ חוץ דעם איז ער געווען שטאַרק פאַריאָגט, פאַרהאָרעוועט און צו שיקסעס קיין צייט נישט געהאַט. עטלעכע מאָל אין טאָג האָט מען געהערט פּאַוועלן שרייען: „וואָלאַדעק, לאַפּ מיאָטלע"! (וואָלאַדעק, כאַפּ דעם בעזעם). אויף דער פּאָקאָרנע גאַס זענען געפאָרן אַ סך וועגענער געשפּאַנטע אין פערד, פלעגט דעריבער די גאַס זיין שטענדיק פאַראומרייניקט מיט פערדיש מיסט. וואָלאַדעק האָט עטלעכע מאָל אין טאָג געמוזט רייניקן די גאַס. נישט איינמאָל האָבן די שיקסעס געזען ווי וואָלאַדעק כאַפּט פּעטש פון אַלטן רעוויראָווי, זייטשיק, מיט דער באָרד אַ לאַ גענעראַל סקאָביעלעוו, פאַר נישט באַצייטנס צוקערן דאָס מיסט. האָבן זיי דעריבער אים נישט געשאַנעוועט. וואָלאַדעק איז צוליב דעם געווען געוואַלדיק צערייצט. ווען אַ קינד האָט אים געוואָלט אַ טשעפּע טון, האָט עס אַ געשריי געטון: „וואָלאַדעק לאַפּ מיאָטלע!" פאַר אַזאַ אויסגעשריי איז ער גרייט געווען זיך וואַרפן אויפן קינד און עס צערייסן.

ווען די שיקסעס מיט זייערע קאַוואַלירן האָבן זיך גאָרנישט געמאַכט פון וואָלאַדעקס סקאַנדאַלן און נישט פאַרלאָזט דאָס אָרט צווישן די טירן, האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ער איז דאָך עפּעס פאָרט אַ פאַרשטייער פון דער מאַכט. ער איז אַריין צו פּאַוועלן אין דער סטרוזשוווקע, געכאַפּט

אויף זיך פּאַוועלס ווייס פּאַרטוך, וואָס ער פלעגט אָנטון נאָר אין גאַלאָווע טעג, אָנגעטון פּאַוועלס היטל מיטן מעשענעם בלעך אויף וועלכן עס איז געווען אויסגעקלאַפּט דאָס וואָרט „דוואָרניק״ מיט אַ נומער, געכאַפּט אונטערן אָרעם פּאַוועלס שטעקן, צוגעלאָפן צום קאַוואַליר און שלעפּנדיק אים ביים אַרבל געשריגן „דאַ צירקולו, דאַ צירקולו״! (אין צירקל, אין צירקל). דער קאַוואַליר האָט געלאַכט וולאַדעקן גלייך אין פּנים אַריין און די שיקסע האָט אים געוויזן אַ גראָבע צונג, ווי ביי אַ בהמה.

אַממיינסטן האָט זיך וולאַדעק געטשעפּעט צו מאַגדעס קאַוואַלירן. אויף איר איז ער געווען אינגאַנצן משוגע. ער פלעגט צוליב איר מאַכן די קאַוואַלירן וויסטע סקאַנדאַלן. ווען מען האָט מאַגדאַן געפונען אַ טויטע, האָט מען אַרעסטירט אַ סך קאַוואַלירן מיט וועלכע זי פלעגט פאַרברענגען. מען האָט אויך אַרעסטירט וולאַדעקן. מיט דער צייט האָט מען זיי אַלע באַפרייט. בלויז וולאַדעק איז געבליבן זיצן אין תפיסה.

בעטלערס

כמעט אַלע בעטלערס אין וואַרשע זענען געגאַנגען איבער די הייזער. בלויז אַ צאָל קאַליקעס, בלינדע, אָדער אָן פיס, פלעגן זינגען אָדער שפּילן אויף די הייף, צי גאָר בלויז בעטן מיט האַרץ־רייסנדיקע „מאָראַלישע״ שטימעס, מען זאָל זיי עפּעס אַראָפּוואַרפן דורכן פענצטער.

אָבער אַזעלכע הויף־זינגערס, צי שפּילערס האָבן נאָר געקאָנט זיין אין זומער, ווען די פענצטער זענען געשטאַנען אָפן, אָדער מען האָט זיי לייכט געקאָנט עפענען, און די וויינענדיקע, בעטנדיקע און שרייענדיקע קולות פון די אָרעמעלייט האָבן געקאָנט אַריין אין די שטובן און רירן די הערצער פון יידן בני רחמנים.

ווינטער־צייט האָבן אפילו די ערנסטע קאַליקעס געמוזט גיין איבער די הייזער, קלאַפּן אין די טירן.

אין וואַרשע זענען נישט געווען קיין באַשטימטע טעג אין וועלכע די אָרעמעלייט פלעגן גיין נאָך נדבות. זיי זענען געגאַנגען אַ גאַנצע וואָך, יעדן טאָג. זיי פלעגן זיך נאָר צווישן זיך טוישן מיט די גאַסן. יעדן טאָג איז אַן אַנדערער עולם אָרעמעלייט געגאַנגען אויף אַנדערע גאַסן. פונדעסט־וועגן זענען אַממיינסטן אויסגעפאַלן אויף די תחנון טעג, אויף מאָנטיק און דאָנערשטיק. אויך פרייטיק האָט מען געזען אַ סך אָרעמעלייט, ווייל פרייטיק, ווען די באַלעבאָסטעס זענען געווען אַריינגעטון אין אָנגרייטן אויף שבת פון כל גוטס, האָבן זיי גערנער געגעבן דעם אָרעמען מענטש דעם גראָשן און להוט געווען אין דעם טאָג, וואָס האָט צוגעזאָגט אַזויפיל פאַרגעניגן, צו הערן וואָס מער ברכות.

די בעטלערס פלעגן אָנקלאַפּן שטיל אין דער קיך־טיר. דורך דער פראָנט־טיר האָבן זיי נישט געטאָרט גיין. דער הויז־וועכטער האָט נישט געלאָזט, האָט זיי געיאָגט פון דאָרט. זיי פלעגן אָנקלאַפּן און בלייבן שטיין. אויסציען אַ האַנט אָדער בעטן מיט די אויגן. מען האָט זיי געגעבן צו קופּערנע גראָשנס. אין נישט גאַנץ פאַרמעגלעכע שטובן האָט מען זיי געטיילט צו שטיקלעך צוקער. קיין ברויט האָבן די אָרעמעלייט נישט גענומען.

זיי זענען געגאַנגען פּאַרטיעווייז און צו איינצלנע. טיילמאָל האָט אָנגעקלאַפּט אַן אָרעמאַן און געוויזן אַז אונטן, אַ שטאָק נידעריקער, שטייען נאָך עטלעכע אָרעמעלייט, וואָס האָבן נישט קיין כוח צו גיין אַזוי הויך אויף די שטיגן און בעטן געבן זיי די נדבה דורך אים.

געווען, אַז גאַנצע משפּחות זענען צוזאַמען געגאַנגען בעטלען. געווען אַזעלכע מאַנסלייט, וואָס זענען געקומען פון קליינע שטעטלעך. דאָרט ביי זיי אינדערהיים, האָט עס געהייסן, אַז זיי אַרבעטן אין וואַרשע אין אַ געשעפט, אָבער דאָ זענען זיי גאָר אַרומגעגאַנגען קלויבן נדבות.

נישט אַלע זענען זיי געווען אָרעמעלייט. זיי זענען נאָר אַלע געווען בעטלער. טייל האָבן אַפילו „שיין" געלעבט דערפון, געוווינט אויף די פעריפעריעס פון דער שטאָט, אין קליינע, אָבער ריינע, הילצערנע הייזלעך, אין שטובן מיט בעטן באַלייגטע, פון איין זייט, מיט שטויסן קישנס און מיט בלומען־טעפּ אין די נידריקע פענצטערלעך.

געווען אָבער צווישן זיי אויך גרויסע אָרעמעלייט, וואָס האָבן פֿאַר דעם אויסגעבעטלטן גראָשן געמוזט אויסהאַלטן אַ קראַנק ווייב, אָדער אַ קראַנקן מאַן מיט עטלעכע קליינע קינדער. געווען צווישן זיי דרייסטע, מיט אַרויספאָדערנדיקע בליקן, געווען פֿאַרשעמטע, שטילע, וואָס האָבן געהאַלטן דעם קאָפּ שטענדיק אַראָפּגעלאָזט.

געווען אַזעלכע, וואָס האָבן גענומען דעם גראָשן און אַוועקגעגאַנגען נישט אַרויסרעדנדיק קיין וואָרט. געווען אַזעלכע, וואָס האָבן אַ סך אָנגע־ווונטשן. געווען אַזעלכע וואָס האָבן נאָר געזאָגט „אַ גוטן טאָג" און אַזעלכע, וואָס האָבן געזאָגט „זאָטס געזינט אין שטאַרק".

אַממיינסטן דרייסטע בעטלערס זענען געווען צווישן די פֿרויען. די מענער זענען געווען שטילער און הכנעהדיקער.

איין אָרעמאַן האָט זיך מיר איינגעקריצט אין זכרון. ער איז געווען אַ הויכער, אַ גלייכער ווי אַ ווירע. געווען איינגאַנצן ברוין. דאָס פּנים, די לאַנגע באָרד, דאָס כאַלאַטל, אַלץ ברוין. ער פֿלעגט גיין נאָר אַליין. טאָמער האָט ער אויף די שטיגן זיך אָנגעטראָפֿן מיט אַ פּאַרטיע בעטלערס פֿלעגט ער אַלע איבערוואָרטן און ערשט שפּעטער, ווען ער איז געבליבן אַליין, אָנקלאַפּן. ווען מען האָט פֿאַר אים געעפֿנט די טיר, האָט ער געזאָגט אַ האַסטיקן „גיט מאָרגן", ווען מען האָט אים געגעבן דעם גראָשן, האָט ער אים אַריינגעוואָרפֿן אין אַ זייטיקער קעשענע פֿון כאַלאַטל און געזאָגט שנעל „האָטס אַלדעס גיטס" — און כמעט ווי אַוועקגעלאָפֿן. מאָדנע האָט ער אויסגעזען מיטן טוכענעם, ייִדישן היטל אויפֿן הויכן, ברוינעם שטערן, מיט די טיפֿע, טרויעריקע ברוינע אויגן. זיין שטיל קומען, דאָס אַרויס־וואַרפֿן פֿון זיך אויף שנעל די ווערטער, ווי אַ שפּרוך, וואָס ער האָט מורא געהאַט, אַז עמעצער זאָל אים נישט איבעררייסן אינמיטן, זיין אַוועקשווימען, דאָס אַלץ האָט אויך געצויגן אויף זיך די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון מיין מאַמען. זי האָט אים אַמאָל געוואָלט געבן צוויי גראָשן, האָט ער זיך באַליידיקט און איין גראָשן צוריקגעגעבן. איין גראָשן דאָס איז געווען זיינס, אַ גראָשן האָט געהערט צו אים, אָבער אַ צווייער (צוויי גראָשן) דאָס איז שוין געווען אַ נדבה און קיין נדבות האָט ער נישט גענומען...

זייער אַ סך בעטלערס זענען געגאַנגען מיט אַרומגעבונדענע פּנימער. צי האָבן טאַקע פיל פון זיי געהאַט קראַנקע ציין? צי האָבן זיי דאָס געטון מיט דער כוונה אַרויסצורופן צו זיך רחמנות? כ׳ווייס נישט. גאָר משונהדיק האָבן אויסגעזען די מענער מיט פּנימער אַרומגעבונדענע מיט פּאַטשיילעס. די פּאַטשיילעס פלעגן ווי איבערשניידן זייערע בערד, אַזוי, אַז איין שטיק באָרד איז זיי ווי אַרויסגעוואַקסן פון דער באַק און דאָס צווייטע פון אונטערן האַלדז און ס׳האָט אויסגעזען ווי אַ פּראַנץ יאָזעף באָרד געשטעלט אין דער קרום.

*

אונדזער דינסט גענענדל האָט שרעקלעך פיינט געהאַט די אָרעמע־לייט. זי האָט זיי גערודפט, געשריגן אויף זיי „פּענטאַקעס״, „שנאָררערס״, געיאָגט און נישט געוואָלט זיי דערלאַנגען קיין ביסל וואַסער, ווען אימיצער פון זיי האָט געבעטן אַ טרינק. זי איז געווען אין כעס אויף דער מאַמען פאַרוואָס זי גיט זיי נדבות. „זאָלן זיי גיין האַרעווען ווי יאָך״ — האָט זי זיך געבייזערט. ווען גענענדל פלעגט ווערן אין כעס, האָט זי פאַרגעסן, אַז זי איז די דינסט און מיין מאַמע די מאַדאַם. פאַר אַ זייטיקן מענטש, האָט עס אויסגעזען משונהדיק, ווי די דינסט שרייט אָן אויף דער באַלעבאָסטע. אָבער מיין מאַמע האָט זיך געמאַכט נישט הערנדיק, איר האָט עס נישט געאַרט. זי האָט פאַרגינען דער אָרעמער גענענדל די אילוזיע אויף די פּאָר בייזע מינוטן.

ווען די מאַמע איז גראָד געווען אין אַ ווייטערער שטוב און דערוויייל האָבן אָנגעקלאַפּט אָרעמעלייט, איז גענענדל שנעל צוגעלאָפן צו דער טיר און אַרויסגעעסיקעט מיט כעס: „ס׳איז נישטו וווס צו גיעבן״. די אָרעמעלייט האָבן אָבער נישט אָפּגעטרעטן: „דו געט מען״ — האָבן זיי געזאָגט איינער צו דעם אַנדערן. „די באַלעבאָסטע וועט באַלד ציקימען״ — האָט מען געהערט זיי רעדן. זיי האָבן שוין גוט געקענט גענענדלען און איר ביי דער־געלעגנהייט מכבד געווען מיט אַ שפּאָרער פּאָרציע זעקסשטאָקיקע קללות.

פאַר איין אָרעמאַן האָט גענענדל געהאַט דרך־ארץ — פאַר דעם

ברוינעם ייד. זי פלעגט אים אַפילו פרעגן, צי ער וואָלט נישט געוואָלט עפּעס אָפּעסן, אָדער עפּעס טרונקען. דער ייד פלעגט איר נאָר שנעל זאָגן — „האָטס אַלדאָס גיטס" און איילִיק אַוועקגיין.

מיט דער צייט האָבן זיך דאָך צוויי אָרעמעלייט ביי אונדז „איינגעבירגערט", דאָס איז געווען משהלע און זכריה.

*

משהלע און זכריה זענען ביידע געווען אַזעלכע האַלבע נאַראָנים, עפּעס נישט אַנטוויקלטע. משהלע איז געווען אַן עלטערער, מיט אַ גרוי קאָזע־בערדל, מיט אַ לענגלעך פּנים און מיט זייער גרויסע אויערן. ער איז געווען אַליין, נישט געהאַט קיין משפּחה, נישט קיין ווייב, נישט קיין קינד. ער האָט געדאַוונט אין דער שול ביי אונדז אויפן הויף אויף פּאָקאָרנע, דאָרט ווו ס'האָבן געדאַוונט די ליטוואַקעס. צי האָט ער געקענט דאַוונען וויים איך נישט. ער פלעגט זיך איינוויקלען אין זיין גרויסן טלית, אַריבערציען אים איבערן קאָפּ און זיך אַזוי צעשאָקלען, זיך דרייען אין אַלע זייטן ווי אַ ווינט־מיל. די ליטוואַקעס האָבן געהאַט מיט אים אַ שמחה. זיי פלעגן אים אַרומבונדן מיט די ציצית פון טלית און משהלע האָט זיך בשום אופן פון די געדיכטע פאַלדן פון טלית נישט געקאָנט אַרויסקריגן.

— מעישעלע — האָבן די ליטוואַקעס צו אים געטענעט, — אַז דו האָסט נישט קיין ווייב, צוואָזשע דאַרפסטו אַ טלית? —

משהלע האָט זיך פאַרטראַכט. זיינע ווייסע אויגן האָבן זיך פאַרקוקט אין איין פונקט מיט אַזויפיל אומבאַהאָלפענעם, בהמהשן טרויער, ווי ביי אַ קו פאַרנאַכט. ער האָט אויף זיך אַליין געשאָקלט מיטן קאָפּ פון גרויס מיטלייד און געזאָגט: — „גיהאַט, גיהאַט".

— מעישעלע, דו ווילסט חתונה האָבן? — האָבן אים די ליטוואַקעס נישט אָפּגעלאָזט.

— כ'וויל! כ'וויל! — האָט משהלע אויסגעשריגן, אָבער באַלד צוגעגעבן — „מיאָך וועט קיינער נישט נעמען".

אין דער דאָזיקער פּשוטער פעסטשטעלונג פון דעם האַלבן נאַר, איז

געווען אַזויפיל פאַרצווייפלונג, אַז די צעהוליעטע ליטוואַקעס איז געוואָרן שטאַרק קאַלעמוטנע און זיי האָבן אים געלאָזט צורו.

משהלע האָט געקאָנט עסן אָן אַ שיעור. מען האָט אויף אים געזאָגט, אַז ער האָט אַ קישקע אָן אַ דנאָ. איינמאָל האָט ער עפּעס פאַרבלאָנדזשעט צו אונדזער טיש אחרון של פּסח, צו דער אינדערפריאיקער סעודה. ער האָט אויפגעגעסן אַכט דיקע מצות־שמורה און זיבנאונצוואַנציק קניידלעך, אַ חוץ פיש און פלייש און צימעס און נאָך פאַרשידענע מאכלים. ווען אימיצער פון אונדזערע קינדער האָט עפּעס נישט געוואָלט עסן, האָט זיך משהלע אָנגערופן: „עס, עס, באַלד ניש, וועל יאָך אָפּעסן".

משהלע האָט געקענט מאַכן „מי שברך'ס". שבת, צי אַפילו אין מיטן דער וואָך, ווען ער איז געזעסן ביים טיש, צי ער האָט אימעצן, וואָס ער האָט געקענט, געטראָפן אין גאַס, האָט ער צוגעלייגט, מעשה חזן, די רעכטע האַנט צום רעכטן אויער און אָנגעהויבן: „מי שברך אבותינו אברהם יצחק ויעקב הוא יברך את הגביר" א. א. וו. ווען ער האָט אַפילו מיר, צי מיינע שוועסטערן געמאַכט אַ „מי שברך" האָט ער אויך געזאָגט „הוא יברך את הגביר". דער טאַטע האָט אים געזאָגט, אַז ער זאָל אַרויסלאָזן דעם גביר. משהלע האָט געענטפערט, אַז אָן דעם הגביר קאָן ער נישט מאַכן קיין „מי שברך".

ער האָט געקענט נאָר איין ניגון. ווען ער פלעגט צוקומען צו די ווערטער „ישלח ברכה והצלחה" האָט ער אויפגעזונגען דעם איינציקן חסידישן ניגון וואָס ער האָט זיך אין זיין לעבן אויסגעלערנט.

די דינסטן האָבן געהאַט אַ „שוואַכקייט" צו משהלען צוליב דעם ליד וועגן דינען ביי פּאַניען, וואָס משהלע האָט געקענט. גענענדל האָט שטאַרק ליב געהאַט דאָס ליד. זי פלעגט אַריינגעמען משהלען אין דער קיך, געבן אים אָפּצועסן, אָדער אַ פּאָר גראָשן און געזאָגט: ני, משהלע, זינג דאָס ליד פון פּאַניען. משהלע האָט זיך אויפגעשטעלט און ווי ביים „מי שברך" צוגעלייגט די האַנט צום אויער, פאַרמאַכט פרום די אויגן און אָנגעהויבן:

„פּאַניע דינען איז דאָך ביטאָ
אין די סאָלדאַטן איז דאָך שלאַכט,

יחיאל האָפּער

אַז יאַך דאַמאַן מיך פֿין פֿאָניע דינען
שלוף יאַך שוין ניש אַ גאַנצע נאַכט.
אַ גאַנצע נאַכט שלוף יאַך שוין ניש
אין מיינע אייגעלעך זעיען ניש קאַ שלוף
אַז יאַך דאַמאַן מיך פֿין פֿאָניע דינען —
גאָטעניו־און־או נעם צי די שטרוף.

משהלע האָט געהאַט אַ לאַנגע, שאַרפע, ביינערדיקע נאָז. ער האָט ליב געהאַט צו שמעקן טאַביק. ער האָט געהאַט אַ טאַביק־שקעטעלע פֿון ווייס האָלץ. דאָס דעקל פֿון שקעטעלע האָט זיך נישט געעפֿנט, נאָר אַראָפּ־גענומען אינגאַנצן, ווי ביי אַ געוויינטלעך קעסטעלע. משהלע האָט נישט אָנגענומען דעם שמעק טאַביק מיט די פֿינגער און אַריינגעצויגן אין דער נאָז, נאָר געפֿירט דאָס שקעטעלע הין און צוריק אונטער דער נאָז און אַריינגעצויגן דעם ריח פֿון טאַביק. ער פֿלעגט דערביי פֿון גרויס הנאה מרוזשען מיט די אויגן ווי אַ קאַץ.

ער איז סיי אינדערוואָכן און סיי אין שבת געגאַנגען אין אַ ציגן כאַלאַט. זיין טרוים איז געווען אַ זיידענע קאַפּאָטע. איינמאָל, פֿאַר ראש השנה האָט אים דער טאַטע געשאָנקען זיינס אַן אַלטע אַטלאַסענע קאַפּאָטע, וועלכע דער טאַטע האָט שוין נישט געטראָגן. די ליטוואַקעס פֿון דער שול האָבן אויף קאַטאָוועס צוגעגנבעט ביי משהלען די אַטלאַסענע קאַפּאָטע. זיי האָבן זי אים אָבער באַלד געמוזט צוריקגעבן, ווייל פֿון צער נאָך דער קאַפּאָטע איז משהלע שיעור נישט אינגאַנצן אַראָפּ פֿון זינען.

*

זכריה איז געווען גאָר אַנדערש פֿון משהלען. ער איז געווען אַ נידער־ריקער, פֿעסט געבויט, מיט אַ שייך, געזונט, לויטער פּנים, מיט אַ קיילעכ־דיקער טונקל־בלאָנדער באָרד. שטענדיק ריין אָנגעטאָן. ער האָט געהאַט ברוינע אויגן, מיט אַ רעגולערער נאָז און פֿולע ליפּן. געהאַט אַ ווייב מיט קינדער. זכריה האָט אויסגעזען צו זיין גוט דערנערט. ער האָט טאַקע געפֿירט אַ שיינע שטוב און געגעסן פֿון כל־גוטס. ער איז געווען אַ נישט־אַנטוויקלטער, אָבער צו זיינע געלט־ענינים האָט ער זייער גוט

געטויגט. זכריה האָט זיך געהאַלטן גיכער אין די געוועלבער, ווי אין די שטובן. דאָרט פּלעגט ער אַרויסטראָגן דאָס מיסט און אָנשטאָט אַ גראָשן, ווי אַלע אָרעמעלייט, באַקומען אַ צווייער אָדער גאָר אַ פירער (צוויי קאָפּיקעס). אין די שטובן פלעגט ער אויך גיין, נאָר בלויז אין די רייכע, ווו ער האָט באַקומען צו עטלעכע קאָפּיקעס.

ביי זיין צוריקגעשטאַנענקייט האָט זכריה געהאַט אין קאָפּ אַ קאַלענדאַר. ער האָט געוווּסט וועלכן טאָג ס'וועט איבער צוויי און איבער דריי יאָר אויספאַלן פּורים, צי תשעה־באב, צי חנוכה. ער האָט שטענדיק געוווּסט וואָס פאַראַ סדרה ס'גייט און עס פאַלט אויס ראש־חודש. בראָודע'ס יונגען האָבן געהאַט מיט אים גאַנצע טועכצן. דער עיקר זייט ס'איז צו זיי געקומען דער קרוב דוד, האָבן זיי אָנגעהויבן צו פירן מיט זכריהן לאַנגע שמועסן. זיי האָבן אים אויסגעפרעגט וועגן זיינע אינטימסטע ענינים מיטן ווייב. זיי זענען אין אָנהויב געווען מיט אים זייער ערנסט. מיט דער ערנסטקייט האָבן זיי אים גענומען. ווען ער האָט זיי שוין געהאַט אַלץ אויסדערציילט פלעגן זיי אויסשיסן אין אַ הילכיק געלעכטער און זכריה פלעגט פון פאַרשעמטקייט אַנטלויפן.

מאַניע פלעגט אונטערהערן די שמועסן, וואָס אירע ברידער און דער עיקר דוד, האָבן געפירט מיט זכריהן. זי איז געווען די ערשטע, וואָס האָט אויסגעשאָסן מיטן געלעכטער. איינמאָל האָט די חברה איינגערעדט זכריהן, אַז מען זאָגט אויף אים, אַז ער איז נישט געמלט. זיי האָבן עס געזאָגט אַזוי ערנסט, אַז זכריה איז געווען אויסער זיך. ער האָט זיך געשוווירן מיט די האַרבסטע שבועות, אַז ס'איז ליגן, אַז ס'איז שקר וכזב. דוד האָט צו אים געזאָגט: „הער זכריה, מיר גלייבן דיר, אָבער אַז אַלע זאָגן אַז דו ביסט נישט געמלט, מוז דאָך עפּעס אין דעם זאַן". זכריה האָט זיך מיט ביידע פויסטן געקלאַפּט אין האַרץ אַריין, אַז ער איז אַ כשרער ייד. ער האָט זיך אינגאַנצן געטרייסלט פון אויפרעגונג, נישט געהערשט איבער זיך. די יונגען האָבן אים נישט אָפּגעלאָזט. זיי האָבן אים דערפירט צו אַזאַ פאַרצווייפלונג, אַז ער האָט נישט אויסגעהאַלטן און... זיי איבערצייגט. דאַמאָלט זענען זיי אַרויס מיט אַזאַ געלעכטער אַז זיי האָבן זיך געקאָר־

טשעט אין דרייען, געהירזשעט ווי די פערד. זכריה האָט נאָך דעם אַ צייט לאַנג זיי אויסגעמיטן.

אונדזער געגענדל איז געווען פאַרליבט אין זכריהן. זי האָט אויף אים געקוקט מיט אַ פּאָר פאַרחלשטע, שטאַרע אויגן. ער איז געווען שיין, געגאַנגען ריין אָנגעטון, דער ווייכער קאָלנער פון ווייסן העמד האָט ביי אים שטענדיק געבלאַנקט. זיין ווייב האָט זעט אויס געמוזט זיין אַ גרויסע באַלעבאָסטע. ווען דעם קלייבן נדבות האָט ער געערעדט ווי וועגן פּאַרדי־נען. ער האָט זיך אַמאָל פאַרטרויט, אַז ער פאַרדינט ביז צען רובל אַ וואָך. זכריה איז געווען אַ פרומער. פון געגענדלס צודרינגלעכן בליק פלעגט ער ווערן שטאַרק אומרויק. דאַמאָלט פלעגט ער אַראָפּלאָזן די אויגן, וואַרפן מיטן קאָפּ היין און צוריק, ווי ער וואָלט געזוכט אַן אָנטרינונג. ענדלעך אַרויסבאַקומען פון זיך אַ גיכן „גיטן טוג", איבערלאָזן געגענדלען אַ פאַר־טראָגענע אין אירע געדאַנקען — און שנעל נעלם ווערן.

געסט

דאָס אויפנעמען געסט איז דאַמאָלט געווען אַ גאַנצער, געגוג קאָמ־פּליצירטער, ענין, ממש אַן עבודה. אין די חסידישע משפחות זענען כמעט נאָר פרויען געגאַנגען צו גאַסט. די מענער פלעגן זיך אויף זייער אופן צונויפקומען אין די שבתים און דער עיקר אין די ימים־טובים ביי איינעם פון די חסידים. די ליטוואַקעס פלעגן שטענדיק גיין צו גאַסט צוזאַמען מיט זייערע פרויען. אויך ביי די שוין אַביסל אויפגעקלערטע פוילישע מענער, איז געווען אָנגענומען, אַז פאַרפעלקער זאָלן קומען צוזאַמען.

אַמאָל, כאָטש געגוג זעלטן, פלעגט זיך טרעפן, אַז אַ חסידישער ייד איז געקומען מיט זיין ווייב. דאַמאָלט איז ער געזעסן אין אַ צווייטער שטוב, צוזאַמען מיט די מענער. ער האָט געערעדט הויך, געטרונקען אַ סך טיי, געגאַנגען אָפּט קטנים און געמאַכט די אשר־יצר'ס הויך אויפן קול.

דאַקעגן די מער מאָדערנע מענער זענען געזעסן צוזאַמען מיט די פרויען, ווייניק געטרונקען, ווייניק געגעסן, גערויכערט דינטשיקע פּאַפּיראָסלעך און זיך זעלטן ווען אָנגערופן מיט אַ וואָרט.

ווען אַזעלכע געסט זענען געווען ביי אונדז, פלעגט מיין טאַטע אַריינקומען אַ צעשמייכלטער פון זיין שטוב און זיך מיט זיי באַגריסט. דעם מאָדערנעם יונגנמאַן פלעגט ער קלאַפּן אין דער פּלייצע און אים ספּעציעל רופן ביים יידישן נאָמען צוגעבנדיק אַ „רב" (רב דוד, רב שלמה). מיין טאַטן האָט ווייניק געאַרט וואָס דער יונגערמאַן רויטלט זיך פון פאַרשעמטקייט.

ווען ס'זענען פון אונדז אַוועקגעגאַנגען די געסט, האָט זיך אָנגעהויבן אַ וויכוח. איז דאָס געווען אַ חסידיש פּאָרפאָלק, האָבן מיינע שוועסטערן אָפּגעחוזקט פון דעם גאָרנישט פאַרקנייטשטן ווייבל, וואָס האָט אַזאַ צלאָפּעוואַטן מאַן און שעמט זיך נישט מיט אים צו באַווייזן פאַר מענטשן. איז אַוועקגעגאַנגען אַ פאַרגעשריטן פּאָרפאָלק, האָט ווידער דער טאַטע חוזק געמאַכט פונעם יונגנמאַן, וואָס קריכט נאָך און באַדינט דאָס ווייב. ער פלעגט שאָקלען מיטן קאָפּ פון גרויס רחמנות צו דער פרוי וואָס האָט אַזאַ שלימזל פאַר אַ מאַן. מיין טאַטע האָט זיך געוווּנדערט אויף וואָס אַזאַ פּאָרפאָלק האַלט זיך.

דאָס קומען פון אַ גאַסט פלעגט מען אָנזאָגן אַ סך טעג, און אַמאָל אויך וואָכן פאָראויס. מען האָט זיך דערצו שטאַרק געגרייט. מען האָט שוין פון פאָראויס אויסגערעכנט ווען ס'וועט אויסקומען צו באַליגן צוריק אַ וויזיט. ס'האָט נישט געטאָרט אויספאַלן צו פרי, עס זאָל נישט אויסזען, אַז מען איז גיריק צו קומען צו גאַסט, ס'האָט אויך נישט געטאָרט אויס־פאַלן צו שפּעט, בכדי יענער זאָל נישט מיינען, אַז מען האַלט זיך גרויס און מען איילט זיך נישט.

פאַר דעם קומען פון גאַסט, האָט מען געגרייט כיבוד. מען האָט דעם כיבוד צעלייגט אויף קליאָשן און טעלערלעך. ס'האָט נישט געטאָרט זיין צו ווייניק, מען זאָל נישט חושד זיין די גאַסט־געבער אין קאַרגשאַפט. עס האָט נישט געטאָרט זיין צו פיל, ס'זאָל נישט אויסזען נישט איידל. דער

גאַסט זאָל שפּעטער נישט זאָגן, אַז מען האָט זיך געפּיד־ט ווי אויפגעקומענע גבירים.

ס׳איז געקומען דער גאַסט. געעפנט די טיר האָט די דינסט אָנגעטון אין איר יום־טוב׳דיק קלייד און אויפן קלייד אַ ווייס פאַרטעכל אין שפּיצן. ביי דער טיר, וואָס האָט געפירט אין די צימערן־אַריין, האָבן דעם גאַסט אָפּגעוואַרט די באַלעבאָסטע מיט די דערוואַקסענע טעכטער. די יונגערע קינדער האָט מען געהאַלטן אין זייער צימער און זיי פאַרזאָגט פון דאָרט אַרויסצוגיין אַזוי לאַנג, ווי דער גאַסט וועט זיין.

דער גאַסט־פּרוי איז זומער געגאַנגען אָנגעטון אין אַ זיידענעם קאָסטיום, דער זשאַקעט אַ דריי־פערטלדיקער, דער הוט אַ העלער מיט אַ פלערעזיע. ווינטער אין אַ לאַנגן, קאַראַקולענעם פּאַלטן און אין אַ שוואַרצן הוט מיט שטרויספעדערן. דאָס פּנים באַדעקט מיט אַ וואָאַלקע, פאַרלייגט אויפן הוט און פאַרצויגן אונטער דער גאָמבע. אויף די הענט שוואַרצע מעטינקעס פון וועלכע מען האָט אַרויסגעזען די שפּיצן פון די פינגער. אין האַנט אַ שוואַרץ זיידן זעקעלע פול מיט קליינע נאָזטיכעלעך באַנייטע מיט וואַלאַנסיענקעס.

מען באַגריסט זיך מיט די שפּיצן פינגער. מען קושט זיך דורך דער וואָאַלקע. מען זעצט זיך שטייף, מיטן גאַנצן, געפּאַנצערטן אין אַ גאָרסעט קערפּער, מיטאַמאָל. מען פאַרשאַרצט די וואָאַלקע ביז דער העלפט פון דער אויבערשטער ליפּ. מען רעדט שטיל, מען לאַכט נישט הויך. ביי אַ קאַמי־שער זאַך פאַרשטעלט מען זיך דאָס מויל מיט אַ קליין נאָז־טיכעלע. מען טינקט איין די ליפּן אין דעם דערלאַנגטן גלאָז טיי. מען ברעכט אָפּ אַ ברעקעלע פונעם קליינעם קיכעלע. מען שווייגט אָפּט. מען הויבט ווידער אָן: וועגן קינדער, שידוכים, וועגן בעדער, וועגן קאַרלסבאַד און פראַנצענס־באַד, וועגן וויפּראַוועס, פּרויען־קראַנקהייטן, טשעכישע סערוויסן. מען זיצט. מען דאַרף קיינמאָל נישט גיין מיט קיין מענטשלעך געברויך. פּלוצים שטעלט מען זיך אויף פּונקט אַזוי שטייף ווי מען האָט זיך אַוועקגעזעצט. מען געזעגנט זיך, מען לאָזט אַראָפּ די וואָאַלקע און מען גייט אַוועק.

דאַמאָלט, ווען דער גאַסט איז שוין אַוועקגעגאַנגען, קאָנטראָלירט

מען נאָך, צי דער גאַסט איז נישט געזעסן צו קורץ. קומט מען צום באַשלוס, אַז דער גאַסט איז נישט געזעסן גענוג לאַנג, פֿילט מען זיך באַליידיקט און מען הויבט זיך אָן צו באַטראַכטן דורך וועמען צו געבן אָנצוזוגעהערן, אַז אויף להבא איז מען אַזעלכע וויזיטן מוחל. איז מען געקומען צום אויספֿיר, אַז דער גאַסט איז אָפּגעזעסן זיין צייט, באַשליסט מען תיכף וועלכן טאָג געבן צו וויסן דעם גאַסט, ווען מען וועט קומען אים צוריק אָפּגעבן אַ וויזיט. מען באַשליסט באַלד ווער ס׳וועט אַלץ גיין און וואָס מען וועט אָנטון.

מיט אַזאַ גאַסט פֿלעגט אָפֿט מיטקומען אירס אַן אָרעמע קרובה. זי פֿלעגט גיין אָנגעטון אין גאַסט׳ס אַן אָפּגעטראָגענעם קאָסטיום, אין אירס אַן אַלטן הוט, נאָר מיט איין שטרויס־פֿעדער. פֿון די מעטינקעס האָבן זיך אַרויסגעזען האַלבע פֿינגער, די וואַלקע אויפֿן הוט איז געווען אין די זייטן געצערעוועט און אין דעם זיידענעם זעקעלע זענען געלעגן גרעבלעכע נאָז־טיכלעך, שוין אַביסל פֿאַרגעלטע פֿון אַלטקייט און גענוצטקייט.

אַזאַ מיטגאַסט, איידער זי האָט זיך אַוועקגעזעצט צום טיש, איז זי אַריינגעגאַנגען אין אַ צווייט צימער, אויפֿגעלאָזט אַביסל דעם גאָרסעט און זיך געמאַכט באַקוועם, אויפֿגעהויבן די וואַלקע ביז איבער דער נאָז, זיך אַוועקגעזעצט געררוים, אויסגעטרונקען דאָס גאַנצע גלאָז טיי, וואָס מען האָט איר דערלאַנגט, אויפֿגעגעסן אַלע קיכלעך, וועלכע מען האָט פֿאַר איר אַוועקגעשטעלט, אויסגענאַגט אַ פּאָמעראַנץ, זיך איינגאַנצן נישט אַריינגעמישט אינעם רעדן, נאָר נישט אויפֿגעהערט קיין מינוט צו קייען און זייער נישט גערן אַוועקגעגאַנגען ווען דער גאַסט האָט עס געטון.

דער גאַסט האָט זיך מכלומרשט געפֿילט פֿאַרזשענירט מיט דער האַלטונג פֿון איר מיטגאַסט, כאָטש אַלע האָבן קלאָר געוווּסט, אַז נאָר צו דעם צוועק, זי זאָל ברייט געניסן פֿונעם כּיבוד האָט מען זי מיטגענומען. די גאַסט־געבער האָבן זייער גערן באַדינט דעם מיטגאַסט, אים דערמוטיקט, אַלעמאָל עפּעס פּרישס אונטערגערוקט, געפֿרעגט העפֿלעך אפֿשר וויל זי נאָך, כאָטש ביי זיך האָבן זיי זיך געטראַכט, אַז ס׳איז אַ חזירײַ פֿון אַזאַ פּענטאַטשקע זיך דווקא אויסצוקלייבן די בעסטע טשאָקאָלאַדקעס און זיך

לייגן בנעימות׳דיק אין מויל אַריין און עסן פּאַמעראַנצן, ווי זיי וואָלטן געווען קאַרטאָפל.

*

די שבת׳דיקע און יום־טוב׳דיקע געסט זענען אַממיינסטן געווען ווייטע קרובים און באַקאַנטע, וואָס האָבן געשטאַמט פון דעם זעלבן שטעטל ווי דער, צו וועמען מען איז געקומען צו גאַסט. דאָס איז געווען אַ גאַנץ אַנדערע קאַטעגאָריע געסט. זיי זענען געקומען סטאַדעוויז, מאַן און ווייב מיט אַלע קינדער, פון קליין ביז גרויס. אין די פאַלן זענען די שמועסן געווען אַנדערע, דער כיבוד אַן אַנדערער און דער גאַנצער אופן פון פאַר־האַלטן זיך פון זיי און צו זיי, איז געווען גאָר אַן אַנדערער. מיין טאַטע האָט אַזעלכע געסט נישט גערן געהאַט. ווי נאָר זיי פלעגן קומען, פלעגט ער זיך אונטער פאַרשידענע תרוצים אַרויסדרייען און פאַרשווונדן ווערן פון שטוב, אָדער זיך פאַרמאַכן אין לעצטער שטוב מיט אַ ספר און זיך אינגאַנצן נישט ווייזן.

עפּעס אַנדערש זענען געווען די געסט, די פרויען פון באַקאַנטע, וואָס פלעגן קומען זעלטן און נאָר אויף ספּעציעלע איינלאַדונגען, אַזעלכע געסט מיט וועלכע מען האָט אָנגעהאַלטן אָפיציעלע באַציאונגען. זיי פלעגן קומען אין די נאָכמיטאָג־שעהען, אין די וואָכעדיקע טעג. מיין טאַטע האָט שטענ־דיק געוואָלט, אַז דער גאַסט זאָל קומען אין אַ זונטיק, ווען דאָס געשעפט איז געשלאָסן און ער האָט זיך געפונען אין שטוב. אויב דאָס איז אָבער נישט מעגלעך געווען און דער גאַסט איז געקומען אין אַ וואָכעדיקן טאָג, וועוונדט זיך צו וואָס פאַר אַ קלאַס ער האָט געהערט: איז דאָס געווען אַ פרוי פון אַ רייכן באַקאַנטן, האָט דער טאַטע איבערגעלאָזט אַלע געשעפטן און געקומען צו גיין אַהיים. ער האָט זיך באַגריסט מיטן גאַסט, טיילמאָל זיך אַוועקגעזעצט און טיילמאָל דאָס געטון שטייענדיק. ער האָט זיך געפרעגט אויפן גאַסטס געזונט, געבעטן עפּעס געניסן פון כיבוד, זיך אַנטשולדיקט, אַז די געשעפטן לאָזן אים זיך נישט לענגער פאַרהאַלטן, זיך געזעגנט מיט אַ שאָקל מיטן קאָפּ און אַוועקגעגאַנגען.

אויב דער גאַסט איז געווען נישט פון קיין נגידים און נישט פון עפּעס אַ יחוס, פלעגט דער טאַטע נישט קומען. ער האָט נאָר געהייסן

איבערגעבן אין זיין נאָמען גרוסן און געבעטן אַנטשולדיקונג פֿאַרוואָס ער קאָן נישט קומען.

געווען געסט, וועלכע מען האָט אויפגענומען אין סאַלאָן און געווען אַזעלכע, וואָס מען האָט אויפגענומען אין עס־צימער. געווען אַזעלכע, וועלכע די שטוב־מענטשן האָבן באַדינט און אַזעלכע, וואָס איז גענוג געווען, אַז די דינסט האָט זיי באַדינט. געווען אפילו אַזעלכע געסט, וואָס מען האָט אינגאַנצן נישט געבעטן צום טיש. ווען אונדזער שכנ׳ס, דעם קאַפּעליושמאַכערס עלטסטער זון, לייבל, איז געקומען פֿון די זעלנער אויף אָדפּוסק, איז ער אַריינגעקומען צו אונדז מיט אַ וויזיט. ער איז געווען אַ הויכער, אַ מאָגערער, אַ שיינער און איידעלער. אַ מאָדנער וויזיט איז דאָס געווען. מען האָט אים נישט צוגעבעטן צום טיש, נאָר אָנגעוויזן אויף אַ שטול, וואָס איז געשטאַנען ביי דער וואַנט, נעבן פֿענצטער. קיינער האָט זיך מיט אים נישט אָוועקגעזעצט רעדן. מען האָט קיין כּיבוד נישט דער־לאַנגט. די מאַמע האָט זיך מיט אים באַגריסט שטייענדיק און אים גע־פֿרעגט אַ פּאָר ווערטער און אַוועקגעגאַנגען. ווען אימיצער פֿון די שטוב־מענטשן פֿלעגט אַדורכגיין לעבן לייבלען, האָט ער אים גייענדיק צוגעוואָרפֿן אַ פּאָר ווערטער מיט אַ שמייכל פֿול מיט פֿאַרלעגנהייט. בלויז איך האָב אים געשענקט מיין גאַנצע אויפמערקזאַמקייט. נישט אַזויפיל אים אַליין, ווי זיין זעלנעריש היטל אָן אַ דאַשיק און דעם שנאַל פֿון זיין גראָבן לעדערנעם פּאַסיק.

ס׳פֿלעגט טרעפֿן, אַז דער מאַן פֿון אַ גאַסט האָט פֿאַרגעוואָרפֿן דעם מאַן פֿון דער גאַסטגעבערין, אַז מען האָט זיין פֿרוי נישט שיין אויפגענומען, אַז מען האָט איר אַרויסגעוויזן צו ווייניק אינטערעס, אַז מען האָט איר אָפּגעגעבן צו ווייניק כּיבודים. פֿלעגן אַרויסקומען מחלוקת׳ן, מען פֿלעגט ברוגז ווערן. נישט איינמאָל האָבן זיך אַזעלכע ברוגזן געצויגן יאָרן. האָבן זיך אַלעמאָל געפֿונען שלום־מאַכערס, וואָס האָבן זיך געלייגט אין דער לענג און אין דער ברייט צו דערפֿירן צווישן די צעקריגטע משפּחות צו אַ שלום. דער שלום פֿלעגט געשלאָסן ווערן אויף אָפֿיציעלע אויפֿנאַמעס, צי אויף שמחות, אויף אַ תּנאָים, אויף אַ חתונה, אויף אַ ברית. ביי אונדז

איז דער שלום־מאַכער אין אַזעלכע פאַלן געווען ר׳ תנחום, וואָס האָט געפירט די „אויסערן פּאָליטיק״ פון אונדזער הויז.

*

מיינע עלטערע שוועסטערן, ווען זיי זענען שוין געווען דערוואקסענע מיידלעך, האָבן געהאַט דאָס רעכט אויף אייגענער האַנט אויפצונעמען זייערע געסט, מיידלעך פון זייערס־גאָל. זיי האָבן זיי געקאָנט אויפנעמען אין סאַלאָן און אין עס־צימער, אָדער ביי זיך אין צימער. קיינער האָט זיי אין דעם נישט קרעמפּירט און קיינער האָט זיך צו זיי נישט אַריינגעמישט. אויך כיבוד האָבן זיי געקאָנט צוגרייטן אַזעלכן, ווי זיי האָט זיך געוואָלט. דער עיקר פלעגט מען די מיידלעך מכבד זיין מיט באָמבאָניערקעס אין וועלכע ס׳זענען געלעגן דינע, בלעכערנע, קליינע צווענגעלעך אָנצונעמען די טשאָקאָלאַדקעס. די מיידלעך פלעגן קומען מיט ביכלעך אין די הענט. אויב מיין טאַטע איז דאַמאָלט גראָד געווען אין שטוב, פלעגט ער זיך אַנטשולדיקן פאַרן מיידל און זיך איבערפרעגן, צי איז דאָס נישט אַמאָל אַ יידיש בוך. מיין טאַטע האָט שטאַרק נישט געהאַלטן פון קיין יידישע ביכער. דאָס מיידל פלעגט זיך שוין פון בלויזן חשד פילן באַליידיקט און מיין טאַטע פלעגט זי אַזוי שיין איבערבעטן, טיילמאָל לייכט אַ פיר טוענדיק מיט זיין האַנט איבער איר קאָפּ.

ווען מיין עלטסטע שוועסטער איז געוואָרן אַ כלה, האָט זי זיך אויפגעהערט צו חברן מיט מיידלעך און נאָר געבליבן ביי די קאָליעזשאַנקעס (חברטעס), וואָס זענען שוין אויך ווי זי געווען כלות. פלעגט קומען צו מיין שוועסטער אַ גאַסט אַ כלה, האָבן זיי זיך קעגנזייטיק געוויזן די כלה־מתנות, געזיי־זן דעם אויסשטייער, גערעדט יועגן די אויפנאַמעס, וואָס מען האָט פאַר זיי געמאַכט, וועגן דעם חתנ׳ס משפחה, וועגן קליידער, וועגן מאָדעס און וועגן הוטן. וועגן חתן אַליין האָבן זיי ווייניק גערעדט, אפשר האָבן זיי דאָס געטון דעמאָלט, ווען קיינער האָט נישט געהערט.

ווען ס׳פלעגט קומען אַ גאַסט אַ כלה, האָט איר סיי דער טאַטע און סיי די מאַמע אָפּגעגעבן כבוד. זיי פלעגן אַריינקומען זיך מיט איר באַגריסן, פרעגן איר וועגן געזונט, איבערגעשיקט גרוסן פאַר די עלטערן און געווונטשן אַלדאָס גוטס.

דאָס וואָס האָט אַממיינסטן באַשעפּטיקט און געפּיייניקט די דער־וואַקסענע מיידלעך און דער עיקר די כלות, זענען געווען די פּרישטשעס, וואָס זיי האָבן געהאַט אויף די פּנימער. מען איז צוליב דעם געגאַנגען צו דאָקטוירים, צו אינערלעכע און צו ספּעציעלע הויט־דאָקטוירים, מען האָט גענוצט באַבסקע רפואות, אָבער ס׳האָט נישט געהאָלפן. די דאָקטוירים פּלעגן שמייכלען און זאָגן, אַז מיט דער צייט וועט דאָס פאַרשווונדן. דער־ווייל פּלעגן די דערוואַקסענע מיידלעך און די כלות זיין צוליב דעם אויסער זיך.

איינמאָל איז צו מיין שוועסטער געקומען אַ קאַליעזשאַנקע, אַ כלה. דאָס פּנים געסקלאַרוועט, בלוט און מילך, און לויטער ווי די זון, אָן אַ מינדעסטן פּגם, אָן איין פּרישטש. מיין מאַמע איז געווען פול מיט אַנטציקונג. זי האָט נישט געקענט צוימען איר נייגער. זי האָט דורכאויס געוואָלט דערגיין דעם סוד פון איר אויסערגעוויינטלעך ריינער צערע. מיין מאַמע איז אַריינגעקומען אין שטוב ווו די כלה איז געזעסן מיט מיין שוועסטער, פאַרפירט מיט איר אַ שמועס וועגן פאַרשידענע זאַכן און דערנאָך זיך אָנגערופן:

— כלה, וואָס עסן זי אַזעלכעס, אַז זי האָבן אָן עין־הרע אַזאַ שיינע צערע?

די כלה האָט געעפנט ברייט די אויגן, ווי זי וואָלט געווען זייער פאַרוואונדערט פון דער פראַגע און מיט אַ שטילער, נאַיווער שטימע געענטפערט: — איך עס נישט.

— כלה׳שי, — האָט זיך מיין מאַמע אָנגערופן, צונויפפלייגנדיק די הענט פון שטוינונג, — וואָס הייסט זי עסן נישט? וואָס דען טוען זי?

—וואָס איך טו? — האָט די כלה איבערגעחזרט די פראַגע, ווי זי וואָלט נישט פאַרשטאַנען אין וואָס עס גייט; — איך לעז ביכער, איך גיי שפּאַצירן, וואָס הייסט וואָס איך טו?

— און עסן, עסן זי נישט? — איז די מאַמע געווען אויסער זיך, — ווי קאָן מען דאָס לעבן אָן עסן?

אָבער די כלה איז געבליבן ביי ס׳איריקע. איינמאָל געזאָגט און פאַרפאַלן. זי האָט געענטפערט שטיל אָבער באַשלאָסן, יעדער ווייטערדי־

קע דיסקוסיע איז געווען איבריק. — איך עס נישט, האָט די כלה געזאָגט, — איך לעז ביכער, איך גיי שפּאַצירן, נאָר עסן, עס איך נישט.

און דערביי איז עס געבליבן. די כלה האָט אפּנים געהאַלטן, אַז ס׳איז נישט איידל צו עסן. זי איז אויך געבליבן ביים צונאָמען וועלכן מיר האָבן איר דאָ אויפן אָרט געגעבן. זי האָט פון דאַמאָלט אָן געהייסן: „די כלה וואָס עסט נישט״. אַ סך שפּעטער, ווען זי האָט שוין געהאַט דערוואַקסענע קינדער האָט מען זי נאָך אַלץ גערופן מיטן זעלבן צונאָמען.

דוד

די געשעפטן פון אונדזער שכן בראודע זענען געגאַנגען וואָס אַמאָל בעסער. זייער פאַרנעם און פאַרמעגן האָט זיך כסדר פאַרגרעסערט. דאָס האָט פאַרלאַנגט וואָס אַמאָל מער הענט און אויגן. אָבער בראודע׳ן איז נישט געווען אַזוי גרינג אַריינצונעמען אין געשעפט אַ פרישן מענטש, צוליב דער סודותדיקייט אין וועלכער טייל פון זיינע מסחרים זענען געווען איינגעהילט. עס איז געקומען דערצו, אַז די פרוי בראודע, וועלכע האָט זיך ביז איצט נאָר באַשעפטיקט מיטן באַלעבאַטישקייט, האָט זיך געמוזט אויך אָנהויבן צו פאַרנעמען מיטן געשעפט. זי פלעגט אויף דער צייט, ווען זי איז אַוועקגעגאַנגען פון שטוב, איבערגעבן די ווירטשאַפט איר מאַנס קרובה, וועלכע איז ביי זיי שוין אַ לענגערע צייט געווען. מען האָט אויך צוגענומען נאָך אַ דינסט.

אָבער דאָס אַלץ האָט ווייניק געהאָלפן. די שטוב איז געווען און געבליבן אַ צעפאָרענע. וואָס מער דינסטן מען האָט צוגענומען, וואָס מער באַלעבאָסטעס עס זענען צוגעקומען, אַלץ מער האָט זיך דער כאַאָס פאַר־גרעסערט. די שטוב איז געווען פול מיט כל גוטס. מען האָט געגעסן און געטרונקען וויפיל און ווער עס האָט געוואָלט. אָבער טון עפּעס האָט זיך קיינער נישט געיאָגט. איין דינסט האָט געוואַרט אויף דער צווייטער. איינע

האָט זיך געוואָלט „ווירענטשען" מיט דער אַנדערער. קיין שום זאַך האָט נישט געהאַט איר באַשטימט אָרט און נישט איר צייט. מען איז געקומען און אַוועקגעגאַנגען ווען מען האָט געוואָלט. מען האָט געגעסן ווען מען האָט געוואָלט און דאַמאָלט ווען אימיצן איז גראָד איינגעפאַלן זיך הייסן דערלאַנגען צום טיש.

אין אַזאַ צייט איז אין שטוב צוגעקומען דוד, בראודע׳ס קרוב. ביי זיינע עלטערן אין דער אָרעמער היים, אין דעם קליינעם שטעטל, האָט ער זיך געהאַט אָנגעהערט פאַרשידענע געשיכטעס וועגן דעם וואַרשעווער קרוב, וועמענס פאַרמעגן מען האָט ביי זיי געשאַצט אין פאַנטאַסטישע ציפערן. ביי דודן איז רייכטום געווען פאַרבונדן מיט גרויס האַלטן זיך, מיט בלאָזן פון זיך, קוקן פון אויבן אַראָפּ אויף דעם אָרעמערן. דוד האָט אַביסל מורא געהאַט פאַר דעם פאָרן קיין וואַרשע צו דעם רייכן קרוב. ער האָט גאָרנישט געהאַט אויסגעלערנט, ער האָט אָבער שוין ביי זיינע זיבעצן־אַכצן יאָר אַ שפּאָר ביסל געוווסט פון לעבן. ער האָט אויך געהאַט אַ רויקייט פון אַ פּרימיטיוון מענטש און די פרישקייט פון אינסטינקטן וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר פּראָווינצער. זיינע יונגע אויגן האָבן נאָך אַזוי וויייניק געזען, זיי האָבן נאָך געהאַט דעם גאַנצן יונגן הונגער אין זייער בליק.

דוד איז געוואָרן אויסערגעוויינטלעך פאַרוווּנדערט פון דער לייכט־קייט, מיט וועלכער ער האָט זיך אַזוי גיך אַריינגעפּאַסט אין בראודע׳ס הויז. דער כאַאָס און די צעפאָרנקייט פון דער שטוב האָבן אים אין דעם שטאַרק צוגעהאָלפן.

דאָס, וואָס אין דער שטוב איז נישט געווען די מינדעסטע דיסציפּלין, האָט זי געמאַכט געראַם, לויז. עס האָט זיך אויסגעדאַכטן, עס האָט זיך געשאַפן דאָס געפיל, אַז אין דער געראַמקייט איז נאָך פאַראַן אָן אַ שיעור אָרט, נאָך פאַר גאָר אַ סך.

דוד איז אויך געוואָרן פאַרבליפט פון דער פּשוטקייט פון די בראו־דע׳ס. זיי האָבן נישט נאָר נישט געקוקט אויף אים פון אויבן אַראָפּ, פאַרקערט, זיי האָבן זיך פאַרהאַלטן לגבי דוד׳ן, ווי זיי וואָלטן אים עפּעס שולדיק געווען. זיי האָבן זיך אויסערגעוויינטלעך מיט אים פאַראינטערע־

סירט, געוואָלט וויסן, וואָס זענען זיינע פּלענער און וואָס וואָלט ער געוואָלט ווערן און טון. עס האָט זיך באַלד פון דער ערשטער רגע פון זיין קומען פאַרווישט יעדע דיסטאַנס צווישן זיי. זיי האָבן גערעדט צו אים אָן אַן ערך איידעלער, ווי צו זייערע אייגענע קינדער.

דודן האָט דאָס אַלץ אויסגעקוקט זייער מאָדנע. ער האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס דאַרף דאָס בראודע אַזוי פיל זאָרגן וועגן אים. וואָס אינטערעסירן אים אַזוי דוד׳ס אייגענע פּלענער. פאַר אים איז געווען קלאָר, אַז דער רייכער קרוב דאַרף אים קודם כל און פון דער ערשטער מינוט אַריינגעמען צו זיך אין געשעפט.

אָבער בראודע האָט דוד׳ן צו זיך אין געשעפט נישט געהאַט בדעה אַריינצונעמען. ער איז דערצו געווען צו קלוג און זיינע געשעפטן צו געהיימניספול ער זאָל צו זיי צולאָזן אַ פרישן מענטש און דערצו נאָך אַ קרוב, וועלכער איז ביי אים אין שטוב. ער האָט זיך גיכער געוואָלט אָנטרויען פרעמדע, ווי אייגענע. ביי אַ פרעמדן, האָט ער געוווסט, קאָן עס אים, ווען יענער וועט עפּעס געוואָר ווערן, קאָסטן כך וכך. אָבער שטענדיק מיט אַ מאָס, מיט אַ גרענעץ. דערקעגן פון אַן אייגענעם וועט ער זיך קיינמאָל נישט אויסקויפן. וויפיל ער זאָל אים נישט געבן וועט יענער אַלץ וועלן מער, עס וועט גאָרנישט זיין קיין סוף און קיין גרענעץ, ער וועט פון אַן אייגענעם קיינמאָל נישט פּטור ווערן און קיינמאָל פאַר אים נישט יוצא זיין.

אַ חוץ דעם האָט בראודע דערפילט אין דוד׳ן דעם טיפּ פון אַ פּראָווינצער בחור, וואָס קומט אין דער גרויסער שטאָט אַריין באַוואָפנט מיט אַ שפּאָר ביסל ביטערקייט. אים האָט אויך געאַרט, ער האָט שווער פאַרטראָגן, אפשר צוליב קנאה, דודס פרישן, יוגנטלעכן, געזונטן אַפּעטיט אַלץ אַריינצושלינגען, אַלץ וועלן זען און וויסן. ער האָט טאַקע גאָר בקרוב געהאַט די געלעגנהייט זיך איבערצוצייגן, אַז זיין פאַרדאַכט וועגן דודס ביטערקייט איז נישט געווען סתם אַזוי, גלאַט אין דער וועלט אַריין.

דערווייל האָט בראודע אָפּגעגעבן דוד׳ן אין אַ לעדער־געשעפט, אויף דער פראַנצישקאַנער גאַס, צו זיינס אַ באַקאַנטן. דוד האָט זיך אָבער דאָרט לאַנג נישט געהאַלטן. מען האָט אים פאַרגעוואָרפן פוילקייט און נישט

געוויסנהאפטיקייט. אויב מען האָט אים ערגעץ געשיקט, אויף דער פּאָסט, צי אין אַ באַנק, פלעגט ער פאַרפאַלן ווערן אויף גאַנצע שעהן. אַמאָל האָט דוד׳ס באַלעבאָס נאָכגעשיקט ספּעציעל אַ מענטש, זען ווו ער ווערט דאָס אַזוי פאַרפאַלן. יענער האָט דערציילט, אַז ער האָט געזען דודן גיין איבער די גאַסן מיט די הענט אין די קעשענעס אַזוי פּאַמעלעך און געמיטלעך ווי ער וואָלט געגאַנגען אויף אַ שפּאַציר, דערביי האָט ער נישט דורכגעלאָזט קיין איין שוי־פענצטער און קיין איין שיין מיידל ער זאָל איר נישט גוט און לאַנג נאָכקוקן. בראודע האָט זיך געסטאַרעט מיט אַלע כוחות, אַז דוד זאָל דאָך בלייבן אין דעם געשעפט. אָבער דאָס האָט נישט געהאָלפן. דערנאָך איז דוד אָנגעקומען אין אַ מאַנופאַקטור־געשעפט אויף גענשע. דער דאָזיקער פּאָסטן האָט בראודען געקאָסט אַ סך מי און שתדלנות. אָבער ווידער אומזיסט. נאָכן אָפּזיין עטלעכע וואָכן האָט מען דודן אויך פון דאַנען אָפּגעזאָגט. די סיבות? שטענדיק כמעט די זעלבע. פויל, הערט זיך נישט צו און דער עיקר: זיין פאַרפאַלן ווערן אויף שעהען לאַנג, גראָד דאַמאָלט ווען מען דאַרף אים אַממיינסטן. אין לערך אַ קורצער צייט איז דוד אַדורכגעגאַנגען דורך אַ גאַנצער רייע געשעפטן — און אינערגעץ נישט פאַרבליבן. בראודע האָט געענוי געזען די אמתע כוונה פון דודן. אַז דאָס אַלץ האָט ער געטון צו להכעיס, מיטן געדאַנק, אַז סוף־כל־סוף וועט ער נישט האָבן קיין עצה און אים אַריינגעמען צו זיך. בראודע האָט פאָרגעשלאָגן דודן אַז ער וועט אים צונעמען אַ לערער, וועלכער זאָל אים צוגרייטן צו אַן עקזאַמען אין דער האַנטווערקער־שול ביי דער יידישער גמינע אין וואַרשע. דערויף האָט דוד נישט געגעבן קיין קלאָרן ענטפער, נאָר אין עטלעכע טעג אַרום האָט בראודע באַקומען אַ בריוו פון דוד׳ס פאָטער פול מיט טענות און פאַרוואורפן. אין דעם בריוו האָט דוד׳ס פאָטער געשריבן, אַז דערויף דאַרף מען טאַקע האָבן רייכע קרובים אין אַ גרויסער שטאָט זיי זאָלן זיך מיט אַן אָרעמען קרוב אַזוי באַגיין. אָנשטאָט צו זען, אַז דאָס קינד פון אָרעמען קרוב זאָל אויסוואַקסן אויף אַ מענטש און זיין מיט לייטן גלייך, וויל מען עס מאַכן פאַר אַ בעל־מלאכה. „פאַר אַ בעל־מלאכה האָב איך דוד׳ן געקאָנט מאַכן ביי זיך אין דער היים און נישט באַדאַרפט אים שיקן ער זאָל זיך אַרומוואַלגערן ביי קרובים, וואָס

זענען נישט בעסער פאַר פרעמדע״, האָט ער פאַרענדיקט דעם בריוו. בראודע האָט אויך די ביטערע פיל אַראָפּגעשלונגען. ער האָט דוד׳ן נישט נאָר נישט געמאַכט קיין פאָרוואורף, ער האָט אים אפילו מיט קיין איין וואָרט וועגן דעם נישט דערמאָנט. ער האָט אָבער מיט איין מאָל אינגאַנצן אויפ־געהערט צו רעדן מיט דוד׳ן וועגן אַ תכלית, ער האָט זיך מיט אים מער לגמרי נישט אינטערעסירט.

*

וואָס מער בראודע האָט זיך דערוויטערט פון דוד׳ן אַלץ מער האָבן זיך זיינע זין צו אים דערנענטערט. ווען דוד איז געקומען צו זיי קיין וואַרשע, האָט זיך די דערוואַקסענע חברה געפונען אין דער עלטער, ווען דער הויף מיט זיינע אינטערעסן איז שוין פאַר זיי געוועזן צו ענג. די הויף־שפּילן און די „שטיקלעך״, וואָס זיי האָבן דאָרט אָפּגעטון, האָט שוין נישט באַפרידיקט זייער פאַנטאַזיע, וועלכע האָט שוין איצט פאַר זיי געמאָלן גאָר עפּעס אַנדערש. בראודע׳ס יונגען האָבן איצט באַדאַרפן האָבן אַ קלוגע האַנט און פאָרויסזעענדיקן שכל, וואָס זאָל זייער ענערגיע און לעבנס־חשק, זייער פאַנטאַזיע און מחשבות ווענדן אין דער ריכטונג פון זיך איינפאַסן אין לעבן און געפינען פאַר זיך דאָרט אַ געהעריק אָרט. זייער פאָטער איז דערצו בכלל נישט געווען מסוגל. אַ חוץ אַלעם איז ער לעצטנס געווען אַזוי פאַרשלונגען דורך די געשעפטן, וואָס זענען געוואַקסן און אים איבער־געוואַקסן, אַז ער האָט וועגן די קינדער נישט געהאַט קיין רגע צייט צו טראַכטן. פון דער שולע האָט מען זיי שוין אַלע געהאַט באַזייטיקט פאַר שלעכטער אויפפירונג און פאַר נישט אַרויסווייזן דעם מינדעסטן אינטערעס צו דער לערע. זייער רבי, ר׳ חיים איז געווען אַ ייד אַ בטלן, זיי האָבן פון אים אָפּגעחוזקט און ער האָט נישט געהאַט קיין שום השפּעה אויף זיי.

גראָד דאַמאָלט איז געקומען דוד. מיט זיין אויסגערוט, פריש אויג, מיטן אינסטינקט פון אַ פּרימיטיוון מענטש האָט ער זיך שנעל אָריענטירט אין דער סיטואַציע. ער האָט זיך גיך איינגעבירגערט אין דער שטוב. ער האָט געזען מען זאָל פאַר אים און פאַר זיינע טאָג־טעגלעכע געברויכן זאָרגן, געמאַכט אַז אין דער שטוב זאָל זיך פילן זיין אָנוועזנהייט. ווען ער האָט אויפגעכאַפּט, כאָטש נישט באַלד, בראודע׳ס כוונות, האָט ער זיך מיט

דער גאַנצער ענערגיע געוואָרפן צו די יונגען, זיי גיך באַהערשט. דוד האָט געזען, אַז ער וועט זיי קאָנען אויסנוצן פאַר זיך. און מיטן גאַנצן בלינדן יוגנטלעכן אימפּעט און מיט דער גאַנצער בייזקייט פון דער ערשטער, שווערער אַנטוישונג האָט ער זיי אומברחמנותדיק ארויסגעפירט פון דעם קינדישן הויף און מיט זיי אַריין אין דער אַכזריותדיקער, פול מיט געהיימע געפאַרן און שטרויכלונגען, גאַס.

ווי נאָר זיי האָבן דערפילט דעם סמ׳נדיקן טעם פון דער גאַס, האָבן זיי זיך ווי דערשראָקן. פון שטיפערס און טומלערס, פון אַ פריילעכער חברה פול מיט זאָרגלאָזער צעשפּילטקייט און געוואַלטיקער אויפטועריש־קייט, זענען זיי געוואָרן ווי פאַרזאָרגט, שטיל און סודותדיק. דוד, וועלכער איז בסך־הכל עלטער געווען פון בראודעס עלטסטן זון מיט צוויי יאָר, האָט זיך נישט פאַרלוירן. ער האָט געוווסט ווי אויסצונוצן זייער דער־שלאָגנקייט פאַר זיינע צילן. ער האָט זיי געמאַכט אינגאַנצן פון זיך אָפּהענ־גיק און זיי האָבן אויסגעפירט אַלע זיינע באַפעלן.

*

דוד האָט געוואָרפן אַן אויג אויף מאַניען, בראודע׳ס עלטסטע טאָכ־טער. מאַניע איז פאַר דער לעצטער צייט אויך עפּעס אַנדערש געוואָרן. זי האָט שוין איצט נישט אַזוי אַרומגערעשט ווי פריער. זי איז שוין נישט אַזוי אַרומגעלאָפן מיט אירע משונה׳דיקע סענסאַציעס צו מיינע שוועסטערן, צו די שכנים און צו די דינסטן. זי איז געוואָרן פאַמעלעכער און פאַר־טראַכט. אַנשטאָט אַרומצופילדערן אַ גאַנצן טאָג איז זי איצט געווען צוריקגעהאַלטן, נאָר בלויז פון צייט צו צייט פלעגט זי אויסברעכן מיט רייד און טענות, וואָס האָבן זיך כמעט אַלעמאָל פאַרענדיקט מיט אַ געוויין. זי פלעגט איצט אָפטער ווי אַלעמאָל פאַרבלייבן אינדערפרי לאַנג ליגן אין בעט. מיט געקלאָג און געשריי, ממש מיט טעראָר, האָט זי גענויט די דינסטן זיי זאָלן איר דערלאַנגען דאָס פרישטיק אין בעט אַריין, כאָטש די עלטערן האָבן דאָס געהאַט שטרענג פאַרווערט. די לעקציעס פון פויליש ביי דער פרענקלוונע האָט זי אינגאַנצן פאַרנאַכלעסיקט. אויב זי פלעגט אַמאָל יאָ אַריינפאַלן אויף אַ לעקציע, איז זי אַלעמאָל געקומען אַ נישט צוגעגרייטע. די שטרענגע פרענקלוונע האָט שוין אַפילו דערויף נישט

רעאַגירט. זי האָט אַ מאַך געטון אויף מאַניען מיט דער האַנט. אָנשטאָט צוגרייטן די לעקציעס איז מאַניע געלעגן אין בעט און געלייענט סענסאַציאָנעלע ראָמאַנען וואָס די קרובה זייערע, די „טשאַטשע בראָניע" האָט איר אין געהיים צוגעשטעלט.

מאַניע איז געוואָרן פול, פאַרקיילעכדיקט, פרויענהאַפט. איר האָט זיך אויסגעדאכטן, אַז איר גאַנץ לייב, אַלע אברים זענען אָנגעגאָסן געוואָרן מיט עפּעס אַזאַ מין שווערקייט, וואָס מאַטערט זי און מאַכט זי קראַנק. ביי דעם רוב מיידלעך אין איר עלטער רופט די דאָזיקע שווערקייט אַרויס אַ ווילן זי איבערצווינדן. זיי ווילן אומעטום זיין, גיין פאַרברענגען, טאַנצן, זיך ווילן. מאַניען האָט די שווערקייט אינגאַנצן דערדריקט. זי האָט געוואָלט נאָר ליגן. קוים איז געלונגען זי צו נויטן זיך אויפצוהויבן פון בעט און זיך אָנטון, איז זי באַלד ווידער געלעגן אויף דער קאָזעטקע און געלייענט. די „טשאַטשע בראָניע" האָט געמוזט מיט געוואַלט איר פונאַנדערפלעכטן די לאַנגע צעפּ און וואַשן דעם געדיכטן קאָפּ האָר. פון אַליין זיך וואַשן האָט זי אפילו נישט געוואָלט הערן.

דוד האָט די ערשטע צייט פון זיין אָנקומען צו די בראודע׳ס זיך געהאַלטן פון מאַניען פון דערווייטנס. ער האָט גאָרנישט געטון זיך מיט איר צו באַקענען. ער האָט זי כמעט ווי אויסגעמיטן, כאָטש זי איז אים זייער געפעלן געוואָרן. אירע האָר, די שיינע אויסגעצערטלטע הענט, אירע זיידענע קליידער, וועלכע זי האָט געטראָגן אפילו אין דער היים, דאָס אַלץ האָט געמאַכט אויף אים אַ גרויסן רושם. אָבער דוד איז געגאַנגען טריט ביי טריט. קודם האָט ער „איינגענומען" די שטוב. ווען ער האָט זיך שוין געהאַט אין איר אויף גוט באַזעצט, האָט ער געוואָלט אַריין צו בראודען אין געשעפט. ווען דאָס איז אים נישט געלונגען, האָט ער באַהערשט די יונגען. ווען ער האָט זיי שוין אינגאַנצן געהאַט אויף זיין זייט, האָט ער זיין גאַנצע אויפמערקזאַמקייט, אַלע זיינע חושים געווענדט צו מאַניען.

דאָס אַלץ האָט ער נישט געטון פון בלויזער אויסגערעכנטקייט. ער האָט דאָס גיכער אַזוי געטון פון פרימיטיוויטעט. מער ווי איין טריט האָט ער נישט געקאָנט מאַכן, מער ווי איין זאַך אויף איין שטאַפּל, האָט ער נישט געקאָנט גרייכן, — ער האָט אָבער געהאַט דעם געזונטן חוש פאַר־

אָרדנונג, פאַר גראַדאַציע, ער האָט געפילט וואָס פריער און וואָס שפּעטער, וואָס דאַרף זיין אויפן ערשטן אָרט און וואָס אויפן צווייטן.

מאַניע, וועלכע איז געוווינט געווען שטענדיק צו זיין צווישן אירע ברידער, מיט דער גאַנצער באַנדע יונגען, האָט אין אָנהייב ווי נישט באַמערקט דוד׳ן, ער איז געווען פאַר איר נאָך איינער פון איר חברה ברידער. אָבער ווען ער האָט אָנגעהויבן זוכן איר געזעלשאַפט, ווען ער האָט אָנגעהויבן וואָס אַמאָל מער צו קרייזן אַרום איר, האָט זי אויפגעכאַפּט דעם באַזונדערן און גאָר אַנדערן אויסדרוק פון זיין בליק. זי האָט באַמערקט עפּעס אַזוי־ווי אַ פלאַם אין זיינע אויגן ווען ער האָט געקוקט אויף איר. עפּעס האָט זיך פאַר איר אַנטפּלעקט דאָס ערשטע מאָל אין איר לעבן און זי האָט אינגאַנצן אויפגעפלאַטערט.

בראָודע׳ס יונגען, וועלכע האָבן זיך איצט געפונען אונטער דוד׳ס השפּעה, האָבן אַלץ געטון בכדי אים צו דערמעגלעכן וואָס אָפטער זיך צו באַגעגענען און שמועסן מיט מאַניען. זיי פלעגן אונטער פאַרשידענע תירוצים זי אַריינרופן צו זיך אין שטוב אַריין און זיך איינציקווייז אַרויס־שאַרן איבערלאָזנדיק זי אויג אויף אויג מיט דודן. זיי האָבן אַנטוויקלט אַ גאַנצע סטראַטעגיע מיט דעם ציל זיי ביידע אָפטער צונויפצופירן. איצט ווען דוד איז אינגאַנצן געבליבן אָן אַ באַשעפטיקונג, פלעגט ער שעהען לאַנג שמועסן מיט מאַניען. די „טשאָטשע בראָניע״ איז געווען אַבסאָלוט מאַכטלאָז. זי אַליין, האָט דערצו גאָרנישט געקאָנט העלפן, און באַשלאָסן וועגן דעם אַלעם דערציילן די בראָודעס.

די „טשאָטשע בראָניע״

די טשאָטשע (מומע) בראָניע איז געווען בראָודע׳ס אַ קרובה, אַ נאָענטע קרובה, אָבער זיין שוועסטער איז זי נישט געווען. דאָס ווייס איך אויף זיכער. די יונגען האָבן זי גערופן „טשאָטשע״ סתם אַזוי, בכדי איר צו דאָקוטשען. אין דעם וואָרט, אין דער באַצייכענונג איז געלעגן עפּעס

בייזווייליקעס. אונטער דעם וואָרט „טשאַטשע” האָט מען געזען אַן עלטע־רע פּרוי, אַ ביזע, וואָס מישט זיך אומעטום און איז פון גאָרנישט צופרידן. אין אָנהויב האָט עס בראָניען פאַרדראָסן וואָס די יונגען רופן זי אַזוי. אָבער מיט דער צייט, דער עיקר זייט זי האָט איבערגענומען די באַלע־באַטישקייט פון דער שטוב, האָט זי זיך דערצו צוגעוווינט און אפילו זיך אַליין אָנגעהויבן אַזוי רופן. זי פלעגט למשל זאָגן צו די יונגערע קינדער: „אויב די טשאַטשע בראָניע זאָגט אַזוי, דאַרף זיין אַזוי. די טשאַטשע בראָניע מוז מען פאָלגן”.

ווען זי איז געקומען צו די בראָודע׳ס איז זי נאָך געווען אַ יונג מיידל. אַ טונקעלע, כמעט אַ ברונעקטע, זייער אַ בחנטע, אַ באַוועגלעכע, פון עפּעס מער ווי מיטעלען וווקס. דער הו־האַ פון בראָודע׳ס שטוב, דאָס גרויסע ראָד, וואָס האָט זיך דאָרט געדרייט, האָט איר שנעל מיט זיך פאַרכאַפּט און מיטגעצויגן מיט זיך. הונדערטער קליינע אינטערעסן האָבן פאַרנומען איר געדאנק און צייט. אַליין פון אַ בכבודיקער אָבער זייער אַ געקוועלטער שטוב, איז זי פאַרבלענדט געוואָרן פון דער לייכטקייט מיט וועלכער אַלץ איז ביי די בראָודע׳ס אָנגעקומען. אַממיינסטן האָט איר אימפּאָנירט דאָס וואָס די קרובים האָבן איר באַלד אַלץ אָנגעטרויט. ווען זי האָט נאָך באַקומען דאָס רעכט אויף אייגענער האַנט צו דיספּאָנירן מיט געלט איז זי פון דעם שוין גאָר פאַרשיכורט געוואָרן.

עס זענען דורך דער צייט געקומען צו די בראָודע׳ס שדכנים מיט גוטע שידוכים פאַר איר. אָבער נישט זי אַליין און נישט די בראָודע׳ס האָבן נישט געהאַט קיין צייט דערצו. זיי פלעגן אָפּשטופּן פון זיך טעג און וואָכן מיט אַזאַ לייכטקייט און זאָרגלאָזיקייט ווי נאָר געזונטע, יונגע מענטשן טוען דאָס. דערווייל זענען ווי אומבאַמערקטערהייט אַדורך שיינע עטלעכע יאָר. „פּלוצים” איז די טשאַטשע בראָניע געוואָרן אַן עלטער מיידל.

פון גוט און אַ סך עסן איז זי געוואָרן אַביסל צו דיק. די בייזוויליקע צונגער פון הויף האָבן אָנגעהויבן רעדן צווישן זיך, אַז „זי מעג שוין הערן שפּילן, ווייל זי איז שוין נאָך די שלושים”. דאָס איז אָבער געווען נישט ריכטיק. זי איז נאָך דאַמאָלט מסתמא קיין דרייסיק יאָר נישט אַלט געווען.

זי איז אַריין אין די יאָרן, ווען די שדכנים האָבן איר אויפגעהערט שדכנען בחורים. נאָר אָנשלאָגן איר אַן אַלמן אָדער אַ גרוש האָבן זיי נאָך נישט געוואַגט. די שדכנים האָבן אויף אַ צייט אויפגעהערט צו קומען צו די בראָודעס מיט שידוכים פאַר איר. זיי האָבן זי איבערגעלאָזט מיט זיך אַליין. זיי האָבן געוואָלט אַז זי זאָל זיך אַליין דערטראַכטן צו דעם, וואָס זיי האָבן שוין פון פאָראויס געוווסט, אַז קיין בחור, אַזעלכן ווי זי וויל, וועט זי נישט באַקומען. זי מוז שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז זי וועט מוזן אַביסל אַראָפּלאָזן פון טאָן, אַביסל אַוועקקוקן, נעמען אַזוינעם וועלכן די שדכנים האָבן מיט אַ צייט צוריק נישט געהאַט קיין דרייסטקייט איר אָנצושלאָגן.

*

די ערשטע צייט, באַלד נאָכדעם ווי דוד איז געקומען צו די בראָודע׳ס, האָבן זיך אין בראָניען דערוועקט שטילע האָפנונגען בנוגע אים. כאָטש ער איז געווען אַזויפיל יונגער פאַר איר, האָט זי דאָך וועגן אים געטרוימט. דאָס וואָס זי איז געווען ביי די בראָודע׳ס די גאַנצע באַלעבאָסטע אין שטוב, דאָס וואָס זי פלעגט איבערנעמען די שליסלען פון אַלע שענק און שופלאָדן בעת בראָודע׳ס פרוי איז אַוועקגעגאַנגען אָדער אַוועקגעפאָרן אויף אַ צייט, אויך דאָס וואָס בראָודע האָט געהאַט פאַר איר באַשטימט אַ בכבודיקן נדן, דאָס אַלץ האָט איר געגעבן די אויבערהאַנט איבער דודן און געווען אַ באַרעכטיקונג פאַר איר טראַכטן וועגן אים. דוד איז נאָרוואָס געהאַט געקומען פון אַ קליין פּראָווינץ־שטעטל און געווען אָרעם. סתם קיין אָרעמען בחור וואָלט בראָניע נישט גענומען. ווען זי זאָל דאָס וועלן, וואָלט איר קיין שידוכים נישט געפעלט. עס וואָלטן זיך געפונען אַ סך נישט פאַרמעגלעכע בחורים, וואָס וואָלטן איינגעגאַנגען מיט איר חתונה צו האָבן, אפילו איצט, ווען זי איז שוין געווען אַן עלטער מיידל. אָבער דוד איז געווען עפּעס אַנדערש. טאַקע אָרעם, אָבער פאָרט אַן אייגענער. דערצו איז ער געווען אַ שיינער, אַ יונגער, אַ פאַסטאַווּנער און גערעדט מיט אַזויפיל פאַרבאָרגענע רמזים. אין זיינע ווערטער וועלכע ער פלעגט צו איר רעדן זענען טיילמאָל געווען אַזעלכע געהיימע אָנצוהערענישן, פון וועלכע עס פלעגט איר וואַרעם ווערן אַרום דעם האַרץ און מאַנכמאָל האָט איר אַ היץ באַשלאָגן דאָס פּנים.

אין אָנהויב האָט זיך דוד ביי זיין גאַנצער דרייסטקייט, באַצויגן מיט גרויס דרך־ארץ צו בראָניען. אָבער גאָר גיך האָט ער אָנגענומען צו איר דעם זעלבן טאָן, וואָס בראודע׳ס יונגען. ער האָט זי אָנגעהויבן רופן „טשאָטשע בראָניע״. ווען זי האָט דאָס געהערט דאָס ערשטע מאָל פון זיין מויל, האָט זי זיך זייער דערשראָקן. זי האָט דערפילט אַז עפּעס איז אין איר איינגעפאַלן. זי האָט באַלד קלאָר דערזען אַז אירע חלומות זענען געווען פּוסטע, סתם אַן איינרעדעניש. איר איז געוואָרן פיינלעך, זי האָט זיך מוראדיק פאַרשעמט, פאַרשעמט פאַר זיך אַליין. ווען ער האָט אַרויס־געזאָגט „טשאָטשע בראָניע״ האָט זי דערזען מיט אַ פּאָר קלאָרע אויגן אפשר דאָס ערשטע מאָל זייט זי קען אים, אַז ער איז נאָך כמעט אַ ייִנגל. כאָטש פון דעם, וואָס ער האָט צו איר טיילמאָל גערעדט, האָט זי פאַר־שטאַנען אַז ער האָט שוין אונטער זיך נישט איין לעבנס־דערפאַרונג, איז ער נאָך אָבער דאָך געווען זייער ייִנגליש. זי האָט זיך אויך שנעל אַרומגע־זען אַז דוד וויל גרייכן גאָר הויך, אַז ער מיינט מאַניען. כאָטש זי איז געווען זיכער, אַז ער וועט דאָס קיינמאָל נישט דערגרייכן, האָט זי אים פאַרן בלויזן ווילן, פאַר דער חוצפּה פון ווילן, פיינט געקריגן. זי האָט געזען ווי דוד זוכט כסדר געלעגנהייטן זיך צו געפינען נעבן מאַניען. זי האָט געזען זייי אָפּט שמועסן. אין אָנהויב האָט זי פּרובירט זייי שטערן מיטן אייגענעם כוח, מיטן כוח פון איר פיינטשאַפט צו דודן. זי האָט אָבער געזען אַז זי וועט גאָרנישט אויפטון. דאַמאָלט האָט זי באַשלאָסן וועגן דעם אַלעם דערציילן מאַניעס עלטערן.

*

פאַר בראודע׳ן, וועלכער האָט פון דער ערשטער מינוט געזען אין דודן אַ כיטרען בחור, זענען בראָניעס אַנטדעקונגען נישט געווען אַזוי איבעראַשנדיק. אויף עפּעס האָט ער זיך פון אים געריכט. אָבער די פרוי בראודע איז געווען אויסער זיך. סיי זי, סיי איר מאַן האָבן נישט געפונען קיין איין מילד וואָרט פאַר דודן. זייי האָבן נישט גענומען אין חשבון נישט זיין יוגנט און נישט מאַניעס רייץ, וועלכער האָט אים געקאָנט באַווירקן און בלינד מאַכן אויף די חילוקים צווישן זייי און אויף די שווערקייטן וואָס וועלן אים שטיין אין וועג. זייי האָבן נאָר געזען די חוצפּה פון אַן

אָרעמען בחור, וואָס איז געקומען אין זייער רייכער שטוב און שטרעקט אויס אַ דרייסטע האַנט נאָך זייערס אַ קינד.

וואָס אַן אמת זענען די בראָודע׳ס אַליין גאָרנישט געווען אַזוי שטאַרק אַנטציקט פון מאַניען. ווי אויף עלטערן, דערצו שטאַרק באַשעפּטיקטע אויסער דער היים, זענען זיי געווען געגוג ניכטער און געזען אַלע אירע חסרונות, סיי די אינערלעכע און סיי די אויסערלעכע. עס איז אָבער געגוג געווען אַז דוד, שלמה בעקערס זון, כאַטש פון דער אייגענער משפחה, זאָל וועלן גרייכן נאָך עפּעס זייערס, אַז דאָס זייעריקע זאָל באַלד ביי זיי אויס־וואַקסן צו דעם בעסטן און שענסטן און ווערן פאַר אים אומדערגרייכבאַר.

די דאָזיקע שנאה און כעס פון די בראָודע׳ס צו דודן האָט בראָניע אונטערגעהעצט און אונטערגעהאַלטן. אַליין האָט זי נישט איינמאָל אין שווערע מינוטן זיך געפילט פון די בראָודע׳ס באַעוולט. נישט איינמאָל האָט זי זיך געטראַכט, אַז צוליב זייער פאַרטרוענקייט מיט זיך, האָבן זיי זי פאַרנאַכלעסיקט. זיי האָבן אָן איר פאַרגעסן און זי האָט אַזוי אַרום אַדורכגעלאָזט און פאַרשפּילט אירע יונגע יאָרן. אין מינוטן פון פאַרבי־טערונג האָט זי זיך געטראַכט, אַז דאָס, וואָס זי איז אָנגעקומען צו די בראָודע׳ס גראָד דאַמאָלט, ווען זייער מזל האָט זיי אָנגעהויבן אַזוי צושפּילן, איז געווען פאַר איר אַן אומגליק. זי איז זיי געווען אַזוי נויטיק, עס איז זיי מיט איר געווען אַזוי גוט און באַקוועם, אַז זיי האָבן אין איר געזען אַ טייל פון זייער אייגן מזל און וועגן איר גליק אינגאַנצן נישט געטראַכט. אין אַזעלכע רגעס פלעגט זיך אין בראָניען אָנצינדן אַ כעס צו די בראָודע׳ס. אָבער דער דרך־ארץ פאַר דעם רייכן, וואָס מען האָט איר איינגעפּלאַנצט אין איר בכבודיקער אָבער זייער געקוועלטער היים, האָט אין איר פון פאַר־אויס דערדריקט יעדן מינדעסטן געפיל פון אָפּענעם בונט. אין איר צוטראָגן וועגן דודן און מאַניען איז אַ חוץ אַ שנאה צו דודן געלעגן אַ שטיק חניפה צו די בראָודע׳ס.

מאַניעס עלטערן האָבן געבעטן בראָניען, אַז זי זאָל די זאַך נישט אַראָפּלאָזן פון די אויגן און ברענגען פאַר זיי אַלץ, וואָס זי באַמערקט צווישן דודן און מאַניען. בראָניע האָט זיך גענומען אויספירן איר אויפגאַבע מיט גרויס אייפער. וועגן יעדן דודס פּרווו זיך צו געפינען נאָנט מיט

מאַניען, וועגן יעדער זיין ווענדונג צו איר, וואָס האָט בראָניען אויסגעזען צו זיין צו היימיש און דרייסט, האָט זי זיי תיכף צוגעטראָגן.

בראָניע האָט אָנגעהויבן פירן אַ דאָפּלט־שפּיל. פון איין זייט איז זי געווען מיט מאַניעס עלטערן קעגן דודן, און פון דער צווייטער האָט זי זיך באַמיט צו געווינען מאַניעס סימפּאַטיע, און איז געווען מיט איר קעגן די עלטערן. זי האָט נאָכגעגעבן מאַניען אַלע אירע קאַפּריזן. זי האָט איר פאַר־שאַפט די ביכער מיט וועלכע מאַניע האָט זיך אַזוי אַנטציקט. אונטער איר אויפזיכט און לויט איר הכשר איז מאַניע געוואָרן אַן אָפטע באַזוכערין כונעם אָפּערעטן־טעאַטער. אַזוי ווי דודן האָט דערנענטערט צו בראודע׳ס יונגען דער מענערישער סוד, אַזוי האָט בראָניען דערנענטערט צו מאַניען דער ווייבערישער סוד. די פול מיט נישט אויסגעלעבטע בענקשאַפטן טשאַטשע בראָניע און די פול מיט נישט באַשטימטע פאַראויספילונגען מאַניע, האָבן זיך צונויפגעטראָפן אין אַ וועלט פון באַגער און נייגיר. זיי האָבן זיך נישט ליב געהאַט. איינע האָט געוואָלט הערשן איבער דער צווייטער. בראָניע, מיטן כוח פון דעם בלינדן צוטרוי וועלכן די בראודע׳ס האָבן געהאַט צו איר, און מאַניע מיט דעם, וואָס זי האָט געגעבן דער טשאַטשע בראָניע צו פילן איר פּאָזיציע ווי די עלטסטע טאָכטער אין אַ רייכער שטוב. בראָניען האָט געצויגן און געלאָקט די בשותפותדיקייט מיט מאַניען, ווייל נאָר אַזוי אַרום האָט זי זיך, כאָטש בלויז אינערלעך, געווערט קעגן דעם לאָזן זיך איינגאַנצן פאַרשלינגען פון דער באַלעבאַטיש־קייט און פון די פּראַקטישע טאָג־טעגלעכע ענינים אין וועלכע די בראו־דע׳ס האָבן זי אַלץ מער אַריינגעצויגן. בראָניע איז מיט איר נאָנטקייט צו מאַניען אַנטלאָפן אין אַ וועלט פון טרוימען און חלומות, פון וועלכע די בראודע׳ס אַליין זענען שוין געווען ווייט. אין מאַניען האָט בראָניע אָפּגעע־היטן איר אייגן פאַרבליבן ביסל יונגקייט, וואָס איז איר אַזוי אַ שאָד געווען צו פאַרלירן, און וואָס זי האָט מיט אירע אייגענע הענט צעזייט און צעשפּרייט אויף פּוסטקייטן און קלייניקייטן. בראָניע איז מיט איר נאָנטקייט צו מאַניען אַנטלאָפן פאַרן וואָרט „אַלט״, וואָס האָט זיך אָנגעע־הויבן פאַמעלעך, דין, כמעט אומבאַמערקבאַר, אָבער כסדר, אַרומוויקלען און צושטיין צו איר באַצייכנונג: מיידל. דאָס וואָרט „אַלט״, פּלעגט לעצטנס

ווי מיט קאַלטע געפרוירענע פינגער בלאָנדזשען איבער איר הייס לייב אין שלאָפלאָזע, לאַנגע נעכט, פולע מיט באַגערן און שרעקן.

*

בראָניע האָט געזען ווי די יונגען העלפן צו דודן אין זיינע פלענער בנוגע מאַניען. זי איז געווען הילפלאָז קעגן דער אָרגאַניזירטער באַנדע פול מיט אויפטוערישקייט און וואָס אַמאָל פרישערע איינפאַלן. דירעקט זיישטערן האָט זי אויך נישט געקאָנט, ווייל זי וואָלט אַזוי אַרום פאַרלוירן מאַניעס צוטרוי און יענע וואָלט זיך איינמאָל פאַר אַלעמאָל פון איר אָפּגעשניטן און נישט מער צוגעלאָזט צו זיך. עס איז בראָניען קלאָר געוואָרן, און יעדער איינער האָט עס אויך געקאָנט באַמערקן, אַז מאַניע גייט אַרום אַ פאַרטשאַדעטע פון דודס רייד און פון זיין כסדר דרייען זיך אַרום איר. מאַניע האָט גוט געשפּילט קלאַוויר, זי איז געווען מוזיקאַליש און דערצו זייער שיין געזונגען. זי האָט געהאַט אַ טיפע ליידנשאַפטלעכע שטימע, און פלעגט זינגען מיט גרויס געפיל. אַמאָפטסטן האָט זי געזונגען געטעס „ערלקעניג״. כאָטש דוד האָט קיין דייטש נישט געקענט, אָבער פון אַ סך מאָל הערן דאָס ליד איז אים פאַרשטענדלעך געוואָרן יעדעס איינצלנע וואָרט. ווען מאַניע איז צוגעקומען צו די ווערטער „אונד ביסט דו ניכט וויליג זאָ בראַוך איך געוואַלט״ האָט זי זיך געשטעלט מיטן פּנים צו דודן, געקוקט אים גלייך אין די אויגן אַריין, אויפגעהויבן די שטימע, פונאַנדערגענומען די הענט, אַקצענטירט יעדעס וואָרט אַזוי ווי זי וואָלט אים, דודן, אָנגעוויזן, אַזוי ווי זי וואָלט אים קלאָר געמאַכט, וואָס ער האָט צו טון. דודן פלעגן דאַמאָלט אַדורכגיין ווי מוראַשקעס איבערן לייב. ער האָט געציטערט מיט זייער אַ דראַבנעם ציטער. אינגאַנצן געווען פאַרטרייסלט און געפילט זיך ווי שולדיק קעגן איר.

בראָודע׳ס יונגען האָבן אָנגעהויבן אָפן צו רעדן, אַז דוד וועט חתונה האָבן מיט מאַניען. זיי האָבן זי אָנגעהויבן רופן, ווען זיי האָבן איר געוואָלט אַ טשעפּע טון, „פּאַני דאַווידאָוואַ״. זי פלעגט דאַמאָלט אַזוי מאָדנע לאַכן, אַביסל פון צופרידנקייט און אַביסל פון פאַרזשענירטקייט. די שמועסן אירע

מיט דודן זענען אין דער צייט געוואָרן וואָס אַמאָל עפּטערע און לענגערע. מיינע שוועסטערן האָבן איר אַמאָל געפרעגט: — „אָ טשעם טי טאַק דוזשאָ ראָזמאַוויאַש ז׳דאַווידעם״? (וועגן וואָס רעדסטו אַזויפיל מיט דודן?). מאַניע האָט אויף דעם געענטפערט: — „ראָזמאַוויאַמי נאַ טעמאַט״ (מיר שמועסן אויף אַ טעמע). סתם אַ טעמע האָט ביי איר געהייסן אַ ראָמאַנטי־שע טעמע.

דער פּראָווינצער, אינגאַנצן נישט געבילדעטער בחור, האָט געוווסט סוף־כל־סוף, ווי אַזוי און מיט וואָס צו פאַרפלאָנטערן אין זיין נעץ, ווי אַזוי צו געווינען פאַר זיך אפילו אַ גרויס־שטאָטיש מיידל, ווי מאַניע איז געווען.

איינמאָל האָט בראָניע אויפגעכאַפּט ווי די יונגען רופן מאַניען „פּאַני דאַווידאָוואַ״. נאָך מער ווי די דאָזיקע ווערטער גופא האָט איר אויפגע־טרייסלט מאַניעס משונהדיק געלעכטער, וואָס איז נאָך דעם געקומען. זי האָט געזען, אַז עס הויבט אָן ווערן זייער ערנסט. איר איז שוין איצט נישט געגאַנגען אַזויפיל אין דודן, ווי אין דער מעגלעכקייט אַז מאַניע זאָל חתונה האָבן פריער פאַר איר. זי האָט דאָס בשום אופן נישט געוואָלט דערלאָזן. נאָך דעם זעלבן אָוונט איז פאַרגעקומען אַ געהיימע באַראַטונג צווישן די בראודע׳ס מיט בראָניען. דאַמאָלט איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אַ געטרייער פּלאַן. די עלטערן זענען געווען זיכער, אַז זיי האַלטן דעם גורל פון זייער קינד אין זייערע הענט.

די פרוי בראודע האָט געהאַט קרובים אין דער שווייץ, אין דער פראַנצויזישער טייל. זי האָט צו זיי אָנגעשריבן, אַז צוליב זייער אַ וויכטי־קער סיבה בעט זי, אַז זיי זאָלן איינלאַדן מאַניען צו זיך אויף עטלעכע וואָכן. אַזוי אַרום האָבן זיי געטראַכט קודם־כל צו צעשיידן מאַניען מיט דודן, און דערנאָך וועלן זיי זיך שוין באַמיען, אַז זי זאָל דאָרט וואָס לענגער בלייבן. דעם פּראָיעקט אַוועקצושיקן מאַניען האָט אויפגעגעבן בראָניע.

ווי שווער עס איז איר נישט געווען זיך צו שיידן מיט מאַניען, האָט זי אָבער קיין אַנדערע עצה נישט געזען. דער געדאַנק, אַז זי וועט זי סיי ווי סיי פאַרלירן און דאָס נאָך דורך דעם, וואָס מאַניע וועט חתונה האָבן מיט דודן, האָט איר קיין רו נישט געגעבן. און אפשר האָט זי געטראַכט, אַז

אויב דוד וועט זען אַז מאַניע איז נישטאָ וועט ער זיין אויפמערקזאַמקייט ווענדן אויף איר? אפשר. קאָן זיין אַז אַזאַ געדאַנק האָט בראַניע פאַרבאָר־גענערהייט אין זיך געטראָגן. אויסערלעך האָט זי אָבער דעם עיקר נישט געלייגט אויף דער פּערזאָן פון דודן, נאָר אויף דער „געפאַר" וואָס דראָט מאַניען. מיט איר איבערגעגעבנקייט צו זייער טאָכטער האָט זי און אירע פּראָיעקטן שטאַרק אויסגענומען ביי די בראָודע׳ס.

די פרוי בראָודע׳ס קרובים זענען געווען עלטערע מענטשן, זייער פאַרמעגלעכע און קינדערלאָזע. זיי האָבן זיך שטאַרק דערפרייט מיט דעם געדאַנק, אַז זייערס אַ קרובה, און דערצו אַזאַ יונג מיידל, וועט צו זיי קומען. זיי האָבן אָנגעשריבן מאַניען אַ בריוו מיט אַן איינלאַדונג און מיט אַ ביטע דורכאויס זיי צו באַזוכן. זיי האָבן איר געשילדערט די וווּנדערבאַ־ר׳ע געגנט אין וועלכער זיי וווינען און אויסגערעכנט אַלע באַקוועמלעכקייטן וועלכע זי וועט ביי זיי האָבן. זיי האָבן איר אויך צוגעזאָגט צו פאַרשאַפן אַ סך פאַרגעניגנס און אַלץ טון זי זאָל ביייזיין אויף אַלע סעזאָן־פאַרוויילונ־גען. מאַניע האָט זיך פון דעם בריוו געפילט שטאַרק געהויבן. זי האָט זיך דערפילט אַ דערוואַקסענע פון דער רייזע, וועלכע איז איר פאַרגעשטאַנען אַליין דורכצומאַכן. זי איז געווען געגנוג לייכטזיניק און זאָרגלאָז, אַז זי זאָל זיך לאָזן פאַנגען פון דעם מיראזש פון די אַלע נייקייטן און אַטראַקציעס, וועלכע האָבן איר דערוואַרט. מען האָט זי אָנגעהויבן באַלד אַרומצופירן אין מאַגאַזינען און איינקויפן סחורות אויף קליידער. מען האָט זי אַרומגע־שטעלט מיט שניידערינס און מאָדיסטקעס. מאַניען האָט דאָס אַלץ פאַר־כאַפּט און באַצויבערט. זי האָט געקענט אַביסל פראַנצויזיש. אָבער די עלטערן האָבן דורכאויס פאַרלאַנגט, אַז זי זאָל זיך די שפּראַך וואָס מער צולערנען. מאַניע האָט טאַקע באַלד אָנגעהויבן נעמען לעקציעס פון פראַנ־צויזישער קאָנווערסאַציע ביי דער עלטסטער טאָכטער פון אונדזער שכן סוליק, וועלכער האָט זיך מיט אַ קורצער צייט צוריק געהאַט אַריינגעצויגן מיט זיין פאַמיליע צו אונדז אין הויף אויף פּאַקאָרנע.